STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05594

DOS IDISHE YOHRBUKH 1918

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס אידישע
יאָהרבוך 1918

פ ע ר ט ע ר   י אָ ה ר ג אַ נ ג

א י נ ה אַ ל ט :

קאַרל מאַרקס, בילד — — — — — — — 7. 3
י. ב. סאַלוצקי: קריעג און רעוואָלוציע — ז. 5
מ. קאַלטשין: די רוסישע רעוואָלוציע
מאָנאַט פאַר מאָנאַט — — ז. 10
וואָס דער קריעג האָט שוין אָבגעקאָסט — ז. 15
קאַלענדאַר פון וועלט־קריעג — — — — ז. 19
י. ב. סאַלוצקי: — 1917 —
I. אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען — ז. 25
II. אַמעריקאַ — סאָציאַל־עקאָנאָמיש,
פאָליטיש און קולטורעל — — ז. 35
III. דאָס אידישע לעבען — — — — ז. 51
סאָציאַליסטען אין פאָדערגרונד, בילדער — ז. 57
הערמאַן שליטער: קאַרל מאַרקס — — — ז. 65
קאַרל רעננער: 35 יאָהר מאַרקסיזם — — ז. 87
היסטאָרישע און ביאָגראַפישע דאַטען — ז. 96
אידישע בעפעלקערונגס־סטאַטיסטיק — ז. 108
אָרגאַניזאַציאָנס־דירעקטאָרי — — — 114-128

רעדאַגירט פון י. ב. סאַלוצקי.

אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע
אין אַמעריקאַ, — נויאָרק, 1918.

וויכטיגע אַרטיקלען און אבטיילונגען אין די יאָהרביכער פון 1916 — 1915 — 1914.

— 1914 —

פריוהייטס־קאַלענדאַר — — — — — — 4
מ. טערמאַן, סאָציאַליזם די נעקסטע שטופע 28
מאָררים הילקוויט, די אינטערנאַציאָנאַלע 33
א. ש. זאקס. דארווין און מאַרקס — — 37
א. ב. דער סאציאליזם איז אינטערנאציאנאל 43
דר. מאַקס גאָלדפאַרב, די אַרבייטער בעווע־
גונג אין רוסלאַנד אין 1913 — — 46
די איד. סאָצ. פעד. פון אַמעריקא — — 50
דר. ק. פאָרנבערג, דאָס אידישע לעבען אין
1913 — — — — — — — — — — 54
י. ב. יאַקאָבי, די אידישע אַרבייטער בע־
וועגונג אין 1913 — — — — — — 59
אידישע בעפעלקערונגס און עקאָנאָמישע
סטאַטיסטיק — — — — — — — 78 — 64
געזעצגעבונג, רעגיערונג, פערוואלטונג און
פאָליטיק פון די פער. שטאַאטען, 84 — 79
אַלגעמיינע און סאָציאַלע סטאַטיסטיק פון
די פעראייניגטע שטאַאטען — 89 — 85
עקאָנאָמישע סטאַטיסטיק: לאַנדווירטשאַפט;
אינדוסטריען; פערלוסט פון קאַפּיטאַליזם;
וואָס סאָציאַליזם וואָלט געבראַכט, 95 — 90
סאָציאַל־פּאָליטישע סטאַטיסטיק: פּראָפּיטען
און ארבייטס־לוין; ווי מען זאָרגט פאר
די פאָלקס־בילדונג — — — 98 — 95
אַלגעמיינע אינפאָרמאַציאָנען: אימיגראציאָנס־
געזעצען; היברו אימיגראַנט אייד סאָסיי־
טי; ווי צו ווערען אַ ביורגער; ווי צו קרי־
גען א פּאַס; פּאָסט שפּאָר־קאַסען; דער
ווערטה פון אויסלענדישע געלד און אַמע־
ריקאַנער; פּאָסט געזעצען. — 110—100

— 1915 —

די פאָטערס פון סאָציאליסטישען און רע־
וואָלוציאָנערען געדאנק. (קורצע ביאָ־
גראַפיען מיט בילדער) — — — — — 3
מ. ווינטשעווסקי, 25 יאָהר סאָציאַליסטי־
שע אַרבייט (דער טויטש און דער איד) 30
מ. הילקוויט, די סאָציאליסטישע בעוועגונג
אין די פעראייניגטע שטאַאטען — 37
י. ב. ביילין, די נאַציאָנאַלע סאָציאליס־
טישע פעדעראציאָנען — — — — 45
ש. עפשטיין, די אידישע סאָציאַליסטישע
פעדעראציאן פון אמעריקא — — — 54
דר. אננא אינגערמאַן, די פרויען־בעווע־
גונג — — — — — — — — — 62
דאָס יאָהר 1914: — ב. וולאַדעק, אַמעריקאַ;
דר. מ. גאָלדפארב, אייראָפּא; צביון, דאָס
אידישע לעבען; י. ב. סאַלוצקי, די אי־
דישע יוניאן־בעוועגונג; אברהם רייזען,
די אידישע ליטעראטור; משה א. בץ,
די אידישע פּרעסע; פרהייטס־קאַלענ־
דאַר — — — — — — — 120 — 68
אב. ביזנאָ, די א. פ. אָף ל. — — — — — 121
בן יקיר, דער אַרבייטער רינג — — — 129
דר. ה. קאָהען, דער הויז־דאָקטאָר — 135

— 1916 —

א. ליטוואַק: דער קריעג און די ווירט־
שאַפט — — — — — — — — — 3
וואָס האָבען אָבגעקאָסט די 17 מאָנאַטען
מלחמה — — — — — — — — — 15
וו. מייסקי: א בליק אין דער צוקונפט, 16
די סאָציאליסטען און דער קריעג — — 19
אונזערע טויטע — — — — — — — 20
דאָס יאָהר 1915: י. ב. יאקאבי — דער
קריעג; י. ב. סאלוצקי — אַמעריקא;
י. לוי — דאָס אידישע לעבען; דר. מ.
גאָלדפאַרב — די אידישע אַרבייטער
בעוועגונג — — — — — — — 55 — 21
מ. טערמאַן: אַ קליינע ענציקלאָפּעדיע:
הונדערט ווערטער; 30 לענדער און
פעלקער; די פעראייניגטע שטאַאטען
אין ציפערען; די סאציאליסטישע
בעוועגונג; די אידישע סאָציאליסטי־
שע פעדעראציאן; אידישע סטאַטיס־
טיק — — — — — — — — 93 — 56
דר. ה. קאָהען: דער הויז־דאָקטאָר — 94
פריוהייטס־קאַלענדאַר — — — — — 99
אידיש־ענגלישער לוח — — — — — — 111



קאַרל מאַרקס (5 מאַי 1818 — 14 מערץ 1883)

אין פּראָגרעסיווע לענדער וועלען בכלל קענען אָנגעווענדעט ווערען די פאָלגענדע מיטלען:

1. די עקספּראָפּריאַציע פון דעם ערד־פערמעגען און די פערווענדונג פון דער ערד־רענטע אויף די הוצאות פון דער מלוכה.

2. אַ גרויסע פּראָגרעסיווע שטייער אויף הכנסות.

3. די אָבשאַפונג פון דעם ירושה־רעכט.

4. די פערמעגענס־קאָנפיסקאַציע פון אַלע עמיגראַנטען און אינסורגענטען.

5. די צענטראַליזאַציע פון דעם קרעדיט אין די הענד פון דער מלוכה דורך אַ נאַציאָנאַל־באַנק מיט אַ מלוכה קאַפּיטאַל און מיט דעם איינציגען מאָנאָפּאָל פון קרעדיט אין דעם גאַנצען לאַנד.

6. צענטראַליזירען די טראַנספּאָרט־מיטלען אין די הענד פון דער מלוכה.

7. פערמעהרען די צאָהל פון די נאַציאָנאַלע פאַבריקען און פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען, פרוכטבאַר מאַכען די וויסטע ערטער און אויסבעסערען די בעאַר־ביטזאַמע ערד נאָך איין אַלגעמיינעם פּלאַן.

8. איינפיהרען, אַז אַלע זאָלען מוזען גלייך אַרבייטען און אָרגאַניזירען אינדוסטריעלע אַרמעען, בעזאָנדערס פאַר די פעלד־אַרבייט.

9. פעראייניגען די פעלד־אַרבייט מיט דער אינדוסטריע, אָננעהמען מיטלען, אַז ס'זאָל ביסלעכווייז בעזייטיגט ווערען דער אונטערשיעד צווישען שטאָדט און דאָרף.

10. די ערציהונג פון אַלע קינדער אויף דעם חשבון פון דער מלוכה. אָבשאַפען די פאַבריק־אַרבייט פון קינדער אין איהר איצטיגער פאָרם. פעראייניגען די ערציהונג מיט דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן און אַז. וו.

ווען אין פערלויף פון דער ענטוויקלונג וועלען פערשווינדען די קלאַסען־אונטערשיעדען, און די גאַנצע פּראָדוקציאָן וועט זיין קאָנצענטרירט אין די הענד פון אַסאָציאירטע פּערזאָנען, דאַמאָלס וועט די מלוכה־מאַכט פערליערען איהר פּאָליטישען כאַראַקטער. די פּאָליטישע מאַכט איז, אייגענטליך, אַן אָרגאַניזירטע מאַכט פון איין קלאַס אויף אונטערצודריקען דעם צווייטען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער מוז זיך אים קאַמפּף געגען דער בורזשואַזיע פעראייניגען אין אַ קלאַס, הויבט זיך אויף דורך אַ רעוואָלוציע צו דער לאַגע פון אַ הערשענדען קלאַס און אַלס הערשענדער קלאַס שאַפט ער אָב דורך געוואַלט די אַלטע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסען, שאַפט ער שוין במילא אָב צוזאַמען מיט דיזע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסען אויף די בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קען עקזיסטירען דער געגענזאַץ צווישען די קלאַסען, און דערמיט גופא שאַפט ער אויך אָב זיין אייגענע הערשאַפט, אַלס קלאַס.

אויף דעם אָרט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט איהרע קלאַסען און קלאַסען־געגענזאַצען קומט אויף אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די פרייע ענטוויקלונג פון יעדען איינציגען איז די בעדינגונג פאַר די פרייע ענטוויקלונג פון גאַנצען כלל.

—פון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", פערפאַסט פון
מאַרקס און ענגעלס אין 1848.

י. ב. סאַלוצקי

קריעג און רעוואָלוציע

די וועלט אין קריעג, די רעוואָלוציע איבער דער וועלט, — דאָס איז אין קורצע ווערטער דער גרויסער אינהאַלט פון דעם פערלאָפענעם יאָהר, דעם דראַמאַטישסטען, אינהאַלטסרייכסטען און וויטגעהענדסטען פון אַלע דריי מיט אַ האַלב יאָהרען פון דעם וועלט־קריעג.

די גרעסטע רעפובליק פון דער וועלט — די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקאַ — איז אריין אין קריעג אין דעם יאָהר 1917. די גרעסטע דעספּאָטיע אין דער וועלט — רוסלאַנד — איז אריין אין דער משפחה פון פרייע פעלקער אין 1917.

רוסלאַנד האָט הויך אויפגעהויבען דעם פאַקעל פון רעוואָלוציע איבער דער גאַנצער וועלט, און אונטער איהר זודיגער ליכט האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען און בעוועגען די איינגעשלאָפענע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין אַלע לענדער: אין ענגלאַנד שטייגט אַלץ העכער די כוואַליע פון אונצופרידענהייט; אין דייטשלאַנד קומט צום וואָרט די אָפּאָזיציע צו דער טיראַניי פון די יונקערס און אַליינהערשאַפט פון דעם קייזער; אין פראַנקרייך האָבען די סאָציאַליסטען פערלאָזען די רעגיערונג; אין איטאַליען איז דער גאַנצער סאָציאַלער באָדען פול מיט אויפרייסונגס־שטאָף.

די פעראייניגטע שטאַאטען איז אַרויס פון דער משפחה נייטראַלע לענדער, און נאָך איהר זיינען אוועק די קלענערע נייטראַלע נאַציאָנען: ווער ס'האָט ערקלעהרט קריעג מיט די צענטראַל־מאַכטען, ווער ס'האָט איבערגעריסען דיפּלאָמאַטיש־פריינדליכע בעציהונגען מיט זיי. ניטאָ מעהר קיין נייטראַלע וועלט, קיין נייטראַלע פעלקער. שווייצאַריע און שוועדען, האָלאַנד און נאָרוועגיען, — די און נאָך אַ פּאָר קליינע פעלקער־לענדער זיינען ניט דירעקט אין קריעג: אָבער וועניגער פון אַלץ איז עס זייער גוטער ווילען, וואָס האַלט זיי אויסער'ן קריעג; זיי קענען זיך ניט העלפען. זיי זיינען אַזוי צוגעדריקט — וואו פון איין צד, וואו פון צווייטען, און אַ מאָל פון ביידע, — אַז אָפענער קריעג וואָלט אפשר בעסער געווען פאַר זיי, איידער כלומרשטע נייטראַליטעט. זייער נייטראַליטעט איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען, ווי זייער אנטייל אין קריעג וואָלט געווען. זיי זיינען אַ שפּיעלצייג אין די הענט פון די גרויסע לייבען־מלוכות. נייטראַל זיינען זיי ניט און קאָנען מעהר ניט זיין.

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אַמעריקאַ'ס איינטריט אין דעם וועלט־קריעג זיינען די צוויי גרויסע פּאַסירונגען פון דעם יאָהר, וואָס וועלען האָבען די גרעסטע בעדייטונג אין דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. אָבער ביידע פּאַסירונגען זיינען ניט ענטשטאַנען פון גאָרניט. זיי זיינען אַרויס אויף דער פלעכע, אַלס אַן אָפענער אויסדרוק פון אינווענדיג־ווירקענדע, ביז איצטער פערבאָרגענע, טיעף־ליעגענדע סאָציאַלע כחות. 1917 איז נאָר דער יורש פון די פריהערדיגע יאָהרען.

די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 איז דאָס קינד פון דער רוסישער רעאַקציע ביז 1917 און דאָס קינד'ס־קינד פון דעם אינווענינסטען קאַמפּף פון די סאָציאַלע קרעפטען און אָפענער שלאַכט פון רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־שיכטען אינ'ם משך פון אַ קנאַפּען יאהרהונדערט צייט.

און דאָס זעלביגע איז אַמעריקאַ'ס בעטייליגונג אינ'ם וועלט־קריעג. ניט צופע־

ליגע מאָמענטען, ניט נאָר סימפּאַטיעס צו איינעם פון די צדדים אין קריעג האָבען בעוועגען די גרויסע רעפּובליק אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אויפצוגעבען איהר הונדערט־יאָהר אַלטע פּאָליסי פון ניט מישען זיך אין די אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע סכסוכים. טיעפע עקאָנאָמישע סבות, גרויסע נאַציאָנאַלע און אינטער־נאַציאָנאַלע פאַקטאָרען האָבען זי געמאַכט פאַר א שותף אין דעם קאַמפף פון אַמבי־ציעס, אינטערעסען און אָרגאַניזאַציאָנס־מעטאָדען, וואָס ליעגט אינ׳ם אונטערשלאַג פון דער אייראָפּעאישער מלחמה.

די רוסישע רעוואָלוציע בעשרענקט זיך ניט אויף די גרענעצען פון רוסלאַנד. זי האָט ווידער אָנגעצונדען דעם האַלב־אויסגעלאָשענעם גלויבען אין רעוואָלוציאָנערער טהאַט ביי די רעוואָלוציאָנערען פון אַלע לענדער. זי ווירקט דירעקט און אָפען אויף דעם קאַמפּף פאַר מעהר דעמאָקראַטיע און אמת׳ע דעמאָקראַטיע, פאַר פּאָליטישע און סאָציאַלע גלייכהייט און גערעכטיגקייט, וועלכען עס פיהרען די אונטערדריקטע קלאַ־סען אין אַלע לענדער. די רוסישע רעוואָלוציע איז דער שוואַלב, וואָס זאָגט אָן דעם אָנקונפט פון דעם נייעם סאָציאַלען פריהלינג מיט אַלע שטורעמס און ווינטען, אָבער אויך מיט אַלע ליכטיגע שטראַהלען און בליהונגען פון פריהלינג. די ערוואַכונג פון רוסלאַנד איז די אָנזאָגונג פון דער נייער צייט פאַר דער גאַנצער וועלט, א צייט פון מוטיגען און ערפאָלגרייכען, פון שטורעמדיגען אָבער פרוכטבאַרען קאַמפּף.

אַמעריקאַ׳ס פערלאָזען די פּאָליסי פון אָבגעזונדערטקייט און אָנשליסען זיך אָן דעם אַקטיווען אינטערנאַציאָנאַלען לעבען איז א ריזיגער שריט פאָרווערטס אין דער ענטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם. פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם אָהן וועלכען ס׳קאָן מעהר נישט עקזיסטירען אונזער מאָדערנע וועלט, אָהן וועלכען זי בלייבט שטעהן אין האַלבען וועג צו איהר ציעל: די שאַפונג פון א פערברידערטער און צוזאַ־מענאַרבייטענדער מענשהייט. ס׳איז ניט די אַרט און ווייזע, ווי אַזוי אַמעריקאַ האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנאַציאָנאַלער מלחמה, ווי דער פאַקט פון אַל־טיוו אָנשליסען זיך, וואָס עס איז פון גרויס וויכטיגקייט און פערשפּרעכט אַזוי פיעל. ס׳איז מעגליך געווען, דאָס די אַמעריקאַנער רעפּובליק זאָל געווען אריין אַקטיוו אין דעם קאַמפּף ניט האָבענדיג גענומען זיך פאַר האָס געוועהר. און ס׳איז מעגליך, אַז זי וואָלט ניט בעוואָפענטערהייט און פריעדליכערוויוזע מעהר און גיכער אויפגעטאָן. ס׳איז אָבער וויכטיג, אַז אַמעריקאַ שטעהט מעהר ניט אין דער פּאָזע „פון דעם דריטען וואָס פרעהט זיך": זי איז א טייל פון דער פעלקער־משפחה, מעג די משפחה היינט צוקריעגט און אויף שטיקער צוריסען זיין מחמת ברודער־קאַמפּף. מיר לעבען אין א צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז איין געשלאָסענע קייט, וואו די בעזונדערע רינגעלעך פון דער קייט זיינען ענג און אונפערמיידליך צונויפגעבונדען. קיין לאַנד אין דער וועלט קאָן איצטער מעהר ניט לעבען פאַר זיך און אָבגעזונדערט, ווי קיין שטאָדט אין א לאַנד קאָן עס ניט. צו פיעל און צו שטאַרקע פעדימער פעראייניגען זיי. אַמע־ריקא האָט דעם פאַקט בעגריפען און אנערקענט, און אויף איהם וועט זי בויען איהר צוקינפטיגע אויפפיהרונג. אַמעריקאַ׳ס איינטריט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל פון בלוט איז א צוזאָג אַז ס׳וועט ענדליך זיעגען און לעבען דער אינטערנאַציאָנאַל פון לעבען און פריעדען.

דער קריעג און די רעוואָלוציע האָבען צורודערט אַלע יסודות פון אונזער געזעל־שאַפטליכען לעבען. זיי האָבען ניט געלאָזען ניט־בעריהרט קיין איין ווינקעל פון דער

עפענטליכקייט, קיין איין יסוד פון די פּאָליטישע און גייסטיגע בעגריפען, וואָס האָבען ביז אהער געהאַלטען אין זייער מאַכט אונזער גאַנצען סאָציאַלען בנין. וואָס עס איז אַלע מאָל בעטראַכט געוואָרען אַלס פעסט און זיכער איז איצט געשטעלט אונטער דער פערניכטענדער קריטיק פון די ניי־געשאַפענע צושטענדען. וואָס נעכטען האָט אויסגעוויזען גערעכט, איז היינט אַ זיכערע עולה. וואָס איז פון דורות בעטראַכט געוואָרען ווי מן השמים, איז ניט מעהר גאַנגבאַר ווי פּאַפּיער־געלד פון אַ באַנקראָטירטער רעגיערונג. די קריטיק פון וואַפען האָט צובראָכען אַלע אַלטע געטער, די וואַפען פון קריטיק רייניגט דעם באָדען פאַר נייע ווערטען. צוזאַמען מיט רואינע און הריגה האָט דער קריעג געשאַפען דעם באָדען פאַר אַ נייער וועלט. די רעוואָלוציע האָט אויף דעם באָדען גענומען אויפשטעלען די נייע געביידע.

דער קריעג מיט זיינע מורא'דיג גרויסע פאָדערונגען צו דעם מענשען, צו דעם יחיד, ווי צו דעם כלל, האָט אַרויסגערופען אַ גוואַלדיגע אָנשטרענגונג פון דער מענשליכער ענערגיע, פון זיינע שאַפענדע כחות, פון זיין ווירקונגס־קראַפט. געווים איז עס צו בעדויערן, וואָס אַזוי פיעל גאָלדענער שכל איז פערשווענדט געוואָרען אויף צו לאבד ולהשמיד, פאַר פערניכטונגס־אַרבייט. אָבער ניט אינגאַנצען און ניט אַלץ איז פערלאָרען געגאַנגען. ספּעציעל, וואָס לענגער דער קריעג האַלט אָן, אַלץ מעהר לערנט ער. 1917 האָט אין דעם פּרט דעם לייבען־חלק פון דאָס גוטע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דאָס בייזע. דער קריעג האָט זיך אָנגעהויבען צוליעב סבות, וואָס האָבען ווייניג שייכות געהאַט מיט אידעאַלע מאָטיווען, מיט ווירקליך־פּראָגרעסיוולע בעשטרעבונגען. זיין באָדען איז דורכאויס אַ גראָב־מאַטעריעלער געוועזן. אָבער אינ'ם פּראָצעס פון זיין אייגענער ענטוויקלונג האָט ער זיך אַליין איבערגעבויט. אָנגעהויבען האָבען דעם קריעג די רעגיערונגען, געפיהרט האָבען איהם אונטערטעניגע מאַסען, עס וועלען איהם פערענדיגען די זעלבסטבעוואוסטע, אין זייער רעכט־בעוואוסטזיין אויסגעוואַקסענע פעלקער. ס'האָט אויסגעוויזען פון אָנהויב, אַז דאָס וועט זיין אַ צוזאַמענשטויס פון הערשער, וועלכען ס'וועלען אויסקעמפּפען סאָלדאַטען. דער אָנהויב פון דעם נאָהנטען סוף ווייזט, אַז ניט סאָלדאַטען, נאָר אַרבייטער זיינען היינט צו טאָג דער רוקען־ביין פון קריעג, און וואָס ווייטער פרעגען די אַרבייטער: צוליעב וואָס איז דער קריעג? ווער ס'זאָל אין דעם קריעג סוף כל סוף ניט געווינען, די הערשער זיינען פערלאָרען. וועלכע מלוכה ס'זאָל ניט אַרויס פאָרמעל די זיעגערין, פאַקטיש זיעגט דאָס קעניגרייך פון אַרבייט אין דער רעפּובליק פון בעפרייטע פעלקער. איינע נאָך די אַנדערע זיינען אַרויסגעוואַקסען — פון דער שטיל פון די קאַבינעטען אַלס ענטפער אויף דעם דרינגענדען רוף פון די מאַסען — די אישיום פון: רעכט פון פעלקער אויף זעלבסטבעשטימונג, פעראַנטוואָרטליכקייט פון רעגיערער פאַר די פעלקער, אָבשאַפונג פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע, פאָלשטענדיגע ענטוואַפנונג, פרייע גרענעצען און ימים, פרייע מעגליכקייטען פאַר אַלעמען, קיינע עראָבערונגען דורך קריעג, קיינע בעשטראָפונגען פאַר נידערלאַגע. ניט אומזיסט האָט פּרעזידענט ווילסאָן לעצטען זומער גערעדט וועגען די דרינגענדע שטימען וואָס פילען אָן די לופט. עס האָבען גענומען ריידען די אייביגע שטומע — די מאַסען, און וועה איז צו די הערשער, וואָס האָבען נאָך די שטימען ניט דערהערט.

וואָס דער קריעג האָט נאָר מעגליך געמאַכט, האָט די רעוואָלוציע פערוואַנדעלט אין אַ פאַקט. די שטימען, וואָס פּרעזידענט ווילסאָן האָט דערהערט אין דער לופטען,

וואָלטען צו קיין אויער ניט דערגרייכט, ווען דער גראַנדיעזער פייער פון אויפשטאַנד וואָלט ניט שטיל געמאַכט דעם גערויש פון קאַנאָנען: די איבערראַשטע וועלט האָט דערזעהען און דערהערט. די פעלקער האָבען אין די שטימען דערקענט זייער געוויסען און זייערע האָפנונגען, זייער טרוים און רוף, און די הערשער האָבען — געבויגען דעם קאָפּ. אָהן דעם פלאַם־פייער פון דער רעוואָלוציע וואָלט דאָס אייזען פון קריעג ניט איבערגעגאָסען געוואָרען אין דעם רידעל און האָק פון אַ נייער סאָציאַלער בויאונג. די רעוואָלוציע איז, פּונקט ווי דער קריעג, ענטשטאַנען פון דער מאַטעריעלער נויט, פון הונגער און קעלט, וואָס די מיליאָנען האָבען אין רוסלאַנד געליטען. אָבער שוין איז זי געוואָרען די טרייבקראַפט פון די שעהנסטע און ערהאַבענסטע אידעאַלע מאָטיווען פון מענשען־רעכט און פעלקער־פרייהייט. אַ קינד פון נויט, איז זי היינט די מוטער פון שעהנסטען גליק, דער קוואַל פון גרעסטען ווערט — פון זעלבסט־אָפּפער און גרויסמוט.

דער קריעג און די רעוואָלוציע זיינען אזוי ווייט שותפים געווען אין דעם גרויסען פּראָצעס פון איבערבויען די וועלט אויף איהר אייגענעם חורבן. די רוסישע רעוואָלוציע איז געבאָרען געוואָרען מיט דעם געשריי פון פעלקער־רעכט אויף איהרע ליפּען. איהר ערשטער אויסדריקליכער און דורכגעטראַכטער וואָרט איז געווען: קיינע ערָאָבערונגען און קיינע בעשטראָפונגען. און אַמעריקא, דער לעצטער גרויסער צוגאָב צו דעם וועלט־קריעג, איז אריין אין קריעג מיט׳ן רוף: „זיכער צו מאַכען די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע“. אָבער וואָס ווייטער איז אַלץ שטאַרקער געוואַקסען דער ווידערשפּרוך, דער געגענזאַץ צווישען די צוויי קינדער פון אימפּעריאַליסטישער זשעדנעקייט און קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, צווישען קריעג און רעוואָלוציע.

דער קריעג האָט געבאָרען די רעוואָלוציע, אָבער כדי ווייטער צו לעבען האָט די רעוואָלוציע געמוזט דער׳הרג׳ענען דעם קריעג. און 1917 איז געווען די צייט און דער מזרח־פראָנט פון דעם אייראָפּעאישען קריעגס־טעאַטער די סצענע, וואו ס׳האָט זיך אָבגעשפּיעלט אָט די גרעסטע פון אַלע דראַמאַס, דער טראַגישער צוזאַמענשטויס צווישען די צוויי מאָדערנע געטער פון גוטען און בייזען, פון שאַפען און ברעכען. דער קאַמפּף איז נאָך ניט צו ענדע. נאָך האָט די רעוואָלוציע ניט בייגעקומען דעם קריעג, אָבער דער קריעג איז שוין שוואַך בייצושטעהן געגען דער רעוואָלוציע. נאָך האָט קיינער ניט געזיעגט, אָבער די ערשטע חדשים פון 1918 וועלען אונפערמיידליך ברייינגען דעם רעזולטאַט. ווער וועט זיעגען? — אויב סמנים זיינען מאַסגעבענד, ווייזען זיי אין דער ריכטונג פון דער רעוואָלוציע.

דעם 22טען יאַנואַר, 1917, האָט פּרעזידענט ווילסאָן געהאַלטען זיין רעדע פאַר דעם סענאַט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען וועגען „פריעדען אָהן נצחון“. און זיין רעדע איז בעגריסט געוואָרען פון... געצעהלטע אידעאַליסטען, צוזעעט און צושפּרייט דאָ און דאָרטען, אין אַ וועלט פון בלוט־דורשט און שטרעבונג צו נצחון, ווען אפילו מיט׳ן פּרייז פון אונטערגאַנג. די וועלט אין וואָפען האָט געענטפערט מיט נאָך אַ שטאַרקערען רוף צום געוועהר. די רעוואָלוציע איז נאָך דאַן ניט געקומען: מוטער רוסלאַנד האָט געפיהלט, אז „ס׳איז געקומען דאָס קינד ביז צום ברוכשטול, אָבער ס׳איז ניטאָ קיין כח צו געבוירען עס“... די רוסישע דעמאָקראַטיע האָט זיך קאָנוואולסיוו געראַנגעלט אין די טאַטעריש־דייטשע נעגעל פון די ראָמאַנאָווס. און דעם 8טען יאַנואַר 1918 האָט ווידער אַמאָל גערעדט דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק

אין אַמעריקאַ. און דייטליכער, איידער ווען עס איז, קלעהרער ווי אַלע מאָל, האָט ער געהערדט די ווערטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע: זעלבסט־בעשטימונגס רעכט פון פעלקער, קיין געהיים־דיפּלאָמאַטיע, קיינע עראָבערונגען, פאָלשטענדיג ענטוואָפּנונג, רעגיערונגס־פעראַנטוואָרטליכקייט, פרייע גרענעצען און ימים. איינס נאָך איינס האָט דער פּרעזידענט פון דער גרעסטער רעפּובליק אין אַמעריקאַ אַדאָפּטירט די פאָדערונגען פון דער גרעסטער רעפּובליק אין אייראָפּאַ, און די פערפּאַנצערטע וועלט האָט צונויפגעדריקט די ציינער, געשוויגען און ניט געוואַגט זיך שטעלען אַנטקעגען. שטיל איז אויף די מערב גרענעצען. ענטשוויגען זיינען די קאַנאָנען, עס אַרבייטען די „פריעדענס־אָפענזיוועס“. עס ראַנגלען זיך רעוואָלוציע און קריעג. ווער וועט זיעגען? רוסלאַנד און ווילסאָן, צי די באָנאַר לאָא׳ס און דייטשלאַנד? — אויב סמנים זיינען מאָסגעבענד, וועט זיעגען די רעוואָלוציע און דער איינציגער פון די שטאַאַטסמענער וואָס האָט איהר פערשטאַנען: ווילסאָן.

געפאַלען איז אין קריעג אַ אינסטיטוציע, וואָס איז ביינאַהע צוויי־טויזענד יאָהר אַלט. אַ אינסטיטוציע, וואָס איז אַ שאַנדע געווען אויף דעם רעקאָרד פון דער ציוויליזאַציע, אַ פלעק און אַ פּלאָג אויף דעם געוויסען פון דער מענשהייט. אַ אינסטיטוציע, וואָס, ווי מאַנכע האָבען אונז געוואָלט איינריידען, ליעגט אין דער סאַמע נאַטור פון דער מענשהייט, אין דעם עצם פון אונזער קולטור. ס׳איז געפאַלען און אויף אייביג פערשוואונדען — די אידישע רעכטלאָזיגקייט. און ס׳איז געווען דער שיקזאַל פון דעם אידישען פאָלק, אפשר דער פערבאָרגענער רצון פון דער „בלינדער“ געטין פון רעכטלאָזיגקייט, אַז די אידישע בעפרייאונג איז געקומען גראַד פון דעם לאַנד, וואו דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט די גרעסטע און גרויזאַמסטע טייל פון זיין טויזענדער יאָהרען לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע, וואו ס׳איז קיין שיעור ניט געווען צו זיינע ליידען און קיין עק — צו זיין ערנידערונג. דאָס רוסישע פאָלק האָט אַראָבגעשווינקט פון זיך די שמוץ פון די ראָמאַנאָווס און צוזאַמען — דעם פערברעכען פון אידישע פערפאָלגונגען. דאָס אידישע פאָלק איז היינט אַ פריי, פולבערעכטיגט און זעלבסטשטענדיג גליעד אין דעם 180־מיליאָן קעפּיגען קערפּער פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע. אין די בלוטען פון די אידישע הרוגים און קדושים, אין די שרעקענספולע, אָפּט האָפנונגסלאָזע יאָהרען פון קריעג איז געבאָרען געוואָרען דאָס בעפרייטע און בענייטע אידענטום. דער קריעג האָט אויפגעדעקט דעם גאַנצען תהום פון אידישע טרעהרען; די גליהענדע זון פון דער רעוואָלוציע האָט די טרעהרען אויסגעטריקענט. דאָס אידישע פאָלק איז ענדליך פריי.

מיר האָבען עס קיין מאָל ניט פערבאָרגען: אונזער באָדען איז ניט דער באָדען פון רעכט, מיר שטעהען אויפ׳ן באָדען פון רעוואָלוציאָן.

דער פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך ניט אויפריכטען, ער קאָן זיך ניט אויפהויבען, אָהן דעם עס זאָל צופאַלען ווערען דער גאַנצער פונדאַמענט פון די שיכטען וואָס בילדען די אָפיציעלע געזעלשאַפט.

אויפ׳ן שטעל פון דעם קאָנסערוואַטיווען מאָטאָ: „אַ גערעכטען טאָג־לוין פאַר אַ גערעכטען ארבייטס־טאָג“ זאָלען די אַרבייטער אויפשרייבען אויף זייער פאָהן: „אָבשאַפען דאָס גאַנצע לוין־סיסטעם.“ — קאַרל מאַרקס.

מ. קאַלטשין: די רעוואָלוציע מאָנאַט פאַר מאָנאַט

דער אָנפאַנג פון יאהר 1917 האָט געטראָפען רוסלאַנד אין זעהר אַן ערנסטע לאַגע. אַזוי ערנסט אַז אין די פּאָליטישע קרייזען האָט מען ערוואַרטעט אַז „עפּעס" וועט פּאָרקומען. „עפּעס" האָט געמוזט פּאָרקומען. די צאַרישע רעגיערונג, וועמען אפילו די ליבעראַלען, די מיליוקאָווס, שינגאַריאָווס און מאַקלאַקאָווס האָבען געשטיצט אין אָנפאַנג פון קריעג, האָט איצט אַלעמען פערלאָרען, אפילו די פּורישקעוויטשעס, גוטשקאָווס און ראַדזיאַנקאָס. זי איז אַלץ מעהר און מעהר פערלאָזען געוואָרען פון אַלעמען. די מיניסטאָרען האָט מען פון אַלע זייטען בעגלייט מיט פיינדליכע בליקען.

דיזער פּראָצעס פון אָבזונדערונג האָט, פערשטעהט זיך, גענומען ניט איין מאָנאַט און ניט איין יאָהר. אָבער זעהר שאַרף איז ער געוואָרען נאָך ברוסילאָוו'ס „אָפענסיווע" אין גאַליציען אין פריהלינג, 1916. די „אָפענסיווע", וועלכע איז געווען ערפאָלגרייך אין אָנפאַנג, האָט מען געמוזט אָבשטעלען. קיין אַמוניציע איז ניט געווען, די סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען באָרוועס און קיין ברויט איז ניט געווען. און, פערשטעהט זיך, נאָך מעהר פון די סאָלדאַטען האָט געליטען די רוסישע בעפעלקערונג. אַז אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ מאַנגעל אין עסענוואַרג, אין קליידונג און הייצונג, איז קיין סוד ניט געווען. אָבער קיין מאָל איז עס נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי אין ווינטער 1916-17. די בעפעלקערונג האָט געהונגערט, זי איז געזעסען אין דער קעלט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען, פערשטעהט זיך, אויסגענוצט די געלעגענהייט צו ערקלעהרען די ברייטע מאַסען פון פאָלק די אורזאַכען פון זייערע ליידען. און די אַרבייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז געווען ערפאָלגרייך. אַפּילו דער געוועהנליכער פערגליווערטער „בירגער" האָט זיך אָנגעהויבען צוצוהערען צו די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען און צו אינטערעסירען זיך מיט „פּראָקלאַמאַציעס". די רעגיערונג האָט, פערשטעהט זיך, געהאַלטען אין איין העלפען צו רעוואָלוציאָניזירען די בעפעלקערונג און צו מאַכען מעהר ערפאָלגרייך די אַרבייט פון די סאָציאַליסטען: זי האָט כסדר אַרעסטירט, אַרויסגעשיקט און גע'משפט. סאָציאַליסטישע אַרבייטער האָט מען געוואָרפען אין די טורמעס הונדערטערווייז, פיהרער פון די קאָאָפּעראַטיווע פעריינען האָט מען געטריבען אין סיביר. און די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז, פערשטעהט זיך, געוואַקסען.

אין י אַ נ ו אַ ר, 1 9 1 7, האָבען קעלט און הונגער געטריבען די בעפעלקערונג אין די גאַסען. דאָס פאָלק האָט פּראָגרעסירט. די „ליינס" נעבען די סטאָרס און בעקערייען, זיינען געוואָרען גרעסער, און די פּאָרציעס זיינען געוואָרען קלענער. „בונטען" זיינען געוואָרען אַן אָפטע ערשיינונג, און די רעגירונג האָט, ווי געוועהנליך, געזוכט צו דערשטיקען זיי „פּאָ־ניקאָלאַיעווסקי". מען האָט געשלאָגען און אַרעסטירט מענער, פרויען און קינדער. קיין אַנדערע מיטלען געגען דעם הונגער, האָט מען ניט אָנגענומען. מיניסטאָרען האָבען זיך געביטען, אָבער זייער פּאָליסי איז געווען דיזעלבע. די אַלטע פּאָליסי פון צאַריזם.

אין פ ע ב ר ו א ר זיינען די „הונגער בונטען“ געוואָרען אָפטער און דער רע־גירונגס קאמפף געגען דער בעפעלקערונג ביטערער. די גאָסודאַרסטווענאיאַ דומא, וועלכע איז תמיד געווען אַ טרייער משרת פון דער רעגיערונג, האָט פערשטאַנען, אַז געטריישאַפט איז מעהר קיין וועג ניט, זי האָט אויך פערשטאַנען, אַז עס וועט גאָר גיך ניט זיין צו וועמען געטריי צו זיין. די מאַסען אין די גאַסען זיינען געווען רע־וואָלוציאָנער, האָט די דומא געמוזט ווערען ליבעראַל. זי האָט געפאָדערט רעפאָרמען, זי האָט בעזונדער געפאָדערט, אַז די רעגיערונג, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזען אונ־פעהיג צו פערטיידיגען אַפילו איהרע אייגענע אינטערעסען, זאָל איבערגעבען די גאַנ־צע אַרבייט פון שפּייזען די בעפעלקערונג אין די הענד פון די זעמסטוואָס און שטאָדט אדמיניסטראַציעס, זי זאָל ניט שטערען דער אַרבייט פון די געזעלשאַפטליכע אָרגאַ־ניזאַציעס, ווי דער גאָראָדסקאי און זעמסקי סאָיוז, די קאָאָפּעראַטיווען א. ז. וו.

אָן ענטשפּרעכענדער געזעצפּראָיעקט איז אריינגעבראַכט און אָנגענומען געוואָ־רען אין דער דומא. די פיהרערס פון דער דומא האָבען געדענקט, אַז דערמיט וועלען איינשטילען די רעוואָלוציאָנערע מאַסען. די מאַסען האָבען זיך אָבער ווענינ צוגעהערט צו די פיהרערס פון דער דומא, וועלכע האָבען אלץ גע'טענה'ט וועגען דעם ווער עס זאָל פיהרען און פערוואַלטען דעם געווינען פון קריעג. די מאַסען האָבען שוין גע־פאָדערט ניט בלויז ברויט, זיי האָבען שוין געפאָדערט פריעדען אויך, און טאַקי פריע־דען קודם כל.

אין מ ע ר ץ האָבען זיך די צוואָרפענע און אָבגעזונדערטע בונטען צוזאַמענ־געגאָסען אין איין רעוואָלוציאָנערען שטראָם. ס'איז ענטשטאַנען אָן אָרגאַניזירטע בעוועגונג. די רעגיערונג האָט זיך גענומען צו ענערגישע מיטלען. זי האָט בעשלאָסען צו דערטרינקען פעטראָגראַד, דעם צענטער פון דער רעוואָלוציאָן, אין דעם בלוט פון די רעוואָלוציאָנערען. פּראָטאָפּאָפּאָוו, דער מיניסטער פון אינערען, האָט געקראָגען פולע מאַכט צו „ספּראַווען“ זיך מיט די בונטאָווטשיקעס, ווי אַזוי ער וויל. און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. אויף זיין „אַרבייט“ האָבען אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס צוזאַמען, געענטפערט מיט אַ גענע־ראַל סטרייק פון אַלע ארבייטער אין פעטראָגראַד. דעם זעקסטען מערץ זיינען אַלע ארבייטס־פלעצער פון פעטראָגראַד געשטאַנען שטיל. חאַבאַלאָוו, דער גראַדאָנאַ־טשאַלניק, האָט געסטראַשעט מיט טורמע, אָבער דער סטרייק איז געוואַקסען. די ארבייטער האָבען, אויפ'ן רוף פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען, ערוועהלט פאָרשטעהער צום „סאָוויעט ראַבאָטשיך דיעפּוטאַטאָוו“. דער סאָוויעט איז אָרגאַניזירט געוואָרען.

אין דערזעלבער צייט האָט די דומא דעבאַטירט דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגען קאָנטראָל איבער שפּייז און האָט קריטיקירט די רעגיערונג. אָבער דעם 11טען מערץ האָט דער צאַר ארויסגעגעבען אן אוקאַז, די דומא זאָל זיך פערנאַנדערגעהן. דעם 12טען, ווען די דומא האָט דערזעהן, אַז אין פעטראָגראַד איז אַ רעוואָלוציע, האָט זי זיך ענט־זאָגט צו פאָלגען דעם אוקאַז. זי האָט בעשטימט אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל זיך בע־שעפטיגען מיט „שטאַאַטס־זאַכען“. דעלעגאַטען פון דער קאָמיטע האָבען געצוואונגען ניקאָלאַי'ען אָבצודאַנקען, פאַר זיך און פאַר דעם צאַרעוויטש. ניקאָלאַי'ס ברודער מיכאַאיל האָט זיך אויך ענטזאָגט פון טראָן.

די גאַסען פון פעטראָגראַד האָבען געקאָכט, די רעוואָלוציע איז געשטיעגען. די אַרמעע איז איבערגעגאַנגען צו די רעוואָלוציאָנערען. די סאָלדאַטען האָבען אויך גע־שיקט דעלעגאַטען צום סאָוויעט, וועלכער האָט קאָנטראָלירט גאַנץ פעטראָגראַד. דער

סאָוויעט האָט בעשלאָסען ניט אנטיילצונעהמען אין דער רעגיערונג, וועלכע איז, דעריבער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון ניט סאָציאַליסטישע עלעמענטען, מיט דעם איינציגען אויסנאַהם פון קערענסקי'ן. די נייע רעגיערונג איז אַנערקענט געוואָרען פון גאַנץ רוסלאַנד און אויך פון אַלע אויסלענדישע מאַכטען.

אין א פ ר י ל איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די סאָוויעט'ען. די קאָנפערענץ האָט גוטגעהייסען די טאַקטיק פון דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט און כדי צו פערשטאַרקערען די רעוואָלוציע האָט זי אויסגעאַרבייט א פּלאַן פון פולער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַרמעע און פלאָטע. גוטשקאָוו, דער קריעגס מיניסטער, אַן אָקטאָבריסט, און ניט ווייט פון א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, האָט אַנגענומען די רעאָרגאַניזאַציע, ווי פאָרגעשלאָגען פון דעם סאָוויעט. די מיליטער קאָמיטעס האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען א גרויסע ראָלע.

דעם ע ר ש ט ע ן מ א י, ווען אין פעטראָגראַד און אין פיעלע אַנדערע שטעדט האָבען די רעוואָלוציאָנערע מאַסען געפייערט דעם טאָג פון פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט, איז מיליוקאָוו, דער מיניסטער פון אויסערן און פיהרער פון די קאַדעטען (קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען), ארויס מיט א ווענדונג צו די רעגיערונגען פון די „עלליים", אין וועלכער ער ערקלעהרט, אז רוסלאַנד וועט גוטמאַכען א ל ע אָבמאַכען פון דער אַלטער רעגיערונג מיט די עלליים. די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע האָט פּראָטעסטירט. דער „סאָוויעט" האָט ערקלעהרט, אז ער קאָן דאָס ניט דערלאָזען. גרויסע דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד. גוטשקאָוו איז ארויסגעטראָטען פון דער רעגיערונג. מיליוקאָוו'ען האָט מען געצוואונגען ארויסצוטרעטען. דער סאָוויעט נעהמט אָן א רעזאָלוציע, לויט וועלכער די רעגיערונג איז אינסטרואירט איינצובערופען א קאָנפערענץ פון די „עלליים" צו רעווידירען רוסלאַנד'ס אינטערנאַציאָנאַלע קריעגס־אָבמאַכען. די רעגיערונג, וועלכע, ווי געזאָגט, איז בעשטאַנען פון בורזשואַזע עלעמענטען, פאָדערט פונ'ם סאָוויעט ער זאָל שיקען זיינע פאָרשטעהער אין דער רעגיערונג. דער סאָוויעט ענטזאָגט זיך לכתחילה, אָבער נאָך לאַנגע דעבאַטען ווערט בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען א קאָאַליציאָנס־קאַבינעט. דער קאָאַליציאָנס־קאַבינעט האָט אַנגענומען די פריעדענס פאָרמולא: קיינע אַנעקסיעס און קיינע קאָנטריבוציעס און דאָס רעכט פון פעלקער אויף זעלבסט בעשטימונג.

אין י ו נ י איז אין פעטראָגראַד אָבגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון פאָרשטעהער פון אַלע אַרבייטער און סאָלדאַטען ראַטהען פון רוסלאַנד. דער סאָוויעט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען. די באָלשעוויקעס פאָדערען „די גאַנצע מאַכט צו די סאָוויעט'ן", אָבער דער צוזאַמענפאָהר האָט צוריקגעוויזען דיעזע פאָדערונג. דער סאָוויעט האָט זיך געווענדעט צו אַלע סאָציאַליסטישע און אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן פון דער וועלט מיט אַן אויפרוף זיי זאָלען שיקען דעלעגאַטען צו אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס. די אידעע פון „סטאָקהאָלם" איז מיט אמאָל געוואָרען פּראָמינענט.

אין ענדע פון יוני האָבען די רוסישע אַרמעען אָנגעהויבען אַן „אָפענסיווע" אין גאַליציען. די אָפענסיווע האָט מיט אמאָל שאַרפער געמאַכט דעם אונטערשיעד צווישען די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס און אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די באָלשעוויקעס האָבען געפּלאַנעוועט א בעוואָפענטע דעמאָנסטראַציע, אָבער נאָך היציגע דעבאַטען און פּראָטעסטען פון סאָוויעט, האָבען זיי צוריקגערופען די דעמאָנסטראַציע.

אין אָנהויב פון יולי האָט די אָפענסיווע אַרויסגעוויזן זיך פאַר א דורכפאַל. די סאָלדאַטען האָבען זיך ענטזאָגט צו שלאָגען זיך. זיי האָבען אין פיעלע פלעצער פערלאָזען די פּאָזיציעס. אין דערזעלבער צייט האָבען די באָלשעוויקעס אין פעטראָגראַד אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד. דריי טעג איז פעטראָגראַד געווען ווי א שלאַכט-פעלד. פיעלע זיינען געטויט און פערוואונדעט געוואָרען. די באָלשעוויקעס זיינען דורכגעפאַלען. די רעגיערונג האָט גענומען זיי אָנגענומען שטרענגע אונטערדריקונגס-מיטלען. זייערע צייטונגען האָט מען פערמאַכט, פיעלע פיהרער, צווישען זיי טראָצקי, לונאטשארסקי און אַנדערע, זיינען ארעסטירט געוואָרען און אַנדערע, ווי לענין און זינאָוויעוו, האָבען זיך אויסבעהאַלטען.

די רעאַקציע הויבט אויף דעם קאָפּ אין רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד. דער סאָוויעט ווערט שוואַכער. ער האָט פערלאָרען א גרויסען טהייל פון זיין איינפלוס. די קאַדעטען האָבען מיט אַמאָל דערפיהלט זיך, ווי בעלי הבתים. זיי פיהלען זיך שטאַרק גענוג צו שטעלען אַן אולטימאַטום און רעזיגנירען פון קאַבינעט. לוואָוו, דער פרעמיער, האָט רעזיגנירט. קערענסקי ווערט הויפּט מיניסטער, און דער סאָוויעט פון ארבייטער, סאָלדאַטען און פויערים-דעפּוטאַטען, גיט איהם פולע מאַכט צו קעמפּפען געגען קאָנטר רעוואָלוציע און אַנאַרכיע. קערענסקי האָט אָרגאַניזירט א נייעם קאַבינעט. די „עלליים" האָבען צוגעזאָגט א קאָנפערענץ.

דעם ערשטען אויגוסט איז גענעראַל קאָרנילאָוו בעשטימט געוואָרען הויפּט קאָמאַנדיר פון אַלע אַרמעען. מען האָט ווידער איינגעפיהרט טויט-שטראָף אין דער אַרמעע. פערפאָלגונגען געגען די באָלשעוויקעס ווערען שטרענגער. אין דער לופט הענגט די סכנה פון א קאָנטר-רעוואָלוציע.

קערענסקי רופט א נאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין מאָסקווע, פון אַלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. די פערהעלטניסמעסיגע פערטרעטערשאַפט איז געווען אַזאַ, אַז אויפ'ן צוזאַמענפאָהר זיינען די בורזשואַזע עלעמענטען געווען אין מאַיאָריטעט. קאָרנילאָוו, דער הויפּט קאָמאַנדיר, האָט געהאַלטען א רעדע, וועלכע האָט אויסגעשפּראָכען דעם ווילען פון דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האָט מיט אַמאָל אַנערקענט קאָרנילאָוו'ען אַלס איהר פיהרער.

דעם 8טען סעפּטעמבער איז בעוואוסט געוואָרען, אַז קאָרנילאָוו וויל ניט פאָלגען די רעגיערונג. אין א קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען פערזוך האָט ער אויסגעקליבען אַן אַרמעע, וועלכע ער האָט געשיקט געגען פעטראָגראַד. די גאַנצע רוסישע דעמאָקראַטיע איז אויפגעשטאַנען געגען קאָרנילאָוו'ען. די באָלשעוויקעס האָבען תיכף ערקלעהרט, אַז זיי ווילען העלפען דער רעגיערונג צו בעקעמפּפען די קאָנטר-רעוואָלוציע. קערענסקי, אַלס הויפּט קאָמאַנדיר, האָט געפיהרט די אַרמעע. איינינקייט פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטען, האָט געוואונען. קאָרנילאָוו איז דורכגעפאַלען.

דער סאָוויעט איז געוואָרען די הויפּט מאַכט פון רוסלאַנד. די באָלשעוויקעס זיינען געוואָרען שטאַרקער יעדען טאָג, אין סאָוויעט און צווישען די מאַסען. די צייטוויילינע רעגיערונג ערקלעהרט רוסלאַנד אַלס רעפּובליק, מיט א „דירעקטאָריע פון פינף" אַלס רעגיערונג.

אין אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אין פעטראָגראַד דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען א צייטווייליגען פּאַרלאַמענט, צו

וועלכען די רעגיערונג זאָל זיין פעראנטוואָרטליך. דער קאָנגרעס האָט זיך אויסגע־שפּראָכען פאר א רעגיערונג אין וועלכער בורזשואזע פּארטייען זאָלען ניט אנטייל נעהמען. נאָך לאנגע דעבאַטען מיט דער דירעקטאָריע איז אָבער די רעגיערונג צו־זאמענגעשטעלט געוואָרען פון אַלע פּארטיין אויסער די באָלשעוויקעס. אין צייט־ווייליגען פּארלאמענט זיינען איין דריטעל קאפּיטאליסטישע און צוויי דריטעל ניט קאפּיטאליסטישע דעפּוטאטען.

דער פּעטראָגראדער סאָוויעט און פיעלע אנדערע ווערען באָלשעוויסטיש. עס ווערט געגרינדעט א מיליטער קאָמיטע פון פּעטראָגראדער סאָוויעט. די באָלשעוויקעס ערקלעהרען אויף דער עפענונג פון פּארלאמענט, אז זיי וועלען זיך אין איהם ניט בע־טייליגען. קערענסקי בעשפּרעכט שטרענגע מיטלען געגען די באָלשעוויקעס.

אין אָנהויב נ אָ ו ע מ ב ע ר האָט דער צייטווייליגער פּארלאמענט ענטזאגט זיין צוטרויען צו דער קערענסקי רעגיערונג. די רעגיערונג האָט רעזיגנירט. בעת דער פּארלאמענט האָט געהאַלטען אין בעטראַכטען און דעבאַטירען די לאגע, האָבען די באָלשעוויקעס, דורך דעם מיליטער־רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט פערכאַפּט פּעט־ראָגראד. די מעהרסטע מיניסטאָרען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. דאָס איז געווען דעם זיעבעטען נאָוועמבער. אויף מאָרגען האָבען די באָלשעוויקעס געעפענט דעם צוויי־טען צוזאמענפאָהר פון אַלע ראַטהען פון ארבייטער און סאָלדאַטען, אויף וועלכען די באָלשעוויקעס זיינען געווען אין מאַיאָריטעט, ווייל אייניגע דעלעגאַטען זיינען נאָך ניט געווען אָנגעקומען און ווייל אייניגע סאָוויעט'ען האָבען דעם צוזאמענפאָהר באָיקאָ־טירט. דער צוזאמענפאָהר האָט גוט געהייסען דאָס פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס. לענין איז געוואָרען הויפּט מיניסטער און טראָצקי מיניסטער פון אויסערן.

די באָלשעוויסטישע רעגיערונג האָט ערקלעהרט, אז דאָס לאנד מוז קאָנפיסקירט ווערען תיכף ומיד, פריעדען מוז אייגגעפיהרט ווערען און די ארבייטער זאָלען איבער־נעהמען דעם קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. אויפשטאנדען געגען די באָלשע־וויקעס זיינען געווען ניט ערפאָלגרייך. די באָלשעוויקעס מאַכען צו אַלע צייטונגען, וועלכע זיינען געגען זיי, מאַכען פיעלע ארעסטען. דערווייל קומען פאָר די וואהלען צו דער גרינדונגס־פערזאמלונג, וואו די באָלשעוויקעס בילדען א מינאָריטעט. אייניגע ערוועהלטע מיטגליעדער זיינען אַרעסטירט געוואָרען. די שטאָדט דומאַס פון פּעט־ראָגראַד און מאָסקווא זיינען צוטריבען געוואָרען.

אין ד ע צ ע מ ב ע ר האָט די באָלשעוויסטישע רעגיערונג אָנגעהויבען פער־האַנדלען מיט די צענטראַלע מעכטע וועגען א וואַפען שטילשטאַנד. דער וואַפען שטיל־שטאַנד איז איינגעפיהרט געוואָרען אויף 28 טעג, פון דעם 16טען דעצעמבער, 1917, ביז דעם 14טען יאַנואר, 1918. דעם 17טען דעצעמבער האָבען די באָלשעוויקעס אָנגהויבען פריעדענס־פערהאנדלונגען מיט פאָרשטעהער פון די צענטראַלע מעכטע. די צענטראַלע מעכטע האָבען געענטפערט אויף דעם פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס מיט זייער אייגענער פּראָגראַם, וועלכע זיי האָבען אין צוויי טעג ארום אזוי מאָדיפי־צירט, דאָס פון „קיין אַנעקסיעס" איז עס געוואָרען א פּראָגראַם פון עראָבערונג. די באָלשעוויקעס ערקלעהרען אז קיין אַנדערע תנאים וועלען ניט גילטען, אויסער די רו־סישע פאָרמולע פון „קיינע עראָבערונגען, קיינע קאָנטריבוציעס און פולע זעלבסט־בעשטימונגס־רעכט פאר אַלע פעלקער".

———o———

וואָס די מלחמה האָט שוין אָבגעקאָסט

דריי און אַ האַלב יאָהר ציהט זיך דער קריעג. דריי און אַ האַלב יאָהר סטאַרען זיך די פעלקער פון איין גרופּע לענדער צו רואינירען און אויס'הרג'ענען די פעלקער פון אַ צווייטער גרופּע לענדער. עס גיסט זיך בלוט, עס ווערט פערשווענדעט און פערניכטעט רייכטום. ציי־טענווייז דאַכט זיך, אַז די קריעג־פיהרענדע לענדער זיינען שוין אויסגעמאַטערט, בלוטלאָז, געלדלאָז, אַז אָט־אָט וועט זיך דער בלוטיגער קריעג ענדיגען. ער געהט אָבער אָן.

אין אָנהויב פון קריעג האָבען פּיעלע גרויסע און קליינע שטאַאַטסמענער געפּרואווט נביאות זאָגען וועגען דעם, ווי לאַנג ס'וועט אָנהאַלטען דער קריעג. זיי זיינען דורכגעפאַלען. דער גרויסער רוסישער שטאַאַטסמאַן; דער געוועזענער הויפּט־מיניסטער וויטטע, האָט נאָך אין אויגוסט 1914 ערקלעהרט, אַז מעהר פון דריי־פיער מאָנאַטען קען אַזאַ קריעג, אַ וועלט קריעג, ניט געדויערען. דער גאַנצער מעכאַניזם פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, אַן עדעלער, קאָמפּלי־צירטער מעכאַניזם, וואָלט רואינירט געוואָרען. אין דערזעלבער צייט האָט גענ. קאוטסקי אויס־געשפּראָכען זיך אין דעם זעלבען זינען. ער האָט אויך געגלויבט, אַז די פערלוסטען אין מענ־שען, די פערניכטונג פון רייכטימער, די צושטערונג פון אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל און פערקעהר, — דאָס אַלץ מוז ברייגען פריעדען אין וועלכע דריי־פיער מאָנאַטען. אָבער די מלחמה געהט אַלץ אָן. ווי לאַנג זי וועט זיך נאָך ציהען איז, פערשטעהט זיך, אונמעגליך צו וויסען, הגם פּיעלע פאַסירונגען פאַר די לעצטע פּאָר מאָנאַטען גיבען אַ שטיקעל האָפנונג אויף אַ גיכען פריעדען. אָבער ווער וועט וואַגען פאָראויסצוזאָגען איצטער, בעת אין קלאָרערע ציי־טען זיינען גרויסע שטאַאַטסמענער דורכגעפאַלען?

רעדענדיג טעאָרעטיש, אַזוי צו זאָגען, מיט סטאַטיסטישע ציפערען אין האַנד, מוז מען זאָגען, אַז די מלחמה האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט ענדיגען. טעאָרעטיש האָבען שוין די פעלקער קיין כוחות ניט צו שלאָגען זיך. די מלחמה האָט אָבגעקאָסט מעהר ווי מען האָט עס זיך געקאָנט פאָרשטעלען. און ניט בלויז קאָסטען אין רייכטימער נאָר אויך קאָסטען אין מענשען. די קאָסטען זיינען גרויס, אונגעהייער גרויס. און די קאָסטען וואַקסען יעדען טאָג. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז די מלחמה קאָסט איצטער יעדען טאָג פיער מאָל אַזוי פיעל, ווי זי האָט געקאָסט, ווען זי האָט זיך אָנגעפאַנגען.

אום צו פערשטעהען, וואָס די מלחמה קאָסט און וואָס די קאָסטען בעדייטען פאַר דער מענשהייט מוז מען קודם כל נעהמען אין אָנבעטראַכט די גרויס פון די אַרמעען פון די פער־שיעדענע קריעג־פיהרענדע לענדער. די צאָהל פון מענשען, וועלכע האָבען זיך בעטיי־ליגט אין דער מלחמה זינט איהר אָנפאַנג קען מען זעהען פון דער פאָלגענדער טאַבעלע:

פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען מאָביליזירט			2,000,000	מענער
גרויס בריטאַניען	"	"	7,500,000	"
פראַנקרייך	"	"	6,000,000	"
רוסלאַנד	"	"	14,000,000	"
איטאַליען	"	"	2,500,000	"
בעלגיען, סערביען און פּאָרטוגאַל	"	"	1,000,000	"
אַלע „עלליים" צוזאַמען	"	"	33,000,000	"
דייטשלאַנד	"	"	10,500,000	"
עסטרייך־אונגאַרען	"	"	7,000,000	"
בולגאַריע	"	"	500,000	"
טערקיי	"	"	2,000,000	"
אַלע „צענטראַלע מעכטע" צוזאַמען			20,000,000	"
אַלע קריעג־פיהרענדע לענדער צוזאַמען האָבען מאָביליזירט			53,000,000	"

פון די 53,000,000 געזונטע יונגע לייט, מעהרסטענס אַרבייטער און פויערים, זיינען פאַר די ערשטע דריי יאָהר דער'הרג'עט געוואָרען און געשטאַרבען פון וואונדען ניט ווייני־גער פון 7,000,000. און די צאָהל פון צוקאַליעטשעטע פאַר דער זעלבער צייט איז פיעל מעהר פון פינף מיליאָן. די פאָלגענדע טאַבעלע, וועלכע איז געבויט אויף די בעריכטען פון דער „קאָפּענהאַגענער געזעלשאַפט צו שטודירען די קאָסטען פון קריעג", און וועלכע מיר האָ־בען גענומען פון זעהר אַ וויכטיגער בראָשורע אַרויסגעגעבען פון דעם „מעקעניקס און מע־טאַלס נעשאָנעל באַנק,*)" צייגט דעם צאָהל פון טויטע און צוקאַליעטשעטע אין די ערשטע דריי יאָהר קריעג פאַר יעדען לאַנד בעזונדער:

לאַנד	צאָהל טוידטע	צאָהל צוקאַלעטשעטע
גרויס־ביריטאַניען	307,500	231,000
פראַנקרייך	1,282,500	951,000
רוסלאַנד	2,250,000	1,719,000
איטאַליען	157,000	110,000
בעלגיען	75,000	49,000
סערביען	165,000	63,000
רומעניען	100,000	60,000
אַלע „עלליים" צוזאמען	4,337,000	3,183,000
דייטשלאַנד	1,327,500	953,000
עסטרייך־אונגאַרן	1,077,000	799,000
טערקיי	225,000	157,000
בולגאַריען	37,500	27,000
אַלע „צענטראַלע מעכטע" צוזאמען	2,667,000	1,936,000
אַלע קריעג־פיהרענדע לענדער צוזאַמען	7,004,000	5,119,000

צו דיזע ציפערען מוז מען צורעכענען די פערלוסטען אין טויטע און צוקאַלעטשעטע פאַר דעם לעצטען האַלב יאָהר. נוצענדיג דעם זעלבען באַזיס, קענען מיר זעהען, אַז די צאָהל פון טויטע פאַר דער גאַנצער צייט פון קריעג איז 8,170,000 און די צאָהל פון צוקאַלעטשעטע איז אַרום 6,000,000. ס'הייסט צוזאַמען מעהר פון פערצעהן מיליאָן טויטע און צוקאַלע־טשעטע! און וואָס וועגען די פאַמיליען פון פון די פערואונגליקטע? געווים ניט וועניגער פון פופציג מיליאָן מענער, פרויען און קינדער זיינען דירעקטע אָדער אינדירעקטע קרבנות פון דער מלחמה.

אויף די דער'הרג'עטע, צוקאַלעטשעטע און זייערע רואינירטע פאַמיליעס בעשרענקט זיך ניט די צושטערענדע ווירקונג פון קריעג. די גוואַלדיגע קאָסטען פון קריעג זיינען אַ צווייטע, הגם ניט אַזאַ שרעקליכע זייט פון דער ווירקונג. די קאָסטען פון דער מלחמה זיינען גרויס און זעהר אַ קליינער חלק פון די מלחמה קאָסטען ווערען געדעקט פון געגענוואַרטיגע רעגיערונגס הכנסות. זיי קלעקען ניט, מען באָרגט. די הוצאות זיינען גרויס. אייניגע לענדער גיבען אויס אויף דער מלחמה פיעל מעהר אוידער זייער גאַנצע נאַציאָנאַלע הכנסה. די פאָלגענדע טאַבעלע צייגט די מלחמה קאָסטען פאַר די פערשיעדענע לענדער פאַר די ערשטע דריי יאָהר קריעג:

פעראייניגטע שטאַאַטען	$3,600,000,000
גרויס בריטאַניען	25,809,920,000

*) The cost of War, Prepared and issued by the Mechanics & Metals National Bank of the City of New York, November, 1917.

פראַנקרייך	17,400,000,000
רוסלאַנד	15,000,000,000
איטאַליען	4,650,000,000
בעלגיען, סערביען, רומעניען און פּאָרטוגאַליען	4,750,000,000
דייטשלאַנד	22,000,000,000
עסטרייך־אונגאַרן, טערקיי און בולגאַריען	13,900,000,000
אַלע צוזאַמען האָבען אויסגעגעבען	$105,109,920,000

דאָס איז בלויז פאר די ערשטע דריי יאָהר. אזוי ווי די מלחמה קאָסט איצט אַרום 160 מיליאָן דאָלאר א טאָג, הייסט עס, אז ביז יאַנואַר 1918 קאָסט די מלחמה ארום 130 מי־ליאָנען דאָלארס.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו פערגלייכען די קאָסטען פון דער איצטיגער מלחמה מיט די קאָסטען פון פריהעריגע מלחמות. פון דיעזען פערגלייך קען מען זעהען די צושטערונג, די צרות וואס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט.

נאפּאָלעאָנס מלחמות האָבען געקאָסט	$6,250,000,000
די קרימער מלחמה האָט געקאָסט	1,700,000,000
דער אַמעריקאַנישער בירגער קריעג האָט געקאָסט	8,000,000,000
די פראַנצויז־פּרייסישע מלחמה האָט געקאָסט	3,500,000,000
די זיד אַפריקאַנער מלחמה האָט געקאָסט	1,250,000,000
די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט געקאָסט	2,500,000,000
די איצטיגע וועלט־מלחמה קאָסט ביז איצט	130,000,000,000

ווי די טאַבעלע צייגט האָט די איצטיגע מלחמה שוין אָבגעקאָסט זעקס מאָל אַזוי פיעל ווי די אַלע אַנדערע מלחמות צוזאמען. געוויס, די בעפעלקערונג האָט זיך פיעל פערגרעסערט, די געזעלשאפט איז געווארען רייכער, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבען די מאָרד מיטלען פראָ־גרעסירט פיעל שנעלער איידער דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט. די מלחמה לענדער האָ־בען דאָך פערלאָרען ניט בלויז די 130 מיליארדען דאָלאר. דאָס איז בלויז אַ טייל פון די מלחמה קאָסטען. מען מוז נעהמען אין אנבעטראַכט אויך די צושטערטע רייכטימער, די פערלאָרענע פּראָדוקציאָנס קרעפטען, דאָס וואס מעהר פון פופציג מיליאָנען מענשען האָבען ניט בלויז אויפגעהערט אליין פּראָדוצירען, נאָר אויך געצוואונגען אַנדערע צו ארבייטען אויף זיי און אויף מאָרד מיטלען. אנשטאַט דעם וואס דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט זאָל זיך פערגרעסערען, האָט די מלחמה עס פיעל פערקלענערט.

דאָס גאַנצע רייכטום פון אלע מלחמה לענדער בעטרעפט אַרום זעקס הונדערט מיליאַר־דען דאָלאר, און איז צוטיילט ווי פאָלגט:*)

גרויס בריטאַניען פערמאָגט	$80,000,000,000
פראַנקרייך פערמאָגט	70,000,000,000
רוסלאַנד פערמאָגט	50,000,000,000
איטאַליען פערמאָגט	25,000,000,000
בעלגיען און סערביען פערמאָגען	12,000,000,000
פּאָרטוגאַליען און רומעניען פערמאָגען	7,000,000,000
פעראייניגטע שטאַאַטען פערמאָגט	220,000,000,000
דייטשלאַנד פערמאָגט	80,000,000,000
עסטרייך־אונגאַרן פערמאָגט	40,000,000,000
טערקיי און בולגאַריען פערמאָגען	7,000,000,000
צוזאַמען	$591,000,000,000

ווען מיר פערגלייכען אָט די סומע פון נאַציאָנאַלען פערמעגען מיט דער סומע פון מלחמה קאָסטען, זעהען מיר, אַז די פעלקער האָבען אויסגעגעבען אויף דער מלחמה 22%, ד. ה. בייְ־נאָהע אַ פערט־חלק פון זייער גאַנצע פערמעגענס. מען מוז געדענקען, אָבער, אַז די פער־

*) War Finance Pioneer, Issued by the National Bank of Commerce in New York, May, 1917.

אייניגטע שטאַאַטען זיינען ערשט ניט לאַנג אריינגעטראָטען אין דעם וועלט קריעג. די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט די מלחמה דערוויל מעהר וועניג געקאָסט און זי האָט דערווייל וועניג פערלאָרען. ווען מיר רעכענען אראָפּ אַמעריקא׳ס רייכטום און אַמעריקא׳ס מלחמה הוצאות און בעטראַכטען בלויז דאָס רייכטום און די הוצאות פון די אייראָפּעישע לענדער, זויי־נען די ציפערען נאָך מורא׳דיגער. דאָס רייכטום פון אַלע אייראָפּעישע מלחמה לענדער איז אַרום 380 מיליאַרדען דאָלארס און זייערע מלחמה הוצאות זיינען ארום 120 מיליארדען. דאָס הייסט, אז די מלחמה הוצאות בעטרעפען 33½ פּראָצענט אָדער א דריט חלק פון זייער גאַנצען נאַציאנאַלען פערמעגען.

נאָך אינטערעסאַנטער איז צו פערגלייכען די מלחמה קאָסטען מיט די נאַציאנאַלע הכנסות פון אַלע מלחמה לענדער. די פאָלגענדע טאַבעלע ציינט די נאַציאנאלע הכנסות פון די מלחמה לענדער :

בעלגיען און סערביען	$1,250,000,000 א יאָהר
פעראייניגטע שטאַאַטען	38,000,000,000 ״
גרויס בריטאַניען	10,500,000,000 ״
פראַנקרייך	6,000,000,000 ״
רוסלאַנד	6,500,000,000 ״
איטאַליען	4,000,000,000 ״
פּאָרטוגאליען און רומעניען	600,000,000 ״
דייטשלאַנד	10,500,000,000 ״
עסטרייך־אונגאַרן	5,500,000,000 ״
טערקיי און בולגאַריען	1,000,000,000 ״

אַלע צוזאמען האָבען א הכנסה פון $83,850,000,000 א יאָהר, אָדער 230 מיליאָן דאָלאר א טאָג. דאָס הייסט (אַזוי ווי די מלחמה קאָסט 158 מיליאָן דאָלאר א טאָג) אז זיעבציג פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה ווערט אויסגעגעבען אויף דעם קריעג. און ווען מיר נעהמען אראָפּ די נאַציאנאלע הכנסה פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און איהרע מלחמה קאָסטען און בעטראַכטען בלויז די אייראָפּעישע מלחמה לענדער, זעהען מיר אַז זייערע טעגליכע הכנסות ($123,000,000) זיינען פיעל קלענער פון זייערע מלחמה קאָסטען ($140,000,000). דאָס הייסט, אז אַפילו ווען די פעלקער פון די מלחמה לענדער וואָלטען לעבען פון לופט, וואָל־טען די רעגיערונגען אויך געמוזט ערגעץ קריגען זיעבצעהן מיליאָן דאָלאר יעדען טאָג.

די פעלקער לעבען אָבער ניט פון לופט. מען זיצט אָפּט אָהן קוילען, אָהן צוקער ; אין אייראָפּא זיצען זיי אָפּט אָהן קליידונג און עסענוואַרג אויך, אָבער די פעלקער מוזען לעבען און אייניגע שיכטען פון דער געזעלשאַפט לעבען גאַנץ פיין אפילו אין צייט פון קריעג. ניט די גאַנצע נאציאנאלע הכנסה ווערט און קען ווערען אויסגעגעבען אויפ׳ן קריעג. מען גע־פינט אַנדערע קוואַלען פון מיטלען. פאַר די גאַנצע דריי און א האלב יאָהר פון קריעג זויי־נען דירעקט פון די נאַציאנאלע הכנסות גענומען געווארען (דורך אַלערליי שטייערען) בלויז אַרום דרייסיג מיליאַרדען דאָלארס. די איבעריגע הונדערט מיליארדען זיינען גענומען גע־וואָרען דורך אַלערליי הוצאות, אינערליכע און אויסלענדישע. די הוצאות, אויסער דעם וואס זיי קאָסטען טייער האָבען נאָך א מידה : מען קען פון זיי מאָל ניט פּטור ווערען. ניט בלויז דער איצטיגער דור צאָהלט זיי, נאָר אויך דער צוקינפטיגער, אונזערע קינדס קינדער וועלען אויך מוזען צאָהלען פאר אונזערע חטאים. און צאָהלען מוז מען א סך. צוזאַמען מיט די נאַציאנאַלע חובות פון פאַר דער מלחמה, זיינען די נאַציאָנאַלע חובות פון די מלחמה לענדער ארום $133,000,000,000. וויפיעל יעדער לאַנד איז אַ בעל חוב קען מען זעהען פון דער פאָלגענדער טאַבעלע, וועלכע מיר האָבען צונויפגעשטעלט לויט אָפיציעלע און ניט אָפּי־ציעלע מאַטעריאַלען :

פעראייניגטע שטאַאַטען	$ 7,000,000,000
גרויס בריטאַניען	27,000,000,000
פראַנקרייך	25,000,000,000
רוסלאַנד	25,000,000,000
איטאַליען	8,000,000,000

דייטשלאַנד	27,000,000,000
עסטרייך־אונגאַרן	14,000,000,000

ווען מיר נעהמען דעם דורכשניטליכען פּראָצענט וואס מען צאָהלט איצטער אויף מלחמה הוצאות, ד. ה. פינף פּראָצענט, קען מען זעהען אַז פּראָצענטען אַליין וועלען מיר און אונזערע קינדער מוזען צאָהלען ארום 6,650,000,000$ א יאָהר. היינט וואו איז דער קאַפּיטאַל? מען מוז דאָך ווען עס איז אויסצאָהלען. און דאָס הייסט נאָך מעהר געלד, נאָך מעהר מאַטערניש פאר איצטיגען דור און פאר די צוקינפטיגע דורות. אָבער, נאָך אַמאָל: די פערלוסטען אין געלד און אין אייגענטום זיינען ניט אַלעס וואס די מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך. עס איז בלויז א טייל פון פערלוסטען. די וועלט האָט פיעל מעהר פערלוירען.

די וויכטיגסטע פּאַסירונגען פון דעם וועלט־קריעג

(28 יוני, 1914 — 31 דעצעמבער, 1917.)

1914

28 יוני. — דער עסטרייכישער קרוין־פּרינץ פראנץ־פערדינאַנד און זיין פרוי דער׳הרג׳עט אין סאראיעווא (סערביען).

23 יולי — עסטרייך שיקט אַן אולטימאַטום צו סערביען.

28 יולי. — פראַנצויזישע סאָציאליסטען פּראטעסטירען געגען קריעג; דייטשע סאָציאליסטען מאכען דעמאָנסטראציעס געגען קריעג.

עסטרייך ערקלעהרט קריעג מיט סערביען.

29 יולי. — עסטרייך באָמבאַדירט די סערבישע הויפּטשטאָדט — בעלגראד.

31 יולי. — רוסלאנד מאָביליזירט.

זשאָרעס, אין פראנקרייך, דער׳הרג׳עט.

בעלגיען מאָביליזירט.

1 אויגוסט. — דייטשלאַנד ערקלעהרט קריעג מיט רוסלאַנד; פראנקרייך מאָביליזירט.

2 אויגוסט. — רוסישע און דייטשע שיפען אין שלאכט ביי ליבאָו; ענגלאַנד נעהמט איבער די בעשיצונג פון די פראנצויזישע ברעגעס.

3 אויגוסט. — דייטשלאַנד פאָדערט פון בעלגיען פרייען דורכגאַנג פאר איהר ארמעען; מאָנטענעגרא ערקלעהרט קריעג מיט די צענטראַל־מעכטען.

4 אויגוסט. — דער סאָציאליסט עמיל וואנדערוועלד נעמט אָן א מיניסטער־אַמט אין בעלגישען מיניסטעריום; דייטשלאַנד גרייפט איין אין בעלגיען און ערקלעהרט בעלגיען קריעג; ענגלאַנד ערקלעהרט קריעג מיט דייטשלאַנד; דער דייטשער רייכסטאג בעוויליגט איינשטימיג דעם קריעגס־בודזשעט; דער רייכסקאַנצלער ערקלעהרט, אז דאס איינגרייפען אין בעלגיען איז א פערלעצונג פון אינטערנאציאנאלען רעכט, אָבער נאָך דעם קריעג וועט דייטשלאַנד גוט מאַכען. די סאציאלדעמאָקראטען שטימען פאר׳ן קריעגס־בודזשעט.

5 אויגוסט. — עסטרייך ערקלעהרט קריעג מיט רוסלאנד.

6 אויגוסט. — די אונטערשטע הויז פון ענגלישען פּארלאמענט שטימט צו פערשטאַרקערען די ארמעע מיט נייע 500,000 סאָלדאטען.

8 אויגוסט. — איטאַליען ערקלעהרט נייטראַליטעט.

13 אויגוסט. — ענגלאַנד ערקלערט קריעג מיט עסטרייך.

17 אויגוסט. — בריטישע אַרמעע לאַנדעט אין פראַנקרייך.

20 אויגוסט. — דייטשען נעהמען איין ברוסעל, הויפּטשטאָדט פון בעלגיען.

23 אויגוסט. —יאַפּאַן ערקלעהרט קריעג מיט דייטשלאַנד.

26 אויגוסט. — עסטרייך ערקלעהרט קריעג מיט יאַפּאַן; די סאָציאליסטען געד און סעמבא טרעטען אריין אין דעם פעראייניגטען פראַנצויזישען מיניסטעריום.

28 אויגוסט. — רוסען גרייפען איין אין גאַליציע.

2 סעפּטעמבער. — פראַנצויזישע רעגיערונג ציהט זיך אַרויס פון פּאַריז נאָך באָרדאָ.

3 סעפּטעמבער. — רוסען נעהמען איין לעמבערג.

5 סעפּטעמבער. — אָבמאַך צווישען די „עליים": ניט שליסען קיין סעפּאַראַט־פריעדען; הייבט זיך אָן די שלאַכט ביי דער מאַרן.

9 אָקטאָבער. — געפאַלען אַנטווערפּען.

16 אָקטאָבער. — ענגלישע „אַרבייטער פּאַר־טיי" ערקלעהרט זיך איינינ מיט דער דער רעגיערונג אין קריעג.

2 נאָוועמבער. — ענגלאַנד פערמאַכט דעם נאָרד־ים פאַר'ן דייטשען האַנדעל.

5 נאָוועמבער. — ענגלאַנד און פראַנקרייך ערקלעהרען קריעג מיט טערקיי.

14 נאָוועמבער. — פּרעמיער אַסקוויט ערקלערט, אַז ענגלאַנד בעאַבזיכטיגט אויסצוהונגערען דייטשלאַנד.

19 נאָוועמבער. — אונטערשטע הויז פון ענגלישען פּאַרלאַמענט בעוויליגט אַ נייעם מיליאָן סאָלדאַטען פאַר'ן קריעג.

2 דעצעמבער. — דייטשער רייכסטאַג בעוויליגט נייע 5 מיליאַרדען מאַרק פאַר דער קריעגס־פיהרונג. קאַרל ליעבקנעכט איז דער איינציגער, וואָס שטימט געגען קריעגס־ביודזשעט.

6 דעצעמבער. — די פעראייניגטע שטאַאַטען פּראָטעסטירט אין לאָנדאָן געגען די ניט־בעקוועמליכקייטען, וואָס די בריטישע שיפען פערשאַפען דעם אַמעריקאַנעם האַנדעל.

1915

9 פעברואר. — סאָציאַליסטען אין פּרויסישען לאַנדטאַג פּראָטעסטירען געגען קריעג.

18 פעברואר.—דייטשלאַנד הייבט אָן די אונטערוואַסער בלאָקאַדע פון ענגלישע ברעגען.

24 פעברואר. — רוסען פערטריבען פון בוקאָווינאַ.

4 מערץ. — דייטשלאַנד'ס נאָטע צו די פעראייניגטע שטאַאַטען מאָדיפיצירט די כללים פון אונטערוואַסער־בלאָקאַדע אין בעצוג אויף שפּייז־מיטלען און רויה־שטאָפען.

15 מערץ. — די בריטישע רעגיערונג שטעלט אָב דעם צופוהר פון שפּייז־פּראָדוקטען פאַר דער ציוויל־בעפעלקערונג פון דייטשלאַנד.

11 אַפּריל. — דער דייטשער געזאַנדטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, פאָן־בערנסטאָרף, פערעפענטליכט אַ מעמאָראַנדום, לויט וועלכען דער אַמעריקאַנישער פערקויף פון מוניציאָן צו די „עלליים" זאָל זיין אַ ברוך פון נייטראַליטעט.

15 אַפּריל. — די „סענטראַל פעדעריישען" פון נויאָרק (צענטראַלע פון אַלע יוניאָנס) טרעט אַרויס פאַר אַ גענעראַל־סטרייק אין די מוניציאָנס־פאַבריקען.

20 אַפּריל. — די דייטשלענדער און עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטען קאָנפערירען אין וויען: זאָגען זיך אַרויס פאַר דער בעשריינקונג פון בעוואַפנונגען נאָך דעם קריעג.

27 אַפּריל. — אין האַאַג ווערט אָבגעהאַלטען אַן אינטערנאַציאָנאַלער פריעדענס־קאָנגרעס פון פרויען, 42 דעלעגאַטען פון אַמעריקאַ.

7 מאַי. — דער דאַמפּפער „לוזיטאַניאַ" טאָרפּעדירט פון אַ דייטשער סובמאַרין: 1200 מענשען פערזונקען.

8 מאַי. — דייטשען נעהמען איין ליבאַו.

13 מאַי. — פּרעזידענט ווילסאָן פּראָטעסטירט געגען דעם פערזינקען די „לוזיטאַניאַ".

23 מאַי. — איטאַליען ערקלערט קריעג מיט עסטרייך.

3 יוני. — וו. דזש. ברייען, דער אמעריקאנער סעקרעטערי אָף סטייט, רעזיגנירט פון זיין אַמט.

26 יוני. — די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער דייטשלענדער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פערעפענטליכט אַ פריעדענס־אויפרוף. דער בערלינער „פאָרווערטס" פערבאָטען אויף 8 טעג.

31 יולי. — דייטשען נעהמען איין ליובלין.

5 אויגוסט. — דייטשען נעמען איין וואַרשאַ.

18 אויגוסט. — דייטשען נעמען איין קאָוונאַ.

21 אויגוסט. — איטאַליען ערקלערט קריעג מיט טערקיי.

1 סעפּטעמבער. — דייטשלאַנד פערשפּרעכט, אין אַ נאָטע צו די פעראייניגטע שטאַאַטען, ניט צו זינקען קיין שיף אָהן אַ ווארנונג.

2 סעפּטעמבער. — דייטשען בעזעצען גראָדנאָ.

15 סעפּטעמבער. — אַסקוויט מעלדעט אין פּאַרלאַמענט וועגען דער רעגיסטראַציע פון 3,000,000 מענער פאַר דער אַרמעע און 800,000 אַרבייטער פאַר די מוניציאָנס־פאַבריקען.

14 אָקטאָבער. — בולגאַריען ערקלעהרט קריג מיט סערביען.

15 אָקטאָבער. — גרויס-בריטאַניען ערקלערט קריעג מיט בולגאַריען.

16 אָקטאָבער. — פראַנקרייך ערקלעהרט קריעג מיט בולגאַריען.

19 אָקטאָבער. — רוסלאַנד און איטאַליען ערקלעהרען קריעג מיט בולגאַריען.

22 אָקטאָבער.—גריכענלאַנד ענטזאַגט צו העלפען די „עלליים“.

28 אָקטאָבער. — דער פראַנצויזישער מיניסטאָרען-קאַבינעט מיט וויוויאַני, אַלס פרעמיער, געפאלען. צונויפגעשטעלט אַ נייעם מיניסטעריום מיט בריאַן, אַלס פרעמיער.

8 נאָוועמבער. — די פעראייניגטע שטאַאַטען פּראָטעסטירט געגען די ענגלישע בלאָקאַדע.

11 דעצעמבער. — די פעראייניגטע שטאַאַטען פּראָטעסטירט געגען דער ענגלישער צענזור איבער דער אַמעריקאַנער פּאָסט.

1916

20 יאַנואַר. — ענגלאַנד רופט צו מיליטער-פליכט 100,000 ניט-פערהייראַטע מענער אין עלטער פון 19 ביז 22 יאָהר.

16 פעברואַר. — דייטשלאַנד ערקלעהרט, דאָס פון 1-טען מערץ וועלען בעוואָפענטע האַנדעלס-שיפען בעהאַנדעלט ווערען, ווי קריעגס-שיפען.

15 פעברואַרי. — דעבאַטען אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס וועגען וואָרנען אַמעריקאַנער רייזענדע ניט צו נעהמען קיין ריזיקע אויף בעוואָפענטע האַנדעלס-שיפען. פּרעזידענט ווילסאָן בעשטעהט אויף אַמעריקאַנער רעכט. די רעזאָלוציאָן וועגען וואָרנונג ניט אָנגענומען.

9 מערץ. — דייטשלאַנד ערקלעהרט קריעג מיט פּאָרטוגאַל.

19 אַפּריל. — פּרעזידענט ווילסאָן פּראָטעסטירט געגען דעם סאַבמאַרין-קאַמפּף פון דייטשלאַנד'ס זייט. סטראַשעט איבערצורייסען דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען.

25 אַפּריל. — אָנפאַנג פון רעוואָלוציע אין אירלאַנד. פּראָקלאַמירט די איירישע רעפּובליק.

3 אַפּריל. — איירישע קעמפּפער לייגען אַוועק וואפען. 18 הינגעריכטעט.

31 מאַי. — גרויסע ים-שלאַכט אין נאָרדישען ים צווישען ענגלענדער און דייטשען.

14 יוני. — קאָנפערענץ פון די „עלליים“ אין פּאַריז. פערהאַנדעלט וועגען דעם עקאָנאָמישען קריעג געגען די צענטראַל-מעכטען נאָכדעם, ווי ס'וועט זיך ענדיגען דער מיליטערישער קריעג.

17 יוני. — רוסען נעמען טשערנאָוויץ.

28 יוני. — קאַרל ליעבקנעכט פער'משפט צו 30 חדשים צוכטהויז.

13 יולי. — קריעגס-צושטאַנד ערקלעהרט אין שפּאַניען צוליעב אַרבייטער סטרייקען.

13 אויגוסט. — ראַדזשער קייזמאַט, דער איירישער רעוואָלוציאָנער, הינגעריכטעט.

26 אויגוסט. — איטאַליען ערקלעהרט קריעג מיט דייטשלאַנד.

27 אויגוסט. — רומעניען ערקלעהרט קריעג מיט עסטרייך-אונגאַרען.

25 סעפּטעמבער. — געוועזענער גריכישער פרעמיער ווינזעלאָס מאַכט אַן אויפשטאַנד אויף'ן אינזעל קרעט צוגונסטען גריכענלאַנד'ס בעטייליגונג אין קריעג אויף'ן זייט פון די „עלליים“.

11 אָקטאָבער. — גריכענלאַנד גיט איבער איהר פלאָטע אין ים-בעפעסטיגונג צו די „עלליים“.

21 אָקטאָבער. — פרידריך אַדלער דערשיסט דעם עסטרייכישען מיניסטער פאָן-סטורגה.

5 נאָוועמבער. — עסטרייך און דייטשלאַנד פּראָקלאַמירען פוילען אלס זעלבסטשטענדיגען קעניגרייך.

8 נאָוועמבער. — דער דייטשער קאַנצלער ערקלעהרט, אז דייטשלאַנד איז צופריעדען זיך אָנצושליעסען אן אן אינטערנאַציאָנאַלען פריעדענס-ליעג.

21 נאָוועמבער. — געשטאָרבען קייזער פראַנץ יאָזעף. קאַרל דער ערשטער פערנעהמט זיין טראָן.

4 דעצעמבער. — דער רוסישער פרעמיער טרעפּאָוו מאַכט בעקאַנט אין דער דומא דעם בעשלוס פון די „עליים“ צו געווינען קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאר רוסלאַנד.

5 דעצעמבער. — אסקוויט רעזיגנירט. ללויד דזשאָרדזש ווערט ענגלישער פרעמיער.

8 דעצעמבער. — „עלליים“ בלאָקירען גריכענלאַנד.

12 דעצעמבער. — די צענטראַל־מעכטען שלאָגען פאָר, אין אַ נאָטע צו די „עללייס" אָנצוהויבען פריעדענס־אונטערהאַנדלונגען.

16 דעצעמבער. — רוסישע דומא ווייזט צוריק פריעדענס־פאָרשלאַגען.

19 דעצעמבער. — ללויד דזשאָרדזש ווייזט צוריק דעם פריעדענס־פאָרשלאַג.

20 דעצעמבער. — פּרעזידענט ווילסאָן פאָדערט אויף די קריעגפיהרענדע לענדער צו בעטראַכטען פריעדענס־בעדינגונגען.

1917

10 יאַנואַר. — ענגלאַנד ענטפערט אויף פּרעזידענט ווילסאָן'ס נאָטע און מאַכט קלאָהר די פריעדענס־בעדינגונגען פון די „עלליים".

13 יאַנואַר. — דייטשער קייזער ענטפערט מיט אַ פּראָקלאַמאַציע צו זיין מיליטער אויף דעם ענטפער פון די „עללייס."

1—18 פעברואַר. — אונבעשרענקטער סובמאַרין־קאַמפף: געזונקען 121 שיפען מיט ביינאַהע אַ פערטעל מיליאָן טאָן טראַנספּאָרט־קראַפט.

3 פעברואַר. — די פעראייניגטע שטאַאַטען רייסען אָב דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט דייטשלאַנד. פּרעזידענט ווילסאָן שלאָגט פאָר אלע נייטראַלע לענדער, זיי זאָלען טאָן דאָס זעלבע.

9 פעברואַר. — די אייראָפּעישע נייטראַלע לענדער לעהנען אָב ווילסאָן'ס פאָרשלאַג.

11 פעברואַר. — אַמעריקאַנער געזאַנדטער פערלאָזט דייטשלאַנד.

12 פעברואַר. — פּרעזידענט ווילסאָן ענטזאָגט זיך צו אונטערהאַנדלען מיט דייטשלאַנד.

14 פעברואַר. — דייטשער געזאַנדטער פערלאָזט אַמעריקא; סקאַנדינאַווישע מלוכות פּראָטעסטירען געגען דייטשלאַנד'ס סובמאַרין־קאַמפף.

19-25 פעברואַר. — סובמאַרינען זינקען 65 שיפען.

26 פעברואַר. — פערעפענטליכט די געהיימע נאָטע פון דייטשען מיניסטער צימערמאַן, וועלכער האָט געזוכט צו פערבונדען דייטשלאַנד מיט מעקסיקא און יאפּאַן אויף'ן פאַל די פעראייניגטע שטאַאַטען וועט ערקלעהרען קריעג מיט דייטשלאַנד.

8 מערץ. — גרויסע סטרייקס און פאָלקס בעוועגונג אין פּעטראָגראַד.

10 מערץ. — עסטרייך ערקלעהרט אַלבאַניען אויטאָנאָם אונטער עסטרייכישען פּראָטעקטאָראַט.

11 מערץ. — ענגלישע נעהמען איין באַגדאַד.

12 מערץ. — ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו לייזט אויף די דומא און רייכסראַט (סאָוויט). די דומא ענטזאגט זיך צו פאָלגען. ברעכט אויס די רעוואָלוציע.

13 מערץ. — ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו זאָגט זיך אָפּ פון טראָן. פּאָרמירט די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג מיט פירסט לוואָוו אָן דער שפּיצע; גרויספירסט מיכאַאיל נאָמינירט אלס רעגענט, זאָגט זיך אָב.

16 מערץ. — כינא ברעכט אָב בעציהונגען מיט דייטשלאַנד.

17 מערץ. — פראַנצויזישער פּרעמיער בריאַן רעזיגנירט. אָן דער שפּיץ פון נייעם מיניסטעריום שטעלט זיך אלעקסאַנדער ריבאָ.

18 מערץ. — דייטשען ציהען זיך צוריק אויף אַ 85 מייליגען פראָנט אין פראַנקרייך.

2 אַפּריל. — פּרעזידענט ווילסאָן פאָדערט פון קאָנגרעס צו ערקלעהרען קריעג מיט דייטשלאַנד.

4 אַפּריל. — ביידע הייזער פון קאָנגרעס ערקלעהרען קריעג מיט דייטשלאַנד; אָנגענומען די ערשטע קריעגס־הלואה פון 7 מיליארד דאָלאַר.

1 מאַי. — ענגלישע און פראַנצויזישע קאָמיסיאָנען קומען אָן קיין אַמעריקא.

4 מאַי. — רוסישער „סאָלדאַטען און אַרבייטער פאָרשטעהער ראַט" ערקלעהרט זיך פאַר פריעדען אויף דעם גרונד פון „קיינע עראָבערונגען, קיינע געלד־בעשטראָפונגען, רעכט פון קליינע פעלקער."

6 מאַי. — אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פריעדענס־קאָנפערענץ פערהאַנדעלט פריעדענס־בעדינגונגען.

16 מאַי. — צונויפגעשטעלט א קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום אין רוסלאַנד מיט דעם אָנטייל פון סאָציאַליסטען. נעהמט אָן

די פאָרמולע פון פריעדען, ווי פאָרמולירט פון דעם „סאָלדאַטען און אַרבייטער ראַט". קיין סעפּאַראַט-פריעדען מיט דייטשלאַנד. מיניסטער פון אויסערן מיליוקאָוו רעזיגנירט.

17 מאַי. — ללויד דזשאָרדזש שלאָגט פאַר אַ נייעם פּלאַן פון „האָום-רול" פאַר אירלאַנד אָדער אַן אירישע קאָנווענשאָן, וואָס זאָל ענדגילטיג ערלעדיגען די פראַגע.

18 מאַי. — פּרעזידענט ווילסאָן חתמ'עט דעם געזעץ וועגען געצוואונגענער מיליטער-דיענסט.

31 מאַי. — צום ערשטען מאָל זייט דעם אָנפאַנג פון קריעג פערזאַמעלט דעם עסטרייכישען רייכסראַט.

5 יוני. — בריטישע סאָציאַליסטען פאַר פריעדען אָהן אַנעקסיעס.

17 יוני. — רוסישע דומא שטימט פאַר אַ נייע „אָפענסיווע".

19 יוני. — ענגלישער פּאַרלאַמענט (אונטערשטע הויז) בעשטימט וואַהלרעכט פאַר פרויען איבער 30 יאָהר; רוסישע סאָציאַליסטען ווייזען צוריק סעפּאַראַט-פריעדען.

20 יוני. — ענגלישע רעגיערונג בעפרייט אירישע רעוואָלוציאָנערען.

23 יוני. — אַמעריקאַנער קאָנגרעס נעהמט אָן געזעץ וועגען שפּייז-קאָנטראָל; סענאַט עמפפאַנגט רוסישע קאָמיסיע.

14 יולי. — דייטשער רייכס-קאַנצלער בעטהמאַן-האָלוועג רעזיגנירט.

20 יולי. — קערענסקי ווערט רוסישער פּרעמיער.

22 יולי. — סיאַם ערקלעהרט קריעג מיט דייטשלאַנד.

23 יולי. — קערענסקי קריעגט דיקטאַטאָרישע מאַכט איבער רוסלאַנד.

28 יולי. — אַמעריקאַנער רעגיערונג ערקלעהרט, אַז די נאַציאָנאַלע אַרמעע וועט זיין 2 מיליאָן שטאַרק.

14 אויגוסט. — דער רוימישער פּאַפּסט בענעדיקט שלאָגט פאַר אַ פּלאַן פאַר פריעדענס-אונטערהאַנדלונגען. ער פאָדערט די צוריקאויפשטעלונג פון בעלגיען, סערביען און רומעניען.

28 אויגוסט. — פּרעזידענט ווילסאָן ענטפערט אויף דעם פּאַפּסט'ס פאָרשלאַגען.

25 אויגוסט. — אין מאָסקווע פערזאַמעלט די אַל-רוסלענדער בעראַטונג, צונויפגערופען פון קערענסקי'ן.

6 סעפּטעמבער. — אַמעריקאַנער קאָנגרעס נעהמט אָן דעם ביל וועגען 11,589 מיליאָן דאָלאַר קריעגס-הלואה.

7 סעפּטעמבער. — די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אין רוסלאַנד פיהרט ווידער איין טויט-שטראָף.

8 סעפּטעמבער. — דער קאָרנילאָוו אויפשטאַנד אין רוסלאַנד.

10 סעפּטעמבער. — אַמעריקאַנער סענאַט נעהמט אָן דעם ביל וועגען קריעגס-טעקסעס אויף 2,400 מיליאָן דאָלאַר.

13 סעפּטעמבער. — דער קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד דערשטיקט.

15 סעפּטעמבער. — די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אין רוסלאַנד פּראָקלאַמירט די דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

25 סעפּטעמבער. — אַמעריקאַנער קאָנגרעס נעהמט אָן דעם ביל וועגען „האַנדלען מיט'ן שונא". אלס צו-זאַץ צום ביל קומט דאָס צענזור-געזעץ אויף דער פּעריאָדישער פּרעסע.

27 אָקטאָבער. — די ערשטע „פרייהייטס-הלואה באָנדס" אין אַמעריקאַ אויף 3,000 מיליאָן דאָלאַר סובסקרייבט אין פאַרויס פון 9½ מיליאָן סובסקרייבער אויף דער סומע פון 4,617 מיליאָן דאָלאַר.

2 נאָוועמבער. — קערענסקי וואַרפט די „עלליים": זיי העלפען ניט רוסלאַנד. זאָגט, אַז רוסלאַנד איז מיעד פון קריעג, אָבער וועט ניט איינגעהן אויף אַ סעפּאַראַט-פריעדען.

7 נאָוועמבער. — די באָלשעוויקעס מיט לענין און טראָצקי אָן דער שפּיץ, פערכאַפּען די רעגיערונגס-מאַכט.

12 נאָוועמבער. — פּרעזידענט ווילסאָן ערשיינט פאַר דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר און אַפּעלירט צו די אַרבייטער זיי זאָלען שטיצען די רעגיערונג אין קריעג.

23 נאָוועמבער. — לענין הויבט אָן צו דעמאָביליזירען די רוסישע אַרמעע.

30 נאָוועמבער. — באָלשעוויקעס שלאָגען פאַר פריעדענס-פערהאַנדלונגען צו אַלע קריעגס-פיהרענדע לענדער.

4 דעצעמבער. — פרעזידענט ווילסאָן פאָדערט פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס צו ערקלעהרען קריעג מיט עסטרייך.

5 דעצעמבער. — די באָלשעוויקעס הייבען אָן פריעדענס־אונטערהאנדלונגען מיט די צענטראַל־מעכטען.

7 דעצעמבער. — די פעראייניגטע שטאַאַטען ערקלעהרען קריעג מיט עסטרייך.

10 דעצעמבער. — רומעניען חתמ'עט וואַפענשטילשטאַנד מיט די צענטראַל־מעכטען; ארושלים גענומען פון די „עלליים".

26 דעצעמבער. — די אַמעריקאַנער רעגיערונג ערקלעהרט, אז זי וועט איבערנעהמען אונטער איהר קאָנטראָל אַלע אייזענבאַהנען; דייטשע פריעדענס־תנאים ערקלעהרט.

27 דעצעמבער. — די באָלשעוויקעס נעהמען איבער די נאַציאָנאַלע בענק אין רעגיערונגס־בעזיץ.

. . . די געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט, וואָס האָט ביז אַהער עקזיסטירט, איז אַ געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפף.

דער פרייער מענש און דער שקלאַף, דער פאַטריציער און פלעבעיער, דער פריץ און דער לייבאייגענער, דער אַמאָליגער בעל־מלאכה פון די צעכען און דער געזעל, קורץ דער בעדריקער און דער בעדריקטער האָבען שטענדיג געהאַט געגענזעצליכע אינטערעסען, האָבען אַלע מאָל געפיהרט צווישען זיך אַ שטענדיגען קאַמפף, אַ מאָל אַ פערבאָרגענעם, אַ מאָל אַן אָפענעם, — אַ קאַמפף, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל געענדיגט מיט אַ רעוואָלוציאָנערער איבערקעהרעניש פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אָדער מיט דעם אונטערגאַנג פון ביידע קעמפפענדע קלאַסען.

. . . אַלע ביז איצטיגע בעוועגונגען זיינען געווען בעוועגונגען פון דער מינדערהייט אָדער אין די אינטערעסען פון דער מינדערהייט. די פראָלעטאַרישע בעוועגונג איז אַ זעלבסטשטענדיגע בעוועגונג פון דער אונגעהויערער מעהרהייט און אין די אינטערעסען פון דער אונגעהייערער מעהרהייט. דער פראָלעטאַריאַט, די אונטערשטע שיכט פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, קען זיך ניט אויפהויבען, קען זיך ניט אויפריכטען, וואו עס זאָל ניט צוריסען ווערען אין דער לופט דער גאַנצער געביי פון די אויבערשטע שיכטען, וועלכע בילדען די אָפיציעלע געזעלשאַפט.

. . . די וועזענטליכע בעדינגונג פאַר די עקזיסטענץ און פאַר די הערשאַפט פון דעם בורזשואַזען קלאַס איז די אָנזאַמלונג פון רייכטהום אין די הענד פון פריוואַטע מענשען, די בילדונג און די פערמעהרונג פון דעם קאַפיטאַל; דער קאַפיטאַל קען ניט עקזיסטירען אָהן לוין אַרבייט. די לוין אַרבייט אָבער שטיצט זיך דורכאויס אויף דער קאָנקורענץ פון די אַרבייטער צווישען זיך. דער פראָגרעס פון דער אינדוסטריע, וועלכען די בורזשואַזיע איז ניט ווילענדיג געצוואונגען צו טרייבען פאָרווערטס, מאַכט אַ סוף צו דער צושפּליטערונג פון די אַרבייטער דורך דער קאָנקורענץ און שטעלט אויף אויף איהר אָרט זייער רעוואָלוציאָנערע פעראייניגונג דורך די אַרבייטער פעראיינען. מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע ווערט אויף אַזאַ אופן אונטערגעבראָכען דער יסוד, אויף וועלכען די בורזשואַזיע פראָדוצירט און האַלט אין איהרע הענד די פראָדוקטען. זי פראָדוצירט קודם כל איהרע אייגענע קברות־לייט. איהר אונטערגאַנג און דער זיעג פון פראָלעטאַריאַט זיינען ביידע גלייך אונפערמיידליך.

— פון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", פערפאַסט פון מארקס און ענגעלס אין 1848.

י. ב. סאָלוצקי	1917	(איבערזיכט)

I אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען

דעם 22־טען יאַנואַר 1917 האָט פּרעזידענט ווילסאָן געהאַלטען זיין בערימטע רעדע אין סענאַט וועגען „פריעדען אָהן אַ זיעג". ער האָט פאָרגעשלאָגען, הגם ניט דירעקט צו די קריעג־פיהרענדע צדדים, אַז דער צוקינפטיגער פריעדען זאָל געשלאָסען ווערען אויף אַזעלכע תנאים, דאָס עס זאָלען ניט זיין קיין זיעגער און בעזיעגטע. דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט מיט רעכט אַנגעוויזען, אַז אַ פריעדען געבויט אויף מיליטערישען נצחון וועט זיין די גרעסטע געפאַהר פאַר אַ דויערענדען פריעדען. אַז די פערניכטונג פון מיליטאַריזם, וועגען וואָס אַלע ריידען, וועט קיינ־מאָל ניט מעגליך זיין, אויב ס'וועט בלייבען איין צד וואָס האָט געזיעגט מיט דער הילף פון געוועהר, און אַ צווייטער צד, וואָס איז געשלאָגען פון געוועהר. איין צד וועט ערשט נעהמען בעוואָפענען זיך, ווייל בעוואָפנונג איז דאָך געווען די אורזאַך פון זיין זיעג, דער צווייטער וועט טרוימען וועגען נקמה און אויף דעם חשבון — זיך בעוואָפענען. די פאָרמולע פון „פריעדען אָהן זיעג" האָט געשיינט צו זיין אָננעהמבאַר פאַר ביידע צדדים, ד. ה. פאַר די מעסיגע עלעמענטען אין ביידע קריעג־פיהרענדע מחנות. ווארים די פעלקער פון אַלע קריעגס־לענדער זיינען געווען שטאַרק אויסגע־מאַטערט, אין אייניגע פאַלען — פּשוט אויסגעהונגערט: קיין איין פאָלק, אַזוי האָט עס געשיינט, וועט ניט אימשטאַנד זיין ארויסצואווייזען אַזוי פיעל מיליטערישע גבורה, דאָס עס זאָל גענצליך פאַרניכטען אָדער צוברעכען דעם צווייטען צד. קיין איינער פון די צדדים, ווידער, האָט פאַרלויפיג ניט געליטען קיין דורכאויסיגע מפּלה, אַזוי דאָס ער זאָל ניט אַנדערש זוכען נקמה צו נעהמען אָדער צו פערטיידיגען זיין עהרע. קיין איין צד איז פאַרלויפיג ניט געווען דורכאויס זיעגרייך, און ביידע צדדים האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אונבעזיעגבאַר. איז צוליעב וואָס זאָל, אונטער די אומ־שטענדען, פאָרטגעזעצט ווערען דער קריעג? און מען האָט געגלויבט, אַז ווען ס'מישט זיך אַריין אַ מאַכט, וואָס איז בעדייטענד גרויס, אַז מיט איהר וואָרט און ווילען זאָל מען זיך ערנסט רעכענען, און ס'וועלען געמאַכט די ריכטיגע פאָרשלאָגען, וועט ענדליך קומען די לאַנג־ערוואַרטעטע שטונדע פון שלום. אמת, מען האָט פאָרויס־געזעהן, אַז די פראָפעסיאָנעלע שטאַאַטסלייט און דיפּלאָמאַטען וועלען זיך קנייטשען און ברעקלען. דערפון אָבער איז קיינער ניט נתפּעל געוואָרען. דאַרפען זיי דאָך „ראַטעווען זייער פּנים", זייער צוגענעצטען „פּרעסטיזש". און מען האָט געהאָפט, אַז ניט היינט איז מאָרגען קומט דער לאַנג־געווינשטער שלום. אויסגעלאָזען האָט עס זיך גאַנץ אַנדערש.

א. דעם פּרעזידענט'ס רעדע און דייטשלאַנד.

פּרעזידענט ווילסאָן'ס רעדע איז אויפגענומען געוואָרען זעהר קאַלט פון דער „גרויסער" פּרעסע און פון דער הערשענדער „עפענטליכער מיינונג". מען האָט דעם פּרעזידענט בעשולדיגט אין סימפּאַטיעס צו די צענטראַל־מעכטע און ניט אויפריכ־טיגער בעציהונג צו די „עלליים". נאָר אַ קליינע צאָהל אידעאַליסטען דאָ און דאָרטען האָ־בען בעגריסט די ווירקליך גרויסע רעדע פון דעם פּרעזידענט, און, פון צווייטען זייט, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט אויך ווילהעלם האָהענצאָלערנ'ס רעגיערונג ארויסגעווי־

זען איהר אונצופרידענהייט מיט פּרעזידענט ווילסאָן'ס פאָרשלאַג און האָט אָנגע־הויבען איהר „אונבעשריינקטען סובמארין־קאַמפּף". די פעראייניגטע שטאַאטען האָט איבערגעריסען דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט דייטשלאַנד.

וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט, וואָס האָט מיט אַמאָל אַזוי ראַדיקאַל געביטען דעם פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישען וועטער? וואו זיינען אַהינגעקומען דייטשלאַנד'ס פריע־דענס־שטרעבונגען? האָט זי דאָך אַליין פאָרגעשלאָגען פריעדען צו די „עלליים", נאָך אין דעצעמבער 1916? און די „עלליים", האָבען זיי דען ניט מעהררע מאָל ערקלעהרט, אַז זיי זוכען ניט קיינע עראָבערונגען, נאָר אַ גערעכטען און דויערענדען פריעדען? איז עס מעגליך, אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט אַזוי ווייניג פערשטאַנען די אינטער־נאַציאָנאַלע לאַגע און גערעדט וועגען „פריעדען אָהן אַ זיעג" בעת די רעגיערונגען זיינען ענטשלאָסען געווען צו קעמפּפען פאַר אַ „זיעג אום יעדען פּרייז"? עס וועט, פיליכט, אינטערעסאַנט זיין צו דערמאָנען אַ פאַקט, — אָדער ריכטיגער אַ רייהע פאַקטען, אויף וועלכע ס'האָט מעהרערע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט פּ ר ע נ ק ה ע ר ר י ס, דער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער און אויסערגעוועהנליך גוט אינ־פאָרמירטער פּובליציסט, אין דעם „פּירסאָן'ס מעגעזין". די פאַקטען, וועלכע עס ברענגט מר. העררים, פערדיענען אויפמערקזאַמקייט, ווארים זיי ווארפען אינטערעסאַנטען ליכט אויף דער „געהיים־דיפּלאָמאַטיע" פון יענע טעג. אָט וואָס מר. העררים דערצעהלט:

„ענדע 1916 האָט דייטשלאַנד געמאַכט בעשטימטע פריעדענס־פאָרשלאַ־גען: די הויפּט פּונקטען זיינען געווען — קיינע ערהאָבערונגען און קיינע בע־שטראָפונגען און, וואו נאָר מעגליך, זאָל דורכגעפיהרט ווערען דער פּרינציפּ, דאָס נאַציאָנאַליטעטען זאָלען אַליין ענטשיידען צו וועמען זיי זאָלען געהערען. דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר פאָן־בערנסטאָרף האָט די פאָרשלאַגען פאָרגעבראַכט פאַר פּרעזידענט ווילסאָן, און, צו זיין גרעסטער צופרידענהייט, האָט ער אויס־געפונען, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז בערייט צו זעהן אין זיי אַ געניגענדען באַזיס פאַר פריעדענס־פערהאַנדלונגען. פּרעזידענט ווילסאָן האָט געמאַכט אַ שריט ווייטער. ער האָט בעוועגען דעם ענגלישען אַמבאַסאַדאָר צו בעטראַכטען די פריעדענס־פאָרשלאַגען אין דער זעלבער ליכט און האָט איהם געראַטען, דאָס ער זאָל ענטשפּרעכענד ווירקען אויף דער גרויס־בריטישער (ענגלישער) רעגיע־רונג. גלייכצייטיג דערמיט האָט פּרעזידענט ווילסאָן געהאַלטען זיין רעדע, וואו ער איז אַרויס צוגונסטען פון „פריעדען אָהן אַ זיעג".

„אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר געמאָלדען דעם פּרעזידענט, אַז היות ווי פּרעזידענט ווילסאָן וויל זעהר שטאַרק, דאָס די דייטשע פאָרשלאַגען זאָלען אָנגענומען ווערען אַלס באַזיס פאַר אונטערהאַנדלונגען, וועט זיין בריטאַנישער מאַיעסטעט'ס רעגיערונג ניט שטעלען זיך דאַגעגען. עס איז אויך פאָרגעשלאָגען געוואָרען, אַז וואַפענשטילשטאַנד זאָל שטאַטפינדען איידער ס'וועט זיך אָנהויבען די פריעדענס־קאָנפערענץ.

„פרייטאַג, דעם 5־טען פעברואר, איז מען דורכגעקומען וועגען אַלע פאָר־בעדינגונגען פון די געפּלאַנטע אונטערהאַנדלונגען.

„פּרעזידענט ווילסאָן און אַמבאַסאַדאָר בערנסטאָרף האָבען ניט געסטאַרעט זיך צו בעהאַלטען זייער צופרידענהייט: לעבען, נאָרמאַלער, געזונטער לעבען וועט קירצליך ווידער הערשען אין אייראָפּאַ, דער משונה'דיגער מלחמה־היהנהער־פּלעט איז אַזוי גוט ווי פאָריבער.

„אַמבאַסאַדאָר בערנסטאָרף האָט טעלעגראַפּירט די גוטע נייעס צו זיין רעגיערונג אין בערלין, און אַלס ענטפער האָט ער בעקומען די קורצע מעלדונג, אַז די סובמארינס ווערען פריי־געלאָזען צו טאָן זייער פערניכטונגס־אַרבייט, און דער אַמבאַסאַדאָר זאָל מעלדען דעם פּרעזידענט וועגען די ענדערונג פון דער דייטשער פּאָליסי.

„פּרעזידענט ווילסאָן האָט, אַנשטאַט אַן ענטפער, אָבגעשיקט דעם אַמבאַ־סאַדאָר זיינע דאָקומענטען (פּאַספּאָרט), און דאָס איינציגע, וואָס בערנסטאָרף האָט געקאָנט טאָן, איז געווען בעטען וועגען מעהר צייט. מיט זעלטענער גרויס־מוט האָט דער פּרעזידענט דערויף איינגעשטימט. נאָך מעהר, בערנסטאָרף האָט פערלאַנגט דריי, העכסטענס פיער וואָכען צייט. ווילסאָן האָט איהם גע־געבען — פינף. בערנסטאָרף האָט געהאָפט דאָס ער וועט אונטערדעסען זעהן דעם קייזער און ווירקען אויף איהם ער זאָל אויפגעבען דעם אונבעשרענקטען סובמארין־קאַמפף. אין פינף וואָכען אַרום האָט דער פּרעזידענט ערקלעהרט אין קאָנגרעס, אַז עס עקזיסטירט צווישען אַמעריקאַ און דייטשלאַנד „קריעגס־צושטאַנד“. און ווידער האָט דער פּרעזידענט געגעבען דייטשלאַנד דריי וואָכען צייט, אָבער אַלץ איז געבליבען ביים אַלטען, און אין אַפּריל איז ערקלערט געוואָרען קריעג“.

מען קען ציעהען פערשיעדענע שלוסען פון דער געשיכטע, וועלכע פּ ר ע נ ק ה ע ר ר י ס דערצעהלט, אויב, פערשטעהט זיך, מען זאָל אָננעמען, אַז זי איז דורכאויס ריכטיג. און עס זיינען ניטאָ קיינע אורזאַכען פאַר וואָס מען זאָל זי ניט גלויבען: ניט דער דייטשער און ניט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר האָט זי אָב־געלייקענט, און אויך קיינער פון דער זייט פון דער נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַציע, טראָץ דעם, וואָס די אַנגעלעגענהייט האָט געקראָגען זעהר פיעל פּראָמינענץ.

איינס אָבער ווייזט זיך קלאָהר אַרויס אין דעם אינצידענט, וואָס כאַראַקטערי־זירט די צושטאַנדען, וואָס האָבען דאַמאָלס געהערשט אין דייטשלאַנד, און אַרום וועלכע אייגענטליך עס דרעהט זיך די אינטערנאַציאָנאַלע געשיכטע פון דעם גאַנצען יאָהר 1917. לויט דער מיינונג פון בערנסטאָרף'ן אַליין, צו וועלכער מען דאַרף, פערשטעהט זיך, בעציהען זיך אַ היבש ביסעל קריטיש, איז די דייטשע רעגיערונג געווען אויפריכטיג בעת זי האָט געמאַכט איהרע פריעדענס־פּאָרשלאַגען צו די „עלליים“ און געבעטען דעם פּרעזידענט ווילסאָן ער זאָל זיך אַריינלייגען אין דעם ענין אַלס פשרה־מאַכער. עס האָבען אָבער אין דייטשלאַנד אַ כמעט גלייכע מאַכט צוויי הויפּט־ריכטונגען און עס זיעגט אין דער אַלגעמיינער אויסערליכער מלחמה און דיפּלאָמאַ־טישער פּאָליטיק אַמאָל איין ריכטונג און אַמאָל — די צווייטע. לויט בערנסטאָרף'ס מיינונג נאָך , זאָל דער קייזער און דער קאַנצלער, — דאַמאַלס, פאָן־בעטהמאַן־האָלוועג — זיין מיט דער פּאַרטיי, וואָס וויל אַ דויערענדען פריעדען, אפילו ווען אָהן אַ זיעג. און פון דער צווייטער זייט שטעהט די מיליטערישע, פאָן־גערמאַנישע פּאַר־טיי מיט פאָן־הינדענבורג'ן און די יונקערס אָן דער שפּיץ, וועלכע גלויבען, אַז די „עלליים“ וועלען סוף כל סוף מוזען אונטערגעבען זיך, אויב נאָר די מלחמה זאָל געפיהרט ווערען מיט דער נויטיגער קראַפט און אויסדויער. פאָן־בערנסטאָרף האָט געגלויבט, אַז ער וועט קאָנען איבערציינגען דעם קייזער אין דער שעדליכקייט פון דער סובמארין טאַקטיק פאַר דער דייטשער זאַך, ווען ער זאָל נאָר קריעגען גענוג צייט. אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען.

ב. דייטשלאַנד'ס פריעדענס־פאָרשלאַגען און מלחמה־העצע.

מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז בעת פאָן־בערנסטאָרף האָט געוואָלט פּראָוועוען אַריבערציהען די וואָג־שאָהל אויף דער זייט פון פריעדען, האָט די דייטשע דיפּלאָמאַטיע, ווי דאָס איז שפּעטער בעוויזען געוואָרען, געפיהרט אַ דאָפּעלטע שפּיעל. פון איין זייט האָט זי געפיהרט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די לעצטע מיניסטאָרען פון די ראָמאַנאָווס וועגען אַ סעפּאַראַט־פריעדען, וועלכער וואָלט בעפרייט די דייטשע ריזיגע אַרמיי אויף דעם מזרח־פראָנט און געעפענט פריי פּאַר דייטשער עקספּלואַטאַציע די אונגעהויערע נאַטירליכע אוצרות פון רוסלאַנד, און דער עיקר איהר אונבעשרענקטען שפּייז־אוצר (אונטער דער פעהיגער און סיסטעמאַטישער האַנד פון דייטשלאַנד וואָלט רוסלאַנד אפשר, ווי פריהער, געהונגערט, אָבער דייטשלאַנד וואָלט געקראָגען איבער־גענוג צו שפּייזען איהר בעפעלקערונג). פון דער צווייטער זייט, האָט די דייטשע דיפּלאָמאַטישע אַגענטור אָנגעפיהרט אַ פּראָוואָקאַטאָרישפּאַטריאָטישע און אימפּעריאַליסטישע העצע אין פראַנקרייך. זי האָט געהעצט די פראַנצויזישע עפענטליכע מיינונג צו מלחמה אָהן רחמנות געגען די דייטשען, און מיט דעם געקויפטען העצע־מאַטעריאַל געוואָרגען די אייגענע אונצופרידענע, אין דייטשלאַנד. ס'האָט געוואָלט הייסען, אַז דייטשלאַנד האָט קיין ברירה ניט: זי מוז זיך שלאָגען, אַזוי לאַנג ווי איהרע שונאים זיינען פיינדליך־קריעגעריש און אימפּעריאַליסטיש געשטימט.

די דייטש־רוסישע אינטריגע איז ניט פערווירקליכט געוואָרען: די מערץ־רעוואָלוציע האָט זי צושטערט. אָבער ווילהעלם האָהענצאָלערן האָט ערוואַרטעט, און ניט דורכאויס אָהן רעכט, אַז די רעוואָלוציע וועט געוויסערמאַסען שפּיעלען זיין קאָרט. ער האָט פערשטאַנען, אַז ענטוועדער די רעוואָלוציע וועט דערשטיקט ווערען, און די רעאַקציע, כדי זיך צו בעפעסטיגען אין דער היים, וועט מוזען שליעסען שלום פון דרויסען. אָדער, און דערין האָט ער זיכער שטאַרק געצווייפעלט, אויב די רעוואָלוציע וועט אויסהאַלטען אינוועניג, וועט זי אָבער גענוג פערנומען זיין, עס זאָל איהר קיין צייט ניט סטייען אויף מלחמה פון דרויסען. אַזוי צי אַנדערש, דייטשלאַנד האָט ניט געמאַכט גוט די ערוואַרטונגען פון איהר דיפּלאָמאַטישען פאָרשטעהער אין וואַשינגטאָן, און אויך די לעצטע און גרויסע דעמאָקראַטיע, וואָס איז נאָך געוועזען פערבליבען נייטראַל, איז אַריין אין קריעג, און פערשטעהט זיך — געגען די צענטראַל־מאַכטען.

ס'איז כדאַי צו בעמערקען די פּאָליטיק פון דייטשלאַנד'ס (און עסטרייך'ס) פיהדער אין די פריעדענס־אונטערהאַנדלונגען מיט דער באָלשעוויסטישער רעגיערונג פון רוסלאַנד. מיר דערקענען דאָרט די זעלבע האַנד און דעם זעלביגען „ויתרוצצו" פון די צוויי פּאָליטישע ליניעס: די פּאַן־גערמאַנישע ערָאָבערונגס־פּאָליטיק פון זיעג אום יעדען פּרייז, און די מעסיגע ליניע פון אָננעמבאַרען פריעדען ווען אפילו אויך אָהן זיעג. דעם 24טען האָבען די פאָרשטעהער פון די צענטראַל־מאַכטען פאָרגעשלאָגען פריעדענס־תנאים, וועלכע האָבען אַנערקענט דעם פּרינציפּ פון קיינע לאַנד־ערָאָבערונגען און קיינע קאָנטריבוציעס. און מיט צוויי טעג שפּעטער איז געקומען אַ „גענויע דעפיניציע" פון די פריעדענס־בעדינגונגען, וועלכע האָט אומגעשטירצט די ערשטע פאָרשלאַגען, זיי פולשטענדיג מבטל געמאַכט, אַנשטאַט „קיינע ערָאָבערונגען" האָט עס געהייסען בעוואָפענטער בעזיץ פון אַלע איינגענומענע לענדער. און אונטער דעם

רעכט פון פעלקער אויף זעלבסט־בעשטימונג פערשטעהען די צענטראַל־מאַכטען־דיפּלאָ־מאַטען די פליכט פון פעלקער צו אַנערקענען דייטשלאַנד׳ס אויבערמאַכט.

די פּאָליסי איז ,ווי געזאָגט, דיזעלביגע אין דעצעמבער 1917 אין יאַנואַר 1918, ווי אין דעצעמבער 1916 און יאַנואַר 1917. און דערפאַר אַליין איז ניט גענוגענד די ערקלעהרונג, אַז ביי דעם רודער אין דייטשלאַנד שטעהען בלומרשט צוויי ריכטונ־גען, וועלכע אונטערשיידען זיך אין מיליטערישע און אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס, און אַז איין מאָל זיעגט איין ריכטונג און אַ צווייטען מאָל — די צווייטע. פאַר דעם יאָהר צייט האָט געמוזט קומען צו מאַכט ענטוועדער איין ריכטונג אָדער די צווייטע. פאַרביידען קאָן קיין פּלאַץ ניט זיין אין אַזאַ שטרענג צענטראַליזירטען און אין עצם אויטאָקראַטישען רעגיערונגס־סיסטעם, ווי דייטשלאַנד.

דער אמת שיינט צו ליגען ערגיץ אַן אַ זייט, און איהם האָט די אַמעריקאַנער רעגיערונג בעסער פערשטאַנען איידער וועלכע אַנדערע רעגיערונגען פון די „עלליים“, און אַרום אָט דעם אמת געהט אָן דאָס שפּיעל דעם גאַנצען פערלאָפענעם יאָהר.

ג. די פּאָליטיק פון „פריעדליכע אָפענסיוועס“.

וועלכער איז דער „אמת“? — ער בעשטעהט אין פאָלגענדען. אין דייטשלאַנד געהט נעמליך אָן אַ קאַמפּף ניט אַזוי פיעל צווישען צוויי רעגיערונגס־קליקעס, ווי צווישען דעם פאָלק און דער רעגיערונג. די אונצופרידענהייט פון די פאָלקס־מאַסען מיט דעם קריעג און מיט דער רעגיערונגס־פיהרונג האָט שוין מיט אַ יאָהר צוריק דערגרייכט אַזאַ מדרגה, דאָס אינגאַנצען איגנאָרירען זי האָט די רעגיערונג מעהר ניט געקאָנט. אָבער אויך איז די אונצופרידענהייט ניט געווען שטאַרק גענוג צו צווינגען די רעגיערונג איינצוגעהן אויף אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער אויסערליכער ווי אין דער אינערליכער פּאָליסי. וואָס לענגער עס ציהט זיך דער קריעג, אַלץ מעהר זאַמעלט קרעפטען די אָפּאָזיציע. אָבער די רעגיערונג פערשטעהט אויך, אַז אויף מאָר־גען נאָך דעם קריעג וועט די אָפּאָזיציע סיי ווי סיי שטייגען, סיידען דער קריעג וועט זיין אויסערגעוועהנליך ערפאָלגרייך. אויב דער קריעג איז לכתחילה געווען אויפגערייצט צוליעב אימפּעריאַליסטישע עראָבערונגס־צוועקען, איז איצטער די רעגיערונג געצוואונ־גען צו דערשלאָגען זיך עראָבערונג כדי צו ראַטעווען איהר אייגענעם קאָפּ. און דערוויי־לע, אַזוי לאַנג ווי דער קריעג געהט אָן, איז וויכטיג אָנצוהאַלטען וואָס מען רופט די מ אָ ר אַ ל פון׳ם פאָלק און פון דער אַרמעע. היינטיגער קריעג איז אַ קריעג פון פעלקער, גרויסע מאַסען, פּאַקטיש די גאַנצע בעפעלקערונג איז אַריינגעצויגען אין קאַמפּף און אַנדערש איז קיין זיעג ניט מעגליך, סיידען די בעפעלקערונג אַליין איז בעגייסטערט פון די קריעגס־ציעלען.

אָבער ווי האַלט מען דאָס פאָלק בעגייסטערט פאַר׳ן קריעג, וואָס קאָסט אַזוי טייער, פאָדערט אַזוי פיעל קרבנות און שיינט צו פערציהען זיך אָהן אַ שיעור? — איין וועג איז וואָס אָפטער ריידען וועגן פריעדען און וואַרפען די שולד פאַר דער פאַרט־זעצונג פון קריעג אויף דעם צווייטען צד. דער צווייטער וועג — דאָס איז אָפטע נצחונות, קליינע צי גרויסע, אָבער — נצחונות. ביי דעם רודער אין דייטשלאַנד שטעהט איין קליקע, וועלכע איז אפשר צוטיילט מחמת פערשיעדענע פּריוואַטע ציעלען. אויף איינס אָבער זיינען זיי אַלע געאייניגט: דאָס איז — זיי אַלע פער־אַכטען דעם פאָלק און האַסען דעמאָקראַטיע. פאַראַן אָבער פיהרער פון דער קליקע, וואָס זיינען פעהיג צו קעמפּפען אויף דעם מיליטערישען שלאַכטפעלד. פאַראַן ווידער אַזעלכע, וועמעס גבורה בעשטעהט אין קעמפּפען אויף׳ן פּאָליטישען אָדער דיפּלאָמאַ־

טישען שלאַכטפעלד אין מאַכען פריעדענס־פאָרשלאַגען, וואָס ווייזען אויס ליבעראַל, אָבער אין דער אמת'ן זוכען זיי צו דערשטיקען דעם צווייטען צד או ןדער ליבעראַלער אויסזעהן פון די פריעדענס־פאָרשלאַגען דאַרף עס פעררדרעהען דעם עולם אין דער היים דעם קאָפּ. און די דייטשע קריעגס־סטראַטעגיע פון דעם לעצטען יאָהר איז כסדר איין קאַמפּף געגען פריעדען און געגען דעם דייטשען פאָלק: די רעגיערונג מאַכט אַ פריע־דענס־פאָרשלאַג צו בערוהיגען דעם עולם אין דער היים, און ווען דער בעצוקערטער פריעדענס־פאָרשלאַג געהט נאַטירליך ניט דורך מאַכט די מיליטערישע קאָמאַנדע אַ נייעם מיליטערישען „דרייוו" און האַלט אָב אַ נצחון, דאָס מאָל צו פערטומלען דעם פאָלק אין טשאַד פון זיעג. נאָך יעדער אַזוי־צו־זאָגען „פריעדליכע אָפענסיווע" קומט אַ מיליטערישע אָפענסיווע.

די פּאָליסי פון דייטשלאַנד איז ניט געבליבען אונבעמערקט פון איהרע געגנער. לכל הפחות די קליגערע האָבען עס פערשטאַנען. אָבער אַזוי ווי געוועהנליך זיינען עס ניט די קליגערע, וואָס שטעהען ביים רודער, האָבען די פיהרער פון די „עלליים" זיך וועניג בענוצט מיט דעם מיטעל פון „פרידען־אָפענזיווע". אפילו דער קליגסטער פון די אייראָפּעאישע שטאַאַטסמענער פון די „עלליים", לאָיד דזשאָרדזש, האָט ניט אויסגענוצט די געלעגענהייט אָבצושוואַכען די מאָראַל פון דעם דייטשען פאָלק, ריכ־טיגער — פון דעם דייטשען מיליטאַריזם, און צו שטאַרקען די היימישע פּאָזיציעס פון די „עלליים". בלויז פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך אויף דעם וועג געשטעלט. נאַ־טירליך, ס'איז אויך מעגליך, אַז דערפאַר האָט פּרעזידענט ווילסאָן אַזוי פיעל אויס־גענוצט דעם מיטעל פון „פריעדליכער אָפענסיווע", ווייל אויף קיין אַנדער, מעהר מיליטערישען וועג, האָט אַמעריקאַ פאָרלויפיג ניט געקאָנט זיך מאַכען בעדייטענד פיהלבאַר אין דעם קריעג, אויף דער זייט פון די „עלליים".

ד. דאָס געיעג נאָך דער קריעגס־מאָראַל.

וועלכע עס זאָלען ניט זיין געווען די מיליטערישע געווינסען פון איין זייט אָדער דעם צווייטען אין פערלויף פון דעם יאָהר, אָבער קיינער פון זיי און אפילו ניט אַלע צוזאַמען האָבען ניט געהאַט די ווירקונג, וואָס זאָל אַזוי אָדער אַנדערש בעשליסען דעם אויסגאַנג פון דעם קריעג. מעהר און מעהר ווערט עס קלאָהר, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיגט, און ווי לאַנג זי זאָל ניט אָנהאַלטען, וועט זי ענדיגען זיך אין אַ „דראָ", קיין איין צד וועט ניט זיעגען און קיין איינער איז ניט בעזיעגט. דאָס, נאַטירליך, בעציהט זיך אויף יעדען צד, אַלס גאַנצען. איינצעלנע, אַזוי־צו־זאָגען, רעגימענטען פון יעדען קריעגס־צד זיינען „ארוים פון סטרוי", אָבער די לאַגע, אין גרויסען און גאַנצען, האָט זיך ניט געענדערט. די „עלליים" האָבען פערלאָרען רוסלאַנד, אַלס אַ פּאָזיטיווען קאַמפּפס־געהילף, און צוליעב דעם מיליטערישען אונ־טערגאַנג פון רוסלאַנד איז רומעניען אַראָב פון די וואָג־שאָלען פון קריעג. לעצטענס האָבען די צענטראַל־מאַכטען אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון איבער איטאַליען, און ווי עס ווייזט אויס איז איטאַליען אינערליך אויך אַזוי פיעל אָבגעשוואַכט, אַז אויך אויף איהר איז וועניג וואָס פאַראַן צו רעכענען אַלס אָנגרייפענדע קראַפט. אָבער צו דעקען די אַלע פערלוסטען האָבען די עליים געקראָגען אַ נייעם שותף — די פער־אייניגטע שטאַאַטען, וועמענס איינטריט אין קריעג איז אין צייט צוזאַמענגעפאַלען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און איהר מיליטערישען צוזאַמענברוך.

עס ווערט אַלץ קלעהרער און קלעהרער, אַז די „לאַ וויקטואַר אינטעגראַל" — דער ענטשיעדענער זיעג, וועגען וועלכען עס האָבען געטרוימט אין דער הויך די דייטשע

מיליטאַריסטען און די אימפּעריאַליסטען פון די „עלליים“, איז מעהר ניט מעגליך. די אַמעריקאַנער „ניו רעפּאַבליק“, די וואָכענשריפט פון אונזער „פּראָ־קריעג“ אינ־טעליגענץ, האָט דערפאַר אָפען געשריבען אַזוי שפּעט, ווי אין מיטען אויגוסט, עדי־טאָריעל, אַז „די שטאַאַטסמענער וואָס ווייסען, וואָס מיר, געוועהנליכע מענשען ווייסען ניט, זיי גלויבען מעהר ניט אין אַ פולען זיעג“, זיי ווייסען גענוי, וואו עס האַלט מיט׳ן קריעג. און די צייטונג פרעגט, פאַר וואָס געהען זיי אָן מיט דער מענשען־הריגה?

„פאַר וואָס לייגען זיי ניט אַרויס די קאַרטען אויף׳ן טיש און צוטיילען ניט די געווינסען, לויט דעם, ווי דאָס איז שוין פּאַקטיש בעשערט און קלאָהר געוואָרען פאַר די שטאַאַטסמענער אינ׳ם לויף פון קריעג? אויב זיי זעהען, ווי אַזוי די מלחמה וועט זיך סוף כל סוף אויסלאָזען, פאַר וואָס זאָלען נאָך אַ מיליאָן, אָדער צוויי, אָדער דריי מיליאָן מענשען פערלירען זייערע לעבענס, איידער די איבעריגע וועלט וועט דערגעהן, וואָס די שטאַאַטסמענער ווייסען שוין איצטער?“

און די צייטשריפט ענטפערט:

„דערפאַר, וואָס אַ פאַקטאָר אין דעם קריעג איז די מ אָ ר אַ ל (דער מוט, די ענטשלאָסענהייט און איינמוטיגקייט) פון די פעלקער, וואָס שלאָגען זיך. און, לויט די כללים פון דער שפּיעל, וועט דער ערשטער שריט צו ענדיגען די שפּיעל ענדערען דעם צושטאַנד פון דער מ אָ ר אַ ל ביי ביידע צדדים. און דער, וואָס מאַכט דעם פאָרשלאַג צו שליעסען די שפּיעל, איז אויך פעראור־טיילט צו פערלירען די שפּיעל! די שטאַאַטסמענער פון די צענטראַל־מלוכות זיינען אפשר בעוואוסט ביי זיך, אַז זיי וועלען פערלירען לאָטאַרינגען. אָבער אָפען צוגעבען קענען זיי עס ניט, ווייל, לויט די קאָנווענציאָנעלע כללים פון דער שפּיעל, וואָלט אַזאַ אַנערקענונג אָבשוואַכען די ק ר י ע ג ס־מ אָ ר אַ ל פון דייטש־לאַנד און שטאַרקען די קריעגס־ענטשלאָסענהייט פון דייטשלאַנד׳ס געגנער: דאַ־מאַלס וועלען זיי אויך פערלירען עלזאַס. די איטאַליענער ווייסען אפשר, אַז זיי וועלען ט ר י ע ס ט ניט קריגען, אָבער צוגעבען עס קאָנען זיי ניט, ווארום זיי ריזיקירען דאַמאָלס ניט צו קריגען אפילו טרענטינאָ. די שטאַאַטסמענער קאָנען פאָראויסזעהען — זיי מוזען פאָראויסזעהען — דעם אַלגעמיינעם סוף. אָבער זיי זיינען צוגעבונדען צום ראָד. זיי וואַגען ניט צו ריהרען זיך. זיי מוזען שפּיע־לען די מיאוסע שפּיעל, בעת עס שטאַרבען מיליאָנען. לכל הפחות מיינען זיי, דאָס זיי מוזען“.

ס׳איז שווער אַרויסצוזאָגען אין וועניג ווערטער אַ שטאַרקערע פערדאַמונג פון דעם קריעג, און דאָס קומט פון אַ קוואַל, וואָס איז געווען און איז עד היום פאַר קריעג, פון אַ קוואַל, וואָס בעריהמט זיך דאָס ער, נעמליך — די פּראָפעסיאָנעלע אַמעריקאַנער אינטעליגענץ, האָט פעראורזאַכט דאָס אַמעריקאַנער אָנשליסען זיך אָן דעם קריעג. אינטערעסאַנט אָבער איז דאָ די אָנווייזונג אויף דער שפּיעל צו שטאַר־קען די קריעגס־מ אָ ר אַ ל אין דער היים און אָבשוואַכען זי ביי דעם שונא. דאָס יאָהר 1917, אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען געביעט, איז אַ 12־מאָנאַטען לאַנגע שפּיעל און און אַרום דער קריעגס־מ אָ ר אַ ל פון די קריעגס־פיהרענדע פעלקער. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דעם פריעדענס־פאָרשלאַג, וואָס די צענטראַל־מלוכות האָבען אין דעצעמבער 1916 געריכטעט צו די „עלליים“ און מיט דעם ענטפער, וועלכען די „עלליים“ האָבען אין יאַנואַר 1917 געגעבען דורך פּרעזידענט ווילסאָן. שפּעטער, אין אויגוסט 1917, איז געקומען דער, אָהן צווייפעל, פון דייטשלאַנד בעאיינפלוסטער

פריעדענס־פּאָרשלאַג פון דעם קאַטוילישען פּאַפּסט; דאַן — דער ענטפער פון פּרעזידענט ווילסאָנען, וואו ס'איז געמאַכט געוואָרען די שאַרפע צוטיילונג צווישען דעם דייטשען פאָלק און דער דייטשער אויטאָקראַטיע; נאָך שפּעטער — די פערשיעדענע ערקלעהרונגען פון דייטשע, ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָרשטעהער, און גאָר לעצטענס — פריעדענס־פּאָרשלאַגען פון די צענטראַל־מאַכטען און פּרעזידענט ווילסאָנ'ס ענטפער מיט ערמוטיגונג צו די רוסישע באָלשעוויקעס און אַנדייטונג אויף דער דייטשער רייכסטאַג מעהרהייט.

אפשר איז דאָס די פּאָליסי פון „פריעדענס־אָפענסיוועס" ניט גאָר קיין אָריגינעלע. אין אַ געוויסען זינען דערמאָהנט זי די אַלט־רוימישע פּאָליטיק פון „צוטייל און בעהערש", אָבער אונטער די דעמאָקראַטישע ווירקונגען פון אונזער צייט מוז דער וועג פון „צוטיילען" גלייכצייטיג פערשאַפען דאָס אַבטיילען די פאָלקס־מאַסען און די ליבעראַלע כחות פון די אויטאָקראַטישע הערשער. אַלענפאַלס, בעווייזט די אָנגעשטרענגטע און אַלץ שטייגענדע אָנווענדונג פון די „פריעדענס־אָפענסיוועס" אויף דער קריעגס־מאָראַל פון די פעלקער, אַז דער רוקען־ביין פון ריין מיליטערישער מלחמה־פיהרונג איז פּאַקטיש געבראָכען. מען קאָן אפשר בעווענגען די מאַסען צו שלאָגען זיך צוליעב פריעדען, און דאָ סאַוויך ווערט אַלץ שווערער, אָבער קריעג און קריעגס־עראָבערונגען זיינען מעהר ניט קיין ציעלען, צוליעב וועלכע די מאַסען אין 20 יאָהרהונדערט וועלען זיך גערן שלאָגען.

ה. ווען דעמאָקראַטיע איז געקומען צום וואָרט.

דאָס אריינדרינגען פון דער דעמאָקראַטיע אין דעם ביז ניט לאַנג צוריק פּאַרבאָטענעם געביעט פון קריעג־פיהרונג און דיפּלאָמאַטיע איז ניט געקומען מיט איין מאָל. ס'האָט גענומען צייט איידער די פעלקער האָבען פערשטאַנען און די פיהרער דערפיהלט, אַז די ענדערונג מוז און וועט געמאַכט ווערען.

די פעלקער האָבען פערשטאַנען, אַז די סאַמע מעטאָדען פון קריעגס־פיהרונג זיינען אַזעלכע, וואָס טראָגען אַריבער דעם שווערפּונקט פון מלחמה פון'ם פראָנט צום הינטערלאַנד. אַן ארמיי קאָן זיין ערפאָלגרייך אין די פאָדערשטע רייהען, ווען די אינדוסטריע פון לאַנד און אַלע, אָהן אויסנאַהם, אינדוסטריעלע כחות פון דעם בעטרעפענדען פאָלק שטעהען איינמוטיג צו ליענסט פון דער ארמיי. און אויב אין קאַמפּף ביי דעם פראָנט איז גענוג אַ בעפעהל פון קאָמאַנדיר, די סאָלדאַטען זאָלען זיך שלאָגען, איז אין דער אינדוסטריעלער ארמיי פון קריעג נויטיג — אַ פערשטענדיגונג. איינמאָל האָט דאָס פאָלק דערפיהלט זיין מאַכט, איז עס געגאַנגען פיעל ווייטער און געפאָדערט אַלץ מעהר. אַ פערשטענדיגונג וועגען די מעטאָדען פון דער קריעגס־פּראָדוקציע איז שוין ניט גענוג געווען. מ'האָט פערלאַנגט אַ פערשטענדיגונג וועגען די מעטאָדען פון קריעגפיהרונג און, אביסעל שפּעטער, אויך וועגען די ציעלען פון קריעג. די לעצטע פאָדערונג איז געוואָרען אַלץ דרינגענדער, ביז אין פערלויף פון דעם יאָהר 1917 ענטוויקעלט זיך שוין אַ העפטיגער אינערליכער קאַמפּף פאַר דער צופריעדענשטעלונג פון דער פאָדערונג. די דעמאָקראַטיע טרעט אַרויס פאַר דער אָבשאַפונג פון דער דיפּלאָמאַטיע.

די ענגלישע רעגיערונג, וועלכע איז געווען אם ווייניגסטען צוגעגרייט צו אַזאַ ריעזיגער מלחמה אויף דער יבשה, איז געווען די ערשטע איינצוזעהן די נויטיגקייט פון דער פערשטענדיגונג מיט דעם פאָלק. זי איז פון סאַמע אָנפאַנג קריעג אריין אין

אָן אָבמאַך מיט די טרייד־יוניאָנס וועגען די בעדינגונגען פון דער ארבייט, וועגען קאָנ־טראָל פון פערדיענסטען און פּראָפיטען. און דערפאר האָט טאַקי ענגלאַנד אין א לפי ערך קורצער צייט מאָביליזירט איהר קריעגס־אינדוסטריע. זי האָט בעוויזען גרינגער און גיכער ווי אַנדערע גוט צו מאַכען, וואָס זי האָט, פון א מיליטערישען שטאַנדפּונקט, פארפעהלט. אָבער אפילו אין ענגלאַנד האָט עס גענומען א לענגערע צייט, איידער די פיהרער פון דער רעגיערונג האָבען איינגעזעהן אויסצושפּרייטען די פּאָליסי פון „פערשטענדיגונג" אויף די מעהר דעליקאַטע פּונקטען פון דער קריעגפיהרונג — די דיפּלאָמאַטיע. די צענזור האָט נעשטיקט יעדען פרייען מיינונגס־אויסדרוק, די רעגיע־רונגס־אַגענטען און ריכטער האָבען פערפאָלגט יעדען אָרגאַניזירטען פּערזוף צו בעאיינ־פלוסען די עפענטליכע מיינונג. און נאָך ערגער איז אין דעם פּרט געווען די פרייע, דעמאָקראַטישע פראַנקרייך. דאָרטען האָט די צענזור געאַרבייט ניט ערגער ווי אין צאַרישען רוסלאַנד אָדער קייזערליכען דייטשלאַנד. נאַטירליך, די אָפּאָזיציע צו דער פראַנצויזישער רעגיערונגס־פּאָליטיק איז געווען וועניגער אויסגעשפּראָכען און — דעם ערשטען יאָהר — פּיעל שוואַכער, ווי אין ענגלאַנד, ווייל פראַנקרייך האָט דעם קריעג ניט אָנגעהויבען מיט איהר גוטען ווילען: זי, ווי בעלגיען, איז געווען א דירעקטער און וועניגער פון אַלעמען פעראַנטוואָרטליכער קרבן פון דער דייטשער אימ־פּעריאַליסטישער שפּיעל.

בעזונדער ענטשיעדען ווערט דער איבערגאַנג פון דער פּאָליסי פון „בעפעהלען" צו דער פּאָליסי פון „פערשטענדיגען זיך" נאָך דער מערץ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וועלכע ווירקט אונגעהויער שטאַרק אויף די מאַסען פון דער בעפעלקערונג און פיהרער פון דער אָפּאָזיציע אין אַלע לענדער. עס לעבט ווידער אויף דער געדאַנק וועגען איינ־בערופען א אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער און סאָציאַליסטען קאָנגרעס. די דעמאָקראַ־טיע הויבט אָן צו ריידען אין דער שפּראַך פון סטאָקהאָלם: דער אינטערנאַציאָנאַליזם, ווען ניט דער אינטערנאַציאָנאַל האָט ווידער אויפגעלעבט. געראַטעוועט האָט איהם רוסלאַנד.

די געשיכטע פון דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָהר, אָדער ריכטיגער די געשיכטע, ווי אַזוי ס'האָט ניט שטאַטגעפונדען דער געפּלאַנטער קאָנגרעס פון דעם סאָציאַליס־טישען אינטערנאַציאָנאַל אין סטאָקהאָלם, איז העכסט בעלעהרענד. אין דעם סטאָק־האָלם־פּערזוך איז, קודם כל, צו זיך געקומען די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַלע לענדער, זי האָט זיך אליין געפונען. צוקלאַפּט גייסטיג און פיזיש, ווי זי איז געווען נאָך דער דייטשער בלוט־לאָזונג דעם 4טען אויגוסט 1914, ווען די שיידעמאַנס האָבען אויסגעביטען דעם אינטערנאַציאָנאַל אויפ'ן פאַטערלאַנד, האָט די בעוועגונג די גאַנצע צייט ניט געקאָנט אויפהויבען איהר קאָפּ. די פּערזוכען אין צימערוואַלד און נאַכהער אין קינטאַל, אין 1915 און 1916, צוריק אויפצושטעלען אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונ־גען, האָבען ניט געבראַכט קיין בעדייטענדע רעזולטאַטען, הגם אינגאַנצען אָהן וויר־קונג זיינען זיי דאָך ניט פאַריבער. ס'איז נויטיג געווען אַזאַ שטאַרקע אויפרודערונג, אַזאַ פאַרנאַנדערטרייסלונג, ווי די רוסישע רעוואָלוציע, דאָס עס זאָל ווידער אויפ־פלאַקערען דער גלויבען און די האָפנונג, די רויטע פאָהן פון רעוואָלוציע און סאָציא־ליזם זאָל ווידער ערוועקען די פערלאָרענע צויבער־מאַכט. און דאָס איז אויך געשעהן נאָך די רוסישע מערץ טעג. די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען דער תנאי פון דעם סאָציאַליסטיש־אינטערנאַציאָנאַליסטישען ווידערגעבורט.

דאָס מערקווירדיגסטע וועגען דעם געפּלאַנטען סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָהר פון

אינטערנאַציאָנאַל איז, וואָס ער האָט אָנגעצונדען נייע האָפנונגען אין די הערצער פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, אין אַלע לענדער. ניט נאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ניט נאָר אפילו פון דער אַרבייטער־דעמאָקראַטיע. עס האָבען געהאָפט אויפ׳ן סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר אַזעלכע עלעמענטען, וואָס זיינען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש און אויך פּסיכאָלאָגיש גאַנץ ווייט פון דעם אַרבייטער קלאַס. און ווען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרבייטערשאַפט, דורך דעם „סאָוויעט“ האָט מודיע געווען, אַז זי, אין איהר אייגענעם נאָמען, רופט דעם צוזאַמענפאָהר, — און דערמיט זיינען געמאַכט געוואָרען צום שווייגען די בייזע קלאַנגען וואָס שונאים האָבען פערשפּרייט, אַז די אונטערנעמונג איז אַ דייטשע — איז ווירקליך הויך געשטיגען דער ענטוזיאַזם פאַר דעם צוזאַמענפאָהר ביי דער גרעסטער טייל פון די בעפעלקערונגען פון אַלע אָהן אויסנאַהם קריעגספיהרענדע לענדער. סטאָקהאָלם איז דעם גאַנצען זומער בעלאַגערט געווען פון ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטען פון אַלע גרויסע צייטונגען. מען האָט זיך מעהר אינטערעסירט מיט סטאָקהאָלם, איידער מיט דעם אמת׳ן קריעגס־טהעאַטער. מען האָט דיסקוטירט די תנאים, אויף וועלכע די סאָציאַליסטען וועלען זיך אייניגען אין סטאָקהאָלם, אַזוי ווי די סאָציאַליסטען וואָלטען געווען ניט פאַרשטעהער פון אָפּאָזיציאָנעלע מינאָריטעטען, נאָר טאַקע די הערשער און פאָרשטעהער פון די אָפיציעלע רעגיערונגען.

דער סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָהר האָט אויפגעוועקט צום לעבען דעם אינטערנאַציאָנאַל פון דעמאָקראַטיע. ער האָט אָבער אויך, אין אַ קליינער מאָס, בעגייט דעם אמאָליגען „הייליגען פערבאַנד“ פון די רעגיערונגען. אַלע צדדים אין קריעג, דעמאָקראַטישע און אויטאָקראַטישע, האָבען זיך שנעל געאייניגט, ווען אָפילו אָהן אונטערהאַנדלונגען און וואָפען־שטילשטאַנד, און פאַרבאָטען די סאָציאַליסטען פון זייערע לענדער אַנטייל צו נעמען אין קאָנגרעס: ענטזאַגט צו געבען פּאַספּאָרטען, געסטראַשעט מיט פערפאָלגונגען, געוואָרפען מיט בעליידיגונגען, — מיט איין וואָרט געמאַכט אונמעגליך דעם צוזאַמענפאָהר. און קיין צוזאַמענפאָהר איז ניט פאָרגעקומען.

ו. וואָס די דעמאָקראַטיע האָט שוין אויפגעטאָן.

די ערוואַכונג פון דער דעמאָקראַטיע אין אַלע קריעג־פיהרענדע לענדער, בעזונדערס אין ענגלאַנד און רוסלאַנד, און דער אַקטיווער און אָפט העכסט ענערגישער איינטערעס, וואָס די דעמאָקראַטישע שיכטען אין אַלע לענדער האָבען אָנגעהויבען צו נעמען אין די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען, האָט געהאַט אַ גאַנץ בעשטימטע און אַ זעהר ווייטגעהענדע ווירקונג, וועלכע האָט זיך געלאָזט פיהלען אין די פאָלגענדע פּרטים:

1. די געהיימע דיפּלאָמאַטיע מיט איהרע ברוטאַלע, ניט זעלטען פערברעכערישע און אַלעמאָל אַנטי־דעמאָקראַטישע מעטאָדען איז פולשטענדיג דיסקרעדיטירט אין די אויגען פון די מאַסען, אַזוי אַז די פערטיידיגער און אָנהייגער פון געהיים־דיפּלאָמאַטיע וואַגען ניט מעהר זי אָפען צו פערטיידיגען.

2. דאָס רעכט פון דער אַרבייטערשאַפט צו פערהאַנדלען און צו בעשליסען איבער פראַגען פון אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער ווערט מעהר ניט בעשטריטען. די אַרבייטער, דער „רוקען־ביין פון דער נאַציאָן“, זיינען בערעכטיגט צו קאָנטראָלירען די געשעפטען פון דער נאַציאָן. דיזעם רעכט איז אויסגעקעמפּפט דורך פאַקטישע מאַכט.

3. די זיכערהייט פון די הערשענדע קלאַסען און זייערע וואָרטפיהרער, אַז אין

זייערע הענד ליעגט דער שיקזאל פון לאַנד, איז שטאַרק צוטרייסעלט. אַ גאַנץ נייער טאָן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די לעצטע אַרויסטרעטונגען פון די נאַציאָנאַלע פיהרער, ווען זיי האַנדלען מיט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער מאַסען: דאָס לאָזט זיך מערקען אין די רעדעס און האַנדלונגען פון ללאַידס דזשאָרדזש, פּרעזידענט ווילסאָן און אַנדערע. אין דעם פּרט פאַרנעמען די ענגליש-שפּרעכענדע לענדער דעם ערשטען פּלאַץ נאָך רוסלאַנד, וואו די אַרבייטער זיינען איצטער דער הערשענדער קלאַס. אויף דעם געפיהל פון ניט-זיכערהייט, וואָס פיהלט זיך איצטער אַזוי שטאַרק אין די מיניסטאַרען-אָפּיסעס און רעגיערונגס-קאַבינעטען, האָט נאַטירליך די גרעסטע ווירקונג געהאַט די רוסישע רעוואָלוציע און איהר טיעף סאָציאַלער כאַראַקטער.

4. די פּערמאַסקירטע אימפּעריאַליסטישע פּלענער, וואָס איין טייל קריעג-פיהרענדע לענדער האָבען אויסגעאַרבייט געגען דעם אַנדער טייל, אין דער פאָרמע פון עקאָנאָמישען באָיקאָט, פון האַנדעלס-קריעג נאָך דעם מיליטער-קריעג און ד. גל., זיינען פולשטענדיג אויפגעדעקט געוואָרען און זייערע פריהערדיגע פּערטיידיגער טרייסלען זיך אָב פון זיי. בעזונדער ענערגיש זיינען אַרויסגעטראָטען געגען אָט דעם „קריעג נאָך'ן קריעג" די ענגלישע אַרבייטער און לעצטענס די פּאַרטגעשריטענע עפענטליכע מיינונג אין אַמעריקא מיט דעם פּרעזידענט ווילסאָן אַן דער שפּיץ.

5. אין אַלע לענדער, דייטשלאַנד אַריינגערעכענט, איז אין אַ גרויסער מאָס געבראָכען די אייזערנע צענזור, וואָס איז געלעגען אויף דער אָפּאָזיציאָנעלער פּרעסע. בעדינגונגען פון פריעדען און די ציעלען פון קריעג ווערען מעהר אָדער ווייניגער אָפען דיסקוטירט. אין דעם פּרט איז די לאַגע אין אַמעריקא פיעל ערגער איידער אַנדערשוואו. קיין איין לאַנד האָט נאָך ניט פּער'משפּט רעדאַקטערע צו 8 און 10 יאָהר טורמע פאַר געגנערשאַפט צום קריעג, און דאָס — אין וואָרט און ניט אין טהאַט.

II די פּעראייניגטע שטאַאַטען אין 1917.

ס'פּערשטעהט זיך, אַז דאָס גאַנצע יאָהר 1917, אַלע וויכטיגע און ניט וויכטיגע פּאַסירונגען אין פערלויף פון דעם יאָהר, האָבען זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם קריעג. דאָס איז אַזוי געווען ניט נאָר אין פּרט פון אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען, ווי מיר האָבען דאָס שוין געזעהען, נאָר אויך דאָס גאַנצע אינערליכע לעבען פון לאַנד און פאָלק איז געווען פערבונדען און איבערגעפּלאָכטען מיט דער קריעגס-לאַגע. קיין איינציגער געביעט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען איז ניט פערבליבען אונבעריהרט פון דעם קריעג. יעדע געזעלשאַפטליכע גרופּע האָט ניט נאָר געמוזט דורכפיהלען און דורכליידען דעם קריעג, זי האָט געמוזט, אַזוי אָדער אַנדערש, נעמען אַ שטעלונג צו איהם. אין דער הינזיכט איז די פּאָליטיק קיין אויסנאַהם ניט געווען — ווי די עקאָנאָמיק, די געזעצגעבונג — ווי די פּובליציסטיק, ווי די שוהלע און דער טעאַטער, — אַלץ און אַלעס האָט אויף זיך דערשפּירט, ווער שטאַרקער און ווער שוואַכער, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע און ווייט-גרייכענדע ענדערונג אין'ם נאַציאָנאַלען לעבען, און אַז עס מוז אויסגעאַרבייט ווערען אַ בעשטימטע בעציהונג צו דער ענדערונג.

אָבער בעת דעם אמת'ן טעם פון קריעג האָט דאָס פאָלק פון די פּעראייניגטע שטאַאַטען דערפיהלט, אָדער ריכטיגער — אָנגעהויבען צו פיהלען ערשט אין די לעצטע חדשים פון יאָהר, איז עס לכתחילה געווען די גרויסע דיסקוסיאָן, צי יע קריעג צי ניט, און אויב יע — צוליעב וואָס, וואָס האָט פאַרנומען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

און הגם, איצטער אונטער דעם דריקענדען צודעק פון דער פרעס־צענזור, קאָן עס אויס־קומען, אז אַלע קלאַסען גלייך, דאָס גאַנצע פאָלק אָהן אויסנאהם, האָבען זיך איינהייטליך געשטעלט צום קריעג, איז אָבער דער אמת פונקט אין דער צווייטער ריכטונג. פיליכט איז אין קיין אנדער לאַנד ניט געווען אזא פערשיעדענאַרטיגע און צואוואָרעפנע בעציהונג צו דער אַמעריקאַנער בעטייליגונג אין דער וועלט־מלחמה, ווי אין די פעראייניגטע שטאַאטען. ס'איז אפילו שווער צו זאָגען, האָס עס איז געווען ביי אונז איין גאַנצער קלאַס, וואָס זאָל דורכאויס האָבען געוואָלט קריעג. ס'איז ווידער געווען אין יעדען קלאַס פון אונזער געזעלשאַפט אַ טייל, אַ גרעסערע צי אַ קלענערע, וואָס האָט ענטוועדער דירעקט געוואָלט קריעג אָדער לכל הפחות, געהאַלטען, אז מיר ווילען קיין קריעג סיי ווי סיי ניט אויסמיידען, און אויב אזוי — איז גלייכער עס דורכצומאַכען וואָס שנעלער: אפשר וועט די אַמעריקאַנער בעטייליגונג דערנעהענטערען דעם סוף פון דער אַלגע־מיינער הריגה און רואינע. מען דאַרף, פערשטעהט זיך, געדענקען, אז די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט געהאַט פאַר איהר אויג די בלוטיגע ערפאַהרונג פון כמעט דער גאַנצער וועלט אין די לעצטע דריי יאָהר, און אפילו די פּאַרברענטעסטע „דזשינגאָ'ס“, קריעגס־פּאַטריאָטען, האָבען ניט ערלויבט זיך צו שילדערען אונזער בעטייליגונג אין דער מלחמה, ווי אַ לייכטען און לוסטיגען שפּיעל, אַלס אַ מין „וואַקיישאָן“ אין דעם געוועהנליכען איינטאָניגען און לאַנגווייליגען לעבענסגאַנג. די רוזוועלטס און זייער גלייכען וואָלטען דאָס זיכער געטאָן אונטער אַנדערע, נאָרמאַלע אומשטענדען. און דערפאַר איז ביי אונז די דיסקוסיע און דאָס אַריינטריט אין קריעג דורכגעגאַנגען מיט וועניגער אויסערליכען אָנשטעל און מיט מעהר אינעוועניגסטען ערנסט.

די קלאַסען, וואָס פּראָפיטירען געוועהנליך פון מלחמה האָבען אין אונזער פאַל גע־האָט וועניג דירעקטען אינטערעס צו זעהן קריעג ערקלעהרט: זיי האָבען געהאַט די בעקוועמליכקייט פון דעם מלחמה מאַרק אָהן די בעשרענקונגען, וואָס די מלחמה לייגט אַרויף. זיי האָבען פּראָדוצירט און פערקויפט געוועהר צו די אייראָפּעאישע פעלקער צו גאָר ניט קיין שלעכטע פּרייזען און דערביי ניט געדאַרפט צאָהלען די מורא'דיג גרויסע שטייערען אויף פּראָפיטען, ווי דאָס איז דער פאַל, ווען דאָס אייגענע לאַנד איז אליין אין קריעג. ס'איז, ווידער, אין אַמעריקא ניט געווען קיין איינגעפונדעוועטע מיליטע־רישע קאַסטע, מיט טראַדיציעס פון קריעג און קריעגס־עראָבערונגען, וואָס זאָל העצען צו קריעג אויס, אזוי צו זאָגען, פּראָפעסיאָנעלען איפער. און, אויסער אַלעם דעם, איז אַמעריקא ניט געווען דירעקט אָנגעגריפען פון דייטשלאַנד, אויסער אין דעם לוזיטאַניא פאַל, ווען ס'איז געווען דער פּסיכאָלאָגישסטער מאָמענט פאַר קריעגס־ערקלעהרונג. אָבער גראַד דאַמאָלס, אויסער צייטונגס־טומעל און רוזוועלט פייער־שלינגעריי איז ניט געווען קיין בעדייטענדע קריעגס־אַגיטאַציע. און שפּעטער, ווערדליג עס זיינען געשטיגען אין אומפאַס און אָרגאַנגץ די דייטשע קייזערליכע איבערטרעטונגען פון אינטערנאַציאָ־נאַלען רעכט, דאָס כסדר'דיגע מבזה און מבטל זיין די רעכט פון נייטראַלע פעלקער און בירגער, האָט אָבער דאָס פאָלק, די גרויסע מאַסען פון פאָלק, דאָס דירעקט ניט געפיהלט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז עס ניט מעהר געווען, ווי נאַטירליך, אז דאָס פאָלק און די עפענטליכע מיינונג זאָלען זיין געווען ערנסט און פּיעלזייטיג צוטיילט איבער דער פראַגע: קריעג אָדער — ווייטערע נייטראַליטעט. מיר ווילען פּרוּווען פּאַנאַנדער־קלייבען זיך אין דער שטעלונג, וואָס עס האָבען פערנומען צום אַנטייל אין קריעג די בעדייטענדסטע און איינפלוסרייכסטע טיילען פון דעם פאָלק אין די פעראייניגטע שטאַאטען, — די גרויס־בורזשואזיע, די אינטעליגענץ און די אַרבייטער.

א. די אינדוסטריעלע און האַנדעלס־בורזשואַזיע.

מיר ווילען זיך לייכט דערמאָנען, אַז אין דעם פּרעזידענטשאַפט־קעמפּיין פון 1916 האָבען די עלעמענטען פון דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, וואָס ווערען בעצייכענט אַלס גרויס־בורזשואַזיע, — די גרויסע טראַסט־מאַגנאַטען, באַנקירען און פאַבריקאַנטען, — געשטיצט די קאַנדידאַטור פון טשאַרלס ע. יוהז געגען דער קאַנדידאַטור פון וואודראָוו ווילסאָן. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געפיהרט מר. ווילסאָן'ס וואהל־קאַמפּף אונ־טער דעם שלאַג־וואָרט: „ער האָט אונז אויסגעהיט פון קריעג". פאַרקעהרט, מר. יוהז, הגם ער האָט צוליעב קעמפּיין־צוועקען ניט זעלטען געחנפ'עט זיך צו די „הייפען־נייטס" — די פּראָ־דייטשען און די אייריש, איז ער הויפּטזעכליך היים געשטיצט גע־וואָרען פון הערן רוזוועלט און זיין קליקע פון „מלחמה־אום־יעדען־פּרייז" אדוואָקאַטען. די גרויס־בורזשואַזיע האָט געשטיצט יוהז'ן אַלס מלחמה קאַנדידאַט.

מיר ווילען זיך ווייטער דערמאָנען, אַז אין 1916 האָט זיך געגרינדעט די „אַמע־ריקאַן אינטערנעישאַנאַל קאָרפּאָריישאָן", אַ פערבאַנד פון פאָרשטעהער פון די גרעסטע געלד און אינדוסטריע מאַגנאַטען אין אַמעריקא מיט דעם ציעל צו שטיצען דעם אַמע־ריקאַנער האַנדעל אין אויסלאַנד. נאָמינעל האָט די קאָרפּאָריישאָן אַנאָנסירט אַ גרינ־דונגס־קאַפּיטאַל פון 50 מיליאָן דאָלאַר, אין דער אמת'ן איז עס נאָר געווען אַ טראָפּען אין דעם גאַנצען ים, פון וועלכען די קאָרפּאָריישאָן האָט געזאָלט ציהען איהר יניקה. די גרויס־בורזשואַזיע אין אַמעריקא האָט זיך אָרגאַניזירט דורך דער „אַמעריקען אינ־טערנעישאַנאַל קאָרפּאָריישאָן" צו ערקעמפּפען שטאַרקע פּאָזיציעס אין די לענדער, וואו די מלוכות אין קריעג האָבען ניט געקאָנט אָנהאַלטען דעם מאַרק, וואָס זיי האָבען גע־האַט ערוואָרבען פאַר'ן קריעג. פאַר דעם צוועק האָט די בורזשואַזיע מאָביליזירט דעם פינאַנץקאַפּיטאַל, און איהרע אידעאַלאָגען און אדוואָקאַן מיט די רוזוועלטס אַן דער שפּיץ האָבען געפּריידיגט די מאָביליזאַציע פון דער אַמעריקאַנער קריעגס־מאַשין.

פון אויבען אויף האָט עס אויסגעוויזען, אַז דער אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל האָט ניט געהאַט קיין מאָטיוו פאַר דער בעטייליגונג אין'ם וועלט־קריעג, אַלענפאַלס — קיין מאַטעריעלען אָדער עגאָאיסטישען מאָטיוו. אין פערלויף פון די 30 מאָנאַטען וואָס פון אָנהויב וועלט־קריעג ביז דעם טאָג, ווען פּרעזידענט ווילסאָן האָט איבערגעריסען די פריינדליכע בעציהונגען מיט דער דייטשער רעגיערונג, האָט די גאַנצע אַמעריקאַנער גרויס־אינדוסטריע דערוויזען איבערצובויען איהרע גאַנצע מאַשינערי צו בעגעגענען די פאָדערונגען פון דעם אייראָפּעאישען קריעגס־מאַרק. זי האָט מאָביליזירט אַלע מעג־ליכע און פּרייע אינדוסטריעלע כחות פאַר דעם עקספּאָרט (ארויספיהר) פון קריעגס־מאַטעריאַלען אין די מלחמה־פיהרענדע לענדער און אַזוי סחורות צו די נייטראַלע מלוכות, וועלכע פלעגען ביז אַהער ציהען זייערע נויטיגע פּראָדוקטען ענטוועדער פון ענגלאַנד און איהרע שותפים אָדער פון דייטשלאַנד און איהרע אָבהענגיגע. דער אַמעריקאַנער האַנדעלס און אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט געערשנט די לעבעדיגע אָבער אין קריעג אַריינגעצויגענע און צוליעב דעם קריעג אָבגעשוואַכטע אינדוסטריעלע און האַנדעלס־שטאַאטען פון אייראָפּא. און די רעזולטאַטען פון דיזער אינדוסטריעלער ענדערונג זיי־נען געווען העכסט גינסטיג פאַר דער גרויס־בורזשואַזיע אין די פעראייניגטע שטאַאטען. די פאָלגענדע ציפערען, ענטנומען פון דער „ניו יאָרק טיימס", גיבען דאָס בילד פון דער אַמעריקאַנער האַנדעלס־אויסשפּרייטונג אין די ערשטע 30 חדשים פון קריעג:

	ארויסגעפיהרט סחורות (אין מיליאָנען דאָלאַרס.)	אריינגעפיהרט סחורות (אין מיליאָנען דאָלאַרס.)	ארויספיהר איבער־שטייגט אריינפיהר (אין מיליאָנען דאָלאַרס)
פון 1 אויג. ביז 31 דעצ. 1914	913 מיל.	649 מיליאָן	264 מיליאָן
פאַר דאָס גאַנצע יאָהר 1915	3,555 "	1,779 "	1,776 "
פאַר דאָס גאַנצע יאָהר 1916	5,481 "	2,392 "	3,089 "
1—31 יאַנואַר 1917 — — —	613 "	242 "	371 "
פאַר דער גאַנצער צייט — — —	10,562 "	5,062 מיל. דאָל.	5,500 מיל. דאָל.

דאָס הייסט, אַז פאַר די דרייסיג מאָנאַטען פון קריעג האָט דער אַמעריקאַנער אינ־דוסטריעלער קאַפּיטאַל געוואונען אַ מעכטיגע פּאָזיציע אין אויסלאַנד. דער עקספּאָרט האָט איבערשטיעגען דעם אימפּאָרט אויף גאַנצע 5½ מיליאַרדען דאָלאַרס. אָבער דער פּראָפיט פון אָט דיזען מערקווירדיגען עקספּאָרט איז ניט דאָס איינציגע וואָס דער אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַל האָט געוואונען. גלייכצייטיג מיט דער בעוועגונג פון סחורות איז אָנגעגאַנגען אַ בעוועגונג פון גאָלד, זילבער און ווערט־פּאַפּיערען, וועלכע האָט רעוואָ־לוציאָניזירט דעם כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. פאַר די 30 מאָנאַ־טען, וואָס מיר באַטראַכטען, האָט די פּעראייניגטע שטאַאַטען עקספּאָרטירט גאָלד פאַר ביינאַה 313 מיליאָן דאָלאַר צו בעצאָהלען פאַר געקויפטע סחורה און אויך אין הלואות. דערצו — עקספּאָרטירט פאַר 73 מיליאָן זילבער מעהר, ווי אימפּאָרטירט. פּאַרקעהרט, פאַר די פערקויפטע און עקספּאָרטירטע סחורות האָט די פעראייניגטע שטאַאַטען אריינ־געקראָגען 1220 מיליאָן דאָלאַר אין גאָלד. דאָס הייסט, אַז דער זאַפּאַס גאָלד אין לאַנד, פון׳ם אויסלענדישען האַנדעל, איז געשטיעגען אויף 907 מיליאָן דאָלאַר. אָבער אויך דאָס איז ניט אַלעס. דער חשבון פון דעם אויסלענדישען האַנדעל, וואו דער ארויס־פיהר (עקספּאָרט) האָט בעטראָפען מיט 5,500 מיליאָן אָדער 5½ מיליאַרד דאָלאַר מעהר, ווי דער אריינפיהר (אימפּאָרט), האָט זיך ניט אויסגעגלייכט דורך דעם אריינפיהר פון 907 מיליאָן דאָלאַר אין גאָלד. כדי „גוט צו מאַכען" די בילס, האָט אַמעריקא גע־מוזט צוריק־נעמען אַלע אָדער כמעט אַלע אַמעריקאַנער ווערט־פּאַפּיערען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף די אייראָפּעאישע מערק. ס׳הייסט, אַלע געלדער, וואָס אייראָפּע־אישע באַנקירען און געשעפטס־לייט האָבען געהאַט אריינגעלייגט („אינוועסטעט") אין אַמעריקאַנער אייזענבאַהנען, קוילען־גרובען און ד. גל., און פאַר וועלכע די אייראָפּעיער האָבען געהאַלטען אַמעריקאַנער אַקציעס און אָבליגאַציעס (שערים און באָנדס), זיינען איצט צוריק אומגעקעהרט און אָרונטערגעצויגען געוואָרען פון דעם באַלאַנס פון דעם אַמעריקאַנער עקספּאָרט. אָבער דאָס איז ניט גענוג געווען: דער גאַנצער אויסלענדי־שער קאַפּיטאַל, וואָס איז געלעגען אין אַמעריקאַנער אינדוסטריעס, און פון וועלכען מען האָט געקאָנט אריינקריעגען די ווערט־פּאַפּיערען, האָט בעטראָפען קנאַפּע 2¼ מיליאַרד דאָלאַר (2,200 מיליאָן), בעת אין מזומנעם גאָלד און דורך אַנדערע חשבונות האָט אייראָפּאַ (אויך דרום און צענטראַל־אַמעריקא) געדעקט נאָר 907 מיליאָן און 67 מיליאָן, צוזאַמען 974 מיליאָן, אַ קנאַפּער מיליאַרד. און די אויסלענדישע קויפער פון די איי־ראָפּעישע סחורות האָבען געמוזט צאָהלען דעם באַלאַנס מיט זייערע אייגענע ווערט־פּאַפּיערען אויף דער גוואַלדיגער סומע פון 2,400 מיליאָן אָדער ביינאַהע 2½ מיליאַרד דאָלאַר. די פאָלגענדע „באַלאַנס־שיט" פון דעם אַמעריקאַנער אויסלענדישען האַנדעל ציינט אָט די ניי־געשאַפענע סיטואַציע.

עקספּאָרטירט
(אין רונדע מיליאָנען דאָלאַרס)

סחורות (ארויספיהר האָט אי־בערשטיגען דעם ארײנפיהר)	5,501
זילבער — — — — — — —	73
צוזאַמען (אין מיליאָנען דאָל.)	5,574

אימפּאָרטירט.
(אין רונדע מיליאָנען דאָלאַרס)

גאָלד (ארײנפיהר מעהר ווי אַרויספיהר)	907
אמעריקאנער ווערט־פּאַפּירען צוריק־געקעהרט — — — — — — — —	2,200
פערשיעדענע צאָהלונגען — — — — —	67
געקױפט אויסלענדישע ווערט פּאַפּירען	2,400
צוזאמען (אין מיליאָנען דאָלארס) —	5,574

די אונטערשטע שורה פון די ציפערען בעדייטעט, אַז אַמעריקא האָט אָבגעצאָהלט איהרע חובות צו די אויסלענדער און איז פארקעהרט אַליין געוואָרען אַ קרעדיטאָרין. אַמעריקאַ איז איצטער דער באַנק פון אייראָפּאַ. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל איז איצטער אַ גרויסער „אינוועסטאָר“ אין דער אייראָפּעאישער אינדוסטריע (הויפּטזעכליך — די אינדוסטריע פון קריעג).

דאָס אַלץ שיינט צו זיין העכסט גינסטיג פאַר דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל און האָט איהם ניט געזאָלט טרייבען צו פערלאַנגען דירעקטע בעטייליגונג אין קריעג. פון אַמעריקאַ'ס דירעקטער בעטייליגונג אין קריעג קאָן דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל זיכער ניט מעהר ערוואַרטען, ווי דאָס וואָס ער האָט געקראָגען ביז איצטער, אונטער „נייטראַליטעט“, און אויב אַמעריקאַ זאָל ווירקליך בעהילפיג זיין צו ענדיגען גיכער די אייראָפּעישע מלחמה, איז דאָך קאַפּיטאַל נאָך וועניגער דערין פּעראינטערעסירט. אָבער דאָ איז געקומען דער פאַקט, וואָס אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל איז געוואָרען „אינוועסטאָר“ אין אייראָפּאַ, און אַלס פאראינטערעסירטער אינוועסטאָר קאָן ער זיך ניט בעציהען גלייכגילטיג צו דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמפּף אין אייראָפּאַ. און אויב ער וויל זיינע אינטערעסען ניט נאָר אָבהיטען, נאָר אויך ענטוויקלען, מוז ער נעמען אקטיווען אנטייל אין יענעם צוזאַמענשטויס.

די גרינדונג פון דער „אַמעריקאַן אינטערנײשאָנאַל קאָרפּאָרײשאָן“ איז געווען דער ערשטער שריט פון דעם גרויסען אינדוסטריעלען און פינאַנץ־קאַפּיטאַל, נאָכדעם ווי ער איז געקומען צום בעוואוסטזיין פון זיינע אַזוי צו זאָגען אלוועלטליכע אינטערעסען. די פּראָ־קריעג אַגיטאַציע פון די רוזוועלטס, גאַרדנערס און אַנדערע — איז געווען די אויסטייטשונג און אויסדרוק פון אָט די נייע אַלוועלטליכע אינטערעסען.

דער דייטשער סובמאַרין־קאַמפּף, אויסער זיין אומברחמנות'דיגער אונמענשליכקייט, האָט אויך שטאַרק געשלאָגען דעם אַמעריקאַנער אויסלענדישען האַנדעל. אַ לענגערע צייט, נאָך דעם, ווי דייטשלאַנד האָט מודיע געווען, אַז זי וועט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבשטעלען אין איהר אונטערוואַסער טויט־קעמפּעין, זיינען די אַמעריקאַנער האַפּענס געווען אַזוי גוט, ווי פאַרשלאָסען. שיפען אָנגעלאָדען מיט קאָסטבאַרע סחורות זיינען געשטאַנען פאַרשפּאַרט, ווארום ¾ פון אונזער עקספּאָרט איז געגאַנגען אין די לענדער פון די „עלליים“, און דייטשלאַנד האָט אויף אַזאַ אופן, ציעלענדיג אין ענגלאַנד, דורך די „עלליים“, פאַקטיש געטראָפען זעהר שטאַרק דעם אַמעריקאַנער האַנדעל. און די ווייט־זיכטיגע פאָרשטעהער פון דער אינדוסטריעלער און האַנדעלס בורזשואַזיע האָבען געפאָדערט מען זאָל מאַכען אַ סוף צום דייטשען ווילקיר, וועלכער איז ניט־געזעצליך, אום־מענשליך און פערשאַפט — היזק.

אויב אָבער ס'איז אמת, אַז דער גרויס־קאַפּיטאַל, דער אינדוסטריעלער, ווי דער

פינאנציעלער איז געווען פעראינטערעסירט אין קריעג געגען דייטשלאנד, זיינען אבער געווען זעהר גרויסע טיילען פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וועלכע זיינען געווען ענטשיעדען געגען קריעג. פון די עלעמענטען, וואס האבען געהאט בלוט־פערוואנדשאפט מיט דייטשלאנד, און אזעלכע זיינען זעהר פיעל פאראן, און אויך די, וואס האבען זייער ביז־היעריגע געשעפטען געפיהרט מיט דייטשלאנד, איז דאך ניטא וואס צו ריידען. אבער אפילו גרויסע שיכטען פון דער אינדוסטריעלער געזעלשאפט, וואס זיינען ניט דייטש און ניט אייריש, האבען ניט געוואלט קיין קריעג. נאך דעם שארפען קריזיס, וואס האט געפלאגט אמעריקא אין פערלויף פון דער ערשטער העלפט פון ערשטען קריעגס־יאהר, איז געקומען א שטארקע אינדוסטריעלע און קאמערציעלע אויפלעבונג. די פערשטארקטע פראדוקציאן פון געוועהר אין 1915 האט מיטגעבראכט א העכערונג פון ארבייטס־פרייזען, און ארבייטסלאזיגקייט איז אזוי, ווי פערשוואונדען. דער אינערליכער האנדעלס־מארק איז שטייפער געווארען, געשעפט איז געגאנגען גוט, די בירזשע האט געגעבען מעהרערע געלעגענהייטען פאר גינסטיגע ספעקולאציע, — מיט איין ווארט — די מיטעל־בורזשואזיע, די קלענערע פאבריקאנטען און מיטעלע סוחרים זיינען געווען צופריעדען. קריעג אין איירָאפא האט זיי געפאסט אם בעסטען, קריעג אין אמעריקא וואלט זיי קיין גוטעס ניט געבראכט. די דעמאקראטישע פארטיי, וואס האט אלעמאל פארטראטען פאליטיש אט די שיכטען, איז דעריבער געווען ענטשיעדען געגען אמעריקאנער בעטייליגונג אין קריעג. און די רעגיערונג פון דער דעמאקראטישער פארטיי האט גערעדט וועגען נייטראליטעט „אין טאט און געדאנק“. נאטירליך, זי האט ניט געקאנט ארויסלאזען פון האנד אזא גינסטיגען קארט, ערב די פרעזידענט־וואהלען, ווי „קריעגס־בערייטשאפט“. זי איז איינגעגאנגען אויף א קאלאסאלען ביודזשעט פון פלאט און ארמעע, דעם קאלאסאלסטען אין דער געשיכטע פון אמעריקא און פון אירגענדוועלכען לאנד אין פריעדען. אבער דאס איז געווען מעהר קעמפיין־פארבערייטשאפט איידער אמת'ע קריעג פארבערייטשאפט. סענאטאר לא־פאלעט, מאיאריטעט־פיהרער קאנגרעסמאן קיטשין, א רייהע אנגעזעהנע פאליטיקער פוןביידע אלטע פארטייען, רעפובליקאנער — לפי ערך ווניגער, האבען געפריידיגט אמעריקאנער נייטראליטעט. מענשען פון דער בורזשואזיע, גאנץ אויפריכטיגע און אהן ספק אידעאליסטען, האבען געגלויבט, אז פערבלייבענדיג נייטראל ביז דעם סאמע סוף פון קריעג, וועט די פעראייניגטע שטאאטען אויך קאנען שפיעלען א גרויסע ראלע ביי די פריעדענס־פערהאנדלונגען, פיליכט שפיעלען די ראלע פון פערמיטלער. אין אלגעמיין גענומען איז די קאפיטאליסטישע בורזשואזיע געווען קלאהר צוטיילט אין איהרע קריעגס־סימפאטיען: גרויס־קאפיטאל, ענטשיעדענער, אנגרייפענדער און ווייטזיכטיגער, האט געוואלט, אז אמעריקא זאל ענטשיעדען אריין אין קריעג אויף דער זייט פון די „עלליים“ און פערהיטען דעם פרעסטיזש פון אמעריקא, פערזיכערען, נאטירליך, די אמעריקאנער „אינוועסטמענטס“ און זארגען, אז ביים שליסען שלום זאלען ניט פערנאכלעסיגט ווערען די אינטערעסען פון דעם אמעריקאנער קאפיטאל, וועלכער איז איצטער געווארען א וועלט־קאפיטאל. און פארקעהרט, די מיטעל־בורזשואזיע האט געוואלט מלחמה, אבער פון ווייטען: ס'זיינען איהר געפעהלען די פראפיטען, אבער די ריזיקע איז איהר צום הארצען ניט געווען. זי האט געוועלט, וואס איין צייטשריפט האט בעצייכענט, א „ניט־ארענטליכע נייטראליטעט“.

א פאר ציטאטען פון דעם קאנגרעשאנאל רעקארד“, פון רעדעס פון איניגע קאנגרעסלייט און סענאטארען פון ביידע פארטייען וועלען ווייזען ווי אזוי עס האבען אויפ־

געפאַסט דעם קריעג די פאַרשטעהער פון די גרויסע געשעפטס־אינטערעסען אין דער פּאָליטיק, די פּאָליטישע וואָרט־פיהרער פון די עקאָנאָמישע אינטערעסען:

דער רעפּובליקאַנישער סענאַטאָר האַרדינג פון אָהייאָ זאָגט גאַנץ אָפען, אַז איהם געהט ניט אָן, וואָס פאַר אַ רעגיערונג עס הערשט אין דייטשלאַנד, אַ דעמאָקראַטישע אָדער אַ דעספּאָטישע. פּרעזידענט ווילסאָן'ס פאָרמולירונג פון די אַמעריקאַנער קריעגס־ציעלען וואָלט דעם פאָרשטעהער פון גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען ניט היננעריסען אין קריעג: „עס איז מיין ענטשיעדענע איבערצייגונג, אַז ס'איז בשום אופן ניט אונזער עסק, וואָס פאַר אַ סאָרט רעגיערונג אַ לאַנד וויל האָבען". און דער דעמאָקראַטישער סענאַטאָר קוירבי פון אַרקאַנזו מאַכט אַ שריט ווייטער און בעהויפּטעט זעהר ענערגיש, אַז „מיר געהען ניט אין די וועלט־מלחמה איינצופיהרען דעמאָקראַטיע פאַר די פעלקער פון דער וועלט". אָבער מלחמה דאַרף דאָך האָבען אַ „פאַר וואָס" און אַ „צוליעב וואָס", — ערקלעהרט דער דעמאָקראַטישער סענאַטאָר, אַז מיר זוכען „צו בעשיצען די לעבענס פון אונזער פאָלק אין אָפענעם ים, און אונזער האַנדעל". סענאַטאָר וויליאַמס, אַ פיהרער פון די דעמאָקראַטען אין סענאַט, דריקט אויס דעם אמת'ען נייטראַליטעט פון גרויס קאַפּיטאַל, ווען ער רעדט און מוסרט דייטשלאַנד: „אונז אינטערעסירט ניט וואָס איהר שמייסט גרויס־בריטאַניען (ענגלאַנד). שמייסט איהר וויפיעל אייער האַרץ גלוסט אָדער וויפיעל — איהר קענט, אָבער — שמייסט אונז ניט פאַר איין גאַנג". ס'איז ניט שווער זיך אָנצושטויסען פאַר וועלכע שמיץ דער סענאַטאָר האָט מורא. און דער רעפּובליקאַנישער קאָנגרעסמאַן פון אָהייאָ, מעק'קוללאָק ערקלעהרט ניט נאָר צוליעב וואָס מיר זיינען אריין אין קריעג, נאָר אויך ווי לאַנג מיר זאָלען זיך אין קריעג בעטייליגען: צו איהם אַפּעלירט אויך ניט דעם פּרעזידענט'ס קריעג צו פאַרזיכערען דעמאָקראַטיע. „איך גלויב", זאָגט ער: „מיר זאָלען אנטייל נעמען אין דעם קריעג בלויז פאַר דעם צוועק צו בעשיצען אונזערע רעכט; און ווען מיר וועלען דערווייזען צו צווינגען דייטשלאַנד, אויב דאָס זאָל אונז געלינגען, צו אנערקענען אונזערע רעכט אויף די ימים און זי זאָל ענדערען איהר סובמארין טאַקטיק, דאַן זאָלען מיר צוריקציהען זיך פון קריעג און מעהר זיך ניט מישען אין דעם סכסוך".

געאָגראַפיש איז די בעציהונג צום קריעג געווען איינגעטיילט, ווי פאָלגט: „די „איסט" מיט איהרע גרויסע בענק און הויך ענטוויקעלטע אינדוסטריעס און טראַסט און עקספּאָרט־הייזער, האָט געפאָדערט „אינטערנאַציאָנאַלע" אַקציאָן. די „וועסט" ווידער, אָבגעשטאַנען אינדוסטריעל און ניט פריי פון דער מורא, אַז אין פאַל פון קריעג וועט איהר די ענטוויקעלטע „איסט" אין גאַנצען פערשלינגען, איז געווען דורכאויס פריעדליך. די פאַרמער, וואָס בילדען די גרעסטע און ווירקזאַמסטע טייל פון דער בעפעלקערונג אין דער „וועסט", זיינען געווען געגען קריעג, ס'הייסט געגען דעם, אַז אַמעריקאַ זאָל אַקטיוו אריין אין קריעג, אַלס צד. זייער ליעבע צום פריעדען איז געווען אַ היימישע, פאַר אייראָפּאַ האָט עס זיי ווינציג געאַרט: אַ דאַנק דעם קריעג איז שטאַרק געשטיעגען דער פּרייז אויף תבואות, און טראָץ דעם וואָס דער מאַנגעל אין ארבייטס־הענט און די ספּעקולאַציעס פון די מלחמה־ליפעראַנטען האָט שטאַרק בעשרענקט זייערע פּראָפיטען, איז דאָך עטוואָס איבערגעפאַלען אויך אויף זייער חלק. די וועסט איז געווען זעהר שטאַרק פאַר „נייטראַליטעט", דער עיקר איז אָנפאַנג פון קריעג, שפּעטער אָבער ענדערט זיך די שטימונג ביי די פאַרמער, ווי מיר וועלען עס זעהן ווייטער.

ב. די אינטעליגענץ און דער קריעג.

אויב מען זאָל גלויבען דער „ניו־רעפּאָבליק“, די צייט־שריפט פון דער פּאָליטיש־אקטיווער אמעריקאַנער אינטעליגענץ, האָט ניט נאָר די אינטעליגענץ אליין געוואָלט דעם קריעג, נאָר טאַקי אַ דאַנק איהר איז אויך דאָס לאַנד אריין אין קריעג. אמת, די באַנקירען און די גרויסע קאַפּיטאַליסטען האָבען אויך געוואָלט קריעג. זיי זיינען אין דעם פּרט געווען מעהר איינשטימיג איידער וועלכע אַנדער גרופּע אין דער געזעלשאַפט, זאָגט די „ניו רעפּאָבליק“, אָבער, ערשטענס, האָט זיי גאָר דער קריעג ניט געלוינט, און, צווייטענס, איז זייער אונטערשטיצונג פון קריעג־בעטייליגונג ערשט געווען די גרעסטע פּאָליטישע שטערונג פאַר דער אַמעריקאַנער בעטייליגונג אין קריעג: דאָס פּאָלק האָט זיך בעצויגען מיט מיסטרויען צו דער אַגיטאַציע פאַר קריעג, וואָס איז געקומען פון אזא קוואַל. אויך קיין אַנדער גרויסע אָדער בעדייטענדע טייל פון פּאָלק איז, לויט דער מיינונג פון דעם אינטעליגענטישען זשורנאַל, ניט דערוואַקסען צו דער מדרגה פון זעלבסט־אָפּפערונג און העכערע מאָראַל, וועלכע איז נויטיג געווען כדי צו בעגרייפען די נויטיגקייט און אונפערמיידליכקייט פון דער אַמעריקאַנער בעטייליגונג אין קריעג. נאָר די אינטעליגענץ און טאַקי זי אַליין האָט בעוויזען צו בעוועגען דאָס אַמעריקאַנער פּאָלק, טראָץ זיין אייגענעם ווילען, אָנצונעמען דעם „גרויסען בעשלוס“:

„דאָס אַמעריקאַנער פּאָלק טרעט אריין אין דעם קריעג אונטער דער וויר־
„קונג פון אַ מאָראַלישען אורטייל, וועלכען עס האָבען געפּאַסט, נאָך דער גרונד־
„ליכסטער איבערלעגונג, די אינטעליגענטסטע מיטגליעדער אין דער געזעלשאַפט.
„זיי זיינען געקומען שטופענווייז צו דער איבערצייגונג, אז דער אַנגריעף וועל־
„כען דייטשלאַנד האָט געמאַכט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדנונג איז
„נידערטרעכטיג און געפעהרליך גענוג צו בערעכטיגען דאָס פערוואַרפען די ליעבע
„פּאַליסי פון אָבזונדערונג און אָנצואווענדען אַלע קרעפטען, וואָס ווען פיהרען
„צו דייטשלאַנד׳ס נידערלאַגע. אָבער אַט די דאָזיגע מענשען זיינען אַלע מאָל
„געווען אַ קליינע מינדערהייט. עס איז זיי געלונגען ארויפצוצווינגען זייער
„ווילען אויף דער ווידערוויליגער אָדער גלייכגילטיגער מעהרהייט טהיילווייז
„דערפאַר, וואָס דער אַלץ מעהר בעליידיגענדער כאַראַקטער פון דער דייטשער
„מיליטערישער און דיפּלאָמאַטישער פּאַליסי האָט געמאַכט זעהר שווער דאָס שטע־
„לען זיך געגען אנטייל אין קריעג. הויפּטזעכליך האָט זיי ארויסגעהאָלפען וואָס די
„אינטעליגענטע טיילען פון אונזער עפענטליכקייט זיינען אזוי שטאַרק סימפּאַ־
„טיש צו די „עלליים“. אויב ס׳וואָלט מעגליך געווען צו נעהמען אַן אָבשטי־
„מונג איבער דער פראַגע וועגען קריעג, בעזונדער ביי די מיטגליעדער פון די
„אינטעליגענטישע און געזעלשאַפטליכע גרופּען, וואָלטען די ליסטען פון פּראָ־
„פעסאָרען געגעבען די גרעסטע מעהרהייט פאַר קריעג, אין פערגלייך מיט אַנ־
„דערע גרופּען, אפשר מיט דעם אויסנאַהם פון די פּאַטענטירטע אַריס־
„טאָקראַטען. אַן אַקטיווע אַנטי־דייטשע שטימונג איז געווען מעהר אויסדריק־
„ליך צווישען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען און גייסטליכע, איידער ביי די גע־
„שעפטסלייט, אפשר מיט דעם אויסנאַהם פון די, וואָס זיינען פערבונדען מיט
„וואָלל סטריט און די בענק. און ניט וועניגער פּערשפּרייט איז געווען אַט די
„שטימונג צווישען די שרייבער אין די זשורנאַלען און די צייטונגען. זיי האָ־

„בען פּאָפּולאַריזירט, ווענען וואָס די קאָלעדזש־פּראָפעסאָרען האָבען געטראַכט.
„צוליעב אָט די געזאַמטע ווירקונגען האָט זיך עס בעקומען, אַז געגנערשאַפט
„צו די „עלליים" איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אינטעלעקטועל געשמאַקלאָז, און ווען
„ס'איז געקומען צו דער ענדגילטיגער ענטשיידונג האָט אָט די קראַפט (די אינ־
„טעליגענץ) געשפּיעלט אַ ווייט איבערוועגענדע ראָלע. קאָלעדזש פּראָפעסאָרען
„מיט אַ פּרעזידענט אַן דער שפּיצע, וועלכער איז אַליין געווען אַ קאָלעדזש־
„פּראָפעסאָר, האָבען מעהר מיטגעווירקט צו ענטשיידען פאַר קריעג איידער דאָס
„האָבען בעוויזען די פאַרמערס, די געשעפטסלייט אָדער די פּאָליטישענס".

צוליעב וואָס האָט די אינטעליגענץ געוואָלט קריעג? האָט זי געהאַט דערביי עגאָ־איסטישע מאָטיווען, אַזוי ווי די קריעגס־אָנהענגער אין אַנדערע לענדער? ניין, בשום אופן ניט: אַנדערע לענדער האָבען געדאַרפט דעם קריעג, אָבער ניט די פּער־אייניגטע שטאַאַטען:

„יעדע איינציגע פון די קריעג־פיהרענדע מלוכות האָט געהאַט וואָס ממשות'־
„דיגעס צו געווינען פון בעטייליגען זיך אין קריעג, אָדער צו פערלירען, ווען זי
„בלייבט אויסער'ן קריעג. ענטוועדער מען האָט זיי איבערפאַלען אָדער זיי
„זיינען געווען אין סכנה מען זאָל זיי איבערפאַלען. ענטוועדער זיי האָבען מורא
„געהאַט צו פערלירען פּרעסטיזש אָדער טעריטאָריע, אָדער זיי האָבן געגאַרט
„נאָך וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע געווינסען. אַפילו אויסטראַליען און קאַנאַדע,
„וועלכע האָבער גאָר ניט אָדער זעהר ווייניג געקענט געווינען פון בעטייליגען
„זיך אין'ם קריג, האָבען ניט געקענט זיך ענטזאָגען פון אנטייל, סיידען זיי זאָ־
„לען איבעררייסען זייערע בעציהונגען מיט דער בריטישער אימפּעריע (ענג־
„לאַנד) און אַרויסרופען די פעראַכטונג פון זייערע בריטישע מיטבירגער. אָבער
„ניט מורא און ניט האָפנונג און ניט פריהערדיגע פערפליכטונגען האָבען גע־
„קענט אַריינציהען אַמעריקאַ אין'ם קריעג. אין געגענטייל. די דענקבאַרע און
„ממשות'דיגע מעגליכקייטען פון דער דירעקטער קריעגס־סיטואַציע האָבען גע־
„רעדט פאַר נייטראַליטעט. דאָס פאָלק איז געווען אויפגעבראַכט געגען דער
„שרעקליכער ברוטאַליטעט און קאָלאָסאַלער אויסברייננגעריי פון קריעג. ס'איז
„קלאָר געווען, אַז בעטייליגען זיך אין קריעג האָט געמיינט גוואַלדיג אָבציהען
„די ענערגיע פון פאָלק פון קאָנסטרוקטיווער אַרבייט צו פערניכטונג, אַרויפ־
„לעגען אַ מורא'דיג שווערע לאַסט אויף דער צוקינפטיגער פּראָדוקציאָן פון אַמע־
„ריקאַנער אַרבייט. עס האָט געמיינט פריוויליג אויפצוגעבען פיעלע פון די
„פאָרטיילען, צוליעב וועלכע אונזערע עלטערען האָבען אונטערנומען די נסיעה
„איבער'ן ים און בעזעצט זיך אין דער נייער וועלט. אָט געגען די זיכערע פער־
„לוסטען איז ניט געווען קיין גלייך־ממשות'דיגער געווינס".

אַלזאָ, ס'איז ניט געווען קיין מאַטעריעלע אורזאַך, צוליעב וואָס אַמעריקאַ זאָל געהן אין קריעג. פאַרקעהרט, נייטראַליטעט איז ניט געווען אָהן איהר גוטע זייטען, לכל הפּחות — פאַר איינגע טיילען פון אונזער געזעלשאַפט:

„אונזער אויסטייטשען די נייטראַליטעט־געזעץ זינט די מלחמה האָט זיך

„אָנגעהויבען, איז אַלעמאָל געווען פּאַרטייאיש און צוגונסטען פון ענגלאַנד. מיר
„האָבען זיך אונטערוואָרפען אין פאַל פון דער ענגלישער בלאָקאַדע; מיר האָבען
„ארויסגעוויזען בערייטשאַפט צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגליך צו שטערען די
„סובמאַרינס. דאָס רעכט, אויף וועלכען מיר האָבען געהאַט בעשטאַנען, צו
„שיקען ברויט קיין דייטשלאַנד, האָבען מיר אויפגעגעבען. מיר זיינען בעשטאַ-
„נען אויף אונזער רעכט צו שיקען אַמוניציע קיין ענגלאַנד. מיר האָבען גע-
„מאַכט און מאַכען, אַ דאַנק דער פּאָליסי, הונדערטער מיליאָנען אין מלחמה-
„פּראָפיטען. איז דאָס געווען אונזער מאָטיוו (פאַר אריינטרעטען אין קריעג)?“

די רעדאַקציע פון דער „ניו רעפּאָבליק“ מיינט, אַז אַ פיעל העכערער מאָטיוו האָט בעוועגען די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ צו וועלען קריעג. און אָן אָנגעזעהנער פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע הארטלי ב. אַלעקזאַנדער, אין דעם זעלבען זשורנאַל (5טען יאַנואַר, 1918), בעהויפּטעט, אַז די קריעגס-ערקלעהרונג איז געווען דער פערטער פון פיער אַקטען, וועלכע צייכענען אויס די אַמעריקאַנער געשיכטע און גיבען דעם ריכטיגען מיין צו דעם עצר, וואָס עס קאָן בעצייכענט ווערען אַלס אַמעריקאַניזם — „דער גלויבען אין אידעאַל פאַר וועלכען מענשען שטאַרבען, ס'מאַכט ניט אוים צי דאָס איז משוגעת צי געטליכקייט“. דער ערשטער גרויסער אַקט און זיין אויסדרוק איז געווען די „ערקלעהרונג פון אונאַבהענגיגקייט“, וועלכע איז געחתמעט געוואָרען דעם 4טען יולי, 1776, און ענטהאַלט דעם גרונדפּרינציפּ צוליעב וועלכען אַמעריקאַ האָט דאַמאָלט אָבגעריסען זיך און ערקלעהרט קריעג צו ענגלאַנד, נעמליך, אַז „אַלע מענשען זיינען בעשאַפען געוואָרען גלייך... בעזיצען אונענטנעמבאַרע רעכט... אויף לעבען, פרייהייט און זוכען גליק“. דאָס איז דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישער זעלבסטפערוואַלטונג און גלייכהייט. דער צווייטער אַקט אין דעם זיעגרייכען גאַנג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע דאָס איז די פּראָקלאַמירונג פון דער „מאָנראָ דאָקטרין“, לויט וועלכער, קיין אייראָפּעאישע מאַכט טאָר ניט מיט געוואַלד קאָלאָניזירען קיין אַמעריקאַנער לאַנד. דאָס האָט די יונגע דעמקראַטיע פון דער נייער וועלט פאַרזיכערט זיך געגען די אימפּעריאַליסטישע אָנגריפען פון די אַלטע רעגיערונגען. די אייראָפּעער מעגען אימיגרירען און אויסאיבען אַזוי פיעל ווירקונג, וויפיעל זיי ווילען און קאָנען, אויף דעם לעבען פון די אַמעריקאַנער לענדער, וואו זיי ווילען זיך בעזעצען. אָבער דאָס קאָן נאָר זיין אַ פרייע קאָלאָניזירונג, קיין געצוואונגענער אריינדרינגען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען וועט ניט געדולדעט ווערען. האָבענדיג פאַרזיכערט זיך געגען דעם אריינדרינגען פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע אין דער פרייער לופט פון אַמעריקאַ'ס דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, האָט די רעפּובליק פאַרנומען זיך בריינגען אין גוטע אָרדנונג איהר אייגענע הויז: דאָס איז געווען איבערהעם לינקאָלן'ס „געטיסבורג אַדרעס“ און די אָבשאַפונג פון שקלאַפעריי (דורך בירגער קריעג). עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער גרויסער פּרינציפּ פון „רעגיערונג פון פאָלק, דורך'ן פאָלק און פאַר'ן פאָלק“. איצטער קומט דער פערטער און גרעסטער אַקט. היינטיגס מאָל געהט עס ניט מעהר אום פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ און פאַר אַמעריקאַ. דער זין און דער ציעל פון אַמעריקאַ'ס אַנשליסען זיך אָן דער וועלט-מלחמה איז — „זיכער מאַכען די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע, און דעם פריעדען פון דער וועלט פאַרפלאַנצען אין דעם אויסגעפּרובירטען באָדען פון פּאָליטישער פרייהייט“.

אין דער איבערצייגונג פון דער אינטעליגענץ, אין וועמעס נאָמען עס רעדט די

„ניו רעפאבליק“, איז דער קריעג, אויף וויפיעל אמעריקא פיהרט איהם, ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די אויסשפרייטונג פון דער נייע וועלט דעמאקראטיע איבער דער אלטער וועלט, דער קאמפף פון דער יונגער נייער וועלט און איהר פרישער מאכט געגען די אבגעלעבטע שיריים פון דער אמאליגער ארדנונג אין דער אלטער וועלט. דאס איז נאטירליך דורכאוים רוחניות. אבער ס'איז אויך פאראן אן עלעמענט פון גשמיות, עטוואס פראקטישעס אין דעם ענין. און מיר לייענען צום שלום פון אן אויספיהרליכען איבערזיכט וועגען „דער ענטוויקלונג פון א נאציאנאלער פאליסי אין פערבינדונג מיט דעם גרויסען קריעג“ די פאלגענדע שורות, וועלכע לייגען א מאטעריעלען פונדאמענט פון מענשליכען אינטערעס אונטער דער גאנצער געביידע פון בלויז אידעאלען:

„אמעריקא געהט אריין אין קריעג ניט כדי צו פערטיידיגען אן אבגעלעב-
„טען סיסטעם פון געזעצען וועגען רייזען איבער די ימים. מיר שטעלען זיך
„אויף דער זייט פון דער ים־מאכט אין דער מערב, אנטקעגען דער יבשה־מאכט
„אין מזרח. מיר פארנעמען זיך ניט מיט בעשטראפען א געזעצברעכער, וואָרום
„ביידע, סיי דייטשלאנד, סיי ענגלאנד האבען פארלעצט די געזעצען פון ים.
„מיר ווערען שותפים מיט פראנקרייך און ענגלאנד דערפאר, וואס נאך אין
„אנהויב קריעג האבען מיר איינגעזעהן, אז זיי (פראנקרייך און ענגלאנד) שלא-
„גען זיך פאר אזא וועלט אין וועלכער מיר ווילען לעבען. און אויב מיר פיה-
„רען מלחמה איצטער, איז עס ניט ווי אדוואקאטען וואס ווילען בעשטעהן אויף
„אן אלטען פסק דין, נאר דערפאר וואס אונזער אייגענע עקזיסטענץ און די
„ארדנונג אין דער וועלט היינגען אב פון דער נידערלאגע פון דער אנארכיע,
„וואס די דייטשען רופען פאלש „די פרייהייט פון ימים“. מיר ווילען קעמפפען
„פאר דער ארדנונג אויף די ימים, ניט ווייל ענגלאנד'ס מאכט, ווי זי איבט איהר
„אוים, איז פאלקאמען, נאר דערפאר וואס די אויפפיהרונג פון צווייטען צד איז
„אונערטרעגליך. מיר ווילען פערטיידיגען די ארדנונג וויסענדיג אז זי דארף
„רעפארמירט ווערען און אין דער צוקונפט טאר זי ניט אויסגענוצט ווערען פאר
„אימפעריאליסטישע ציעלען. האבענדיג בייגעטראגען פון אונזער זייט אין
„דעם קאמפף פאר דער ארדנונג — געגען אנארכיע, ווילען מיר שפעטער א
„רעכט האבען זי אויסצובעסערען“.

די הויכע מליצה איז ניט גאר שווער צו פערטייטשען. די „ניו רעפאבליק“ אינטעליגענץ וויל האבען די פעראייניגטע שטאאטען אלס א וועלט־מאכט. דאס איז פאר איהר מעגליך נאר ווען זי איז א שטארקע ים־מאכט. זי קאן ניט זיין קיין שטארקע ים־מאכט קאנקורירענדיג מיט ענגלאנד, וועלכע האט קאלאניעס איבער'ן גאנצען ערדקוגעל און פראקטפולע האפענס אין אלע בעדייטענדע ימים. בלייבט נאטירליך איין וועג, דאס איז — צוזאמען ארבייטען מיט ענגלאנד און אין געמיינשאפטליכען קאמפף געגען ענגלאנד'ס שונא אויך בייצוקומען די אלטע, הגם ניט אלעמאל אפען אויסגעדריקטע געגנערשאפט פון ענגלאנד צו איהר געוועזענער פראווינץ — די פעראייניגטע שטאאטען.

אבער ווער איז די אינטעליגענץ, וואס האט אזעלכע ברייטע ציעלען און דריקט זיי אוים אין אזעלכע הויכע ווערטער, וואס א דאנק זיי, ווי דורך כישוף בעאיינפלוסט

די קליינע מינדערהייט א „ווידערהווליגע אָדער גלייכגילטיגע מערהייט"? פאַר וועלכען קלאַס, און ווי גרויס, רעדט די צייטונג, וועלכע ווערט אָהן ספק געשטיצט אין איהר שטעלונג פון איהרע לעזער? דערויף וואַרפט אינטערעסאַנטען ליכט מאַקס איסטמאַן, דער טאַלאַנטפולער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל די „מאַסעס". מאַקס איסטמאַן, אויך אַן אינטעליגענט, און אָהן ספק ניט אָהן ווירקונג אין געוויסע אינטעליגענטישע קרייזען, בעציהט זיך גאַנץ סקעפּטיש צו דער טענה, אַז די אינטעליגענץ האָט געוואָלט און פעראורזאַכט דעם קריעג:

„און לייענענדיג דעם עדיטאָריעל קומט מיר אַלץ אַרויף אויף'ן זכרון „אַ מעלדונג, וואָס אַ ניט־טאַקטישער אַדווערטייזינג־אַגענט פון דער „ניו רע־„פּאַבליק" האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געמאַכט. ער האָט ערקלעהרט:

„1. צווישען אונזערע אַבאָנענטען אין דער שטאָדט ניו יאָרק זיינען פּאַראַן „דירעקטאָרען פון 1214 קאָמפּאַניעס, וויכטיגע אויף אַזוי פיעל, דאָס זייערע נעמען „זיינען אָנגעגעבען אין דער דירעקטאָרי פון דירעקטאָרען.

„2. אַ העלפט פון אונזערע אַבאָנענטען אין לאָנג איילאַנד (די רייכע רעזי־„דענץ־טייל) און אַ דריטעל פון אונזערע אַבאָנענטען אין ניו יאָרק זיינען פער־„צייכענט אין דער „ניו יאָרק סאָושעל רעדזשיסטער" (די רשימה פון מענשען וואָס „האָבען צוטריט אין „סאָסייעטי", רייכע געזעלשאַפט).

„3. איינער פון יעדע פיער אַבאָנענטען פון דער „ניו רעפּאַבליק" בעזיצט „אַן אויטאָמאָביל, וואָס קאָסט 2,500 דאָלער און מעהר. אונזערע אַבאָנענטען „בעזיצען פּאַקטיש מעהר „פּאַקארד" (טייערע) איידער „פאָרד"־אויטאָמאָבילען „(ביליגע).

די איינצעלהייטען וועגען דעם קלאַס „אינטעלעקטועלען", אין וועמענס נאָמען די „ניו רעפּאַבליק" רעדט זיינען אָהן ספק אינטערעסאַנט. זיי מאַכען דעם איינדרוק, אַז צווישען דער הויכער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע און דער געבילדעטער „אינטעליגענץ" פון דער „ניו רעפּאַבליק" איז דער אָבגרונד גאָר ניט אַזוי געפעהרליך טיעף. די „אַמעריקאַן אינטערנעשאָנאַל קאָרפּאָריישאָן" און די „אינטעלעקטועלע מינאָריטעט" זיינען גאַנץ מעגליך קוויטען פון איין בייט, און אַז מען בענוצט זיך נאָך מיט „פּאַקארד"־אויטאָמאָבילען וועט די שטרעקע צווישעןביידען אַזוי גוט, ווי פערשוואונדען.

אונזער איבערבליק פון דער שטעלונג, וואָס די אינטעליגענץ, אַלס אַ בעשטימטע גרופּע אין דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, האָט פערנומען צו דער וויכטיגסטער ערשיינונג פון דעם יאָהר — צום קריעג, וואָלט דאָך ניט געווען פול, ווען מיר זאָלען זיך בעשרענקען אויף דעם טייל פון דער אינטעליגענץ, אָהן ספק זעהר אַ גרויסען, וואָס ווערט מיט אַזוי פיעל געשיקטקייט און, אפשר, מיט נאָך מעהר פּרעטענזיע פאַרטראָטען דורך דער „ניו רעפּאַבליק". מיר מיינען אַ צווייטען טייל פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם זשורנאַל, וואָס איז ערשיענען ענדע 1916 אונטער דעם עטוואָס קונציגען נאָמען „די זיבען קונסטען". דיזער זשורנאַל האָט זיך לכתחילה געהאַט פערנומען מיט דער בעטראַכטונג און ענטוויקלונג פון'ם ריכטיגען געשמאַק אויף'ן געביעט פון אַלע שבע ימים, אַלע זיעבען קונסטען. אָבער גאַנץ אונערוואַרטעט האָט דער זשורנאַל גענומען אַ שטעלונג, ניט נאָר אַ אינטעליגענטע, נאָר

אויך זעהר אַן אינטערעסאַנטע שטעלונג צו דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און קריזיס אין׳ם נאַציאָנאַלען לעבען. די ענערגישע און אָהן ספק טאַלענטפולע גרופּע יונגע שריפטשטעלער און קינסטלער, וואָס אַרום זשורנאַל, האָט דערפיהלט, אַז זי קאָן ניט פערבלייבען גלייכגילטיג צו דער טיעפער ענדערונג, וואָס דער קריעג מוז אַרויסרופען און רופט אויך אַרויס אין די איבערלעבונגען פון דער מעהרסטער טייל פון די דענקענדע און אַקטיווע עלעמענטען פון פאָלק. פרייעדיגער און זוכער פון אַ נאַציאָנאַלער, ווירקליך אַמעריקאַנער, און ניט אימפּאָרטירטער אָדער געקאָפּירטער פון ענגלאַנד, פון אַן אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער קולטור, האָבען זיי איינגעזעהן, אַז דאָס וואָס יאָהרען פון רוהיגער און פריעדליכער ענטוויקלונג האָבען ניט בעשאַפען וועט דער קריעג מיט זיין אייגענאַרטיגער אָבער אונגעהויער שטאַרקער ווירקונג אויף די געפיהלען און געדאַנקען אָהן ספק דערוויזען. ער וועט געוויס צונויפשמידען אין איינעם אַ סך פּיעל־אַרטיגע טיילען פון פאָלק. ער וועט אויך צונויפבינדען אונז מיט אייראָפּאַ. אָבער וואוהין וועט ברייינגען די פערבינדונג, פּאַקטיש די צונויפשליסונג פון אַמעריקאַנער פּאָליטישען לעבען מיט דעם לעבען פון אונזערע „עלליים“? וועלען מיר אויסוואַקסען צוליעב און נאָך דעם קריעג אַלץ אַ מעהר געשלאָסענע נאַציע, מיט אַ ברייטערען, מעהר נאַציאָנאַלען, מעהר קאָנסטרוקטיווען בליק אויף דער וועלט, אויף מענשליכע און געזעלשאַפטליכע בעציהונגען? אָדער — דער קריעג וועט נאָר פערשטאַרקען די צוואַנגס־מאַכט פון דעם שטאַאַט און וועט ניט מיטברייינגען קיין אויסברייטערונג פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען? וועלען מיר, הייסט עס, אויפהערען זיין, ווי איין שרייבער דריקט זיך אויס, אַ „באָרדינג הויז“ פון אויסלאַנדער און וועלען זוכען צו בייטראָגען אויך אונזער חלק צו דעם גרויסען פּראָצעס פון סאָציאַלער און קולטורעלער איבערבויאונג, וואָס וועט אונפערמיידליך נאָכפאָלגען דעם קריעג?

מיר וועלען זיך בעשריינקען אויף אַ פּאָר ציטאַטען, וואָס וועלען נאָר אָנדייטען אין וועלכער ריכטונג ס׳האָט געאַרבייט דער געדאַנק ביי אָט דער גרופּע פון דער אינטעליגענץ, פון וועלכער דער גוט בעקאַנטער דיכטער דזשיימס אָפּענהיים — וואָלט וויהיטמאַן׳ס נאָכפאָלגער — און ראַנדאָלף בוירן, זיכער — דער מערקווירדיגסטער אַמעריקאַנער פּובליציסט, זיינען די כאַראַקטעריסטישע פאָרשטעהער. צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ, וועלען די ציטאַטען זיין זעהר קורץ:

„ס׳איז נוצלאָז צו קלאָגען איבער ניט־רייפקייט און נאַרישקייט פון דער „מענשליכער נאַטור; צו נתפעל ווערען, וואָס דער מענש קאָן נאָר לערנען סיי־ „דען דורך ביטערע ערפאַהרונג און גרויס צער; וואָס וויל ניט אַנדערש ווי „דערהרג׳ענען זיין שונא, הגם דער פערזוך קאָסט איהם זיין אייגען לעבען; וואָס „אויך איצטער, נאָך אַלע ליידען פון טויזענדער יאָהרען לעבען אין קריעג, קאָן „ער ניט אַנדערש דערהויבען ווערען, סיידען איבער די טויטע קערפּערס פון אַנ־ „דערע מענשען, אַזוי געטליך ווי ער, אַזוי אין נויט ווי ער, אַזוי נאַריש ווי ער „אַליין. אַזוי איז עס, און פּונקט, ווי די, וואָס פּאַר אונז, מוזען מיר געהן אין „דעם גרויסען פייער און לערנען, וואָס אַנדערע האָבען שוין פריהער פון אונז „געלערנט, האָפענדיג אויף דעם פריעדען וואָס וועט קומען“. (ליייט־אַרטיקעל, מאַי, 1917).

דאָס איז זיכער ניט קיין טריאומפירעמדער רוף צו מלחמה, ניט קיין בעגייסטע־

רונג פאַר דעם מיטעל, וואָס „פיעלע פאַר אונז האָבען שוין אויסגעפּרואווט“. אזוי שפּעט, ווי אין סעפּטעמבער לייענען מיר:

„... דער קריעג וועט איבערלאָזען דאָס לאַנד גייסטיג אָרעמער, ווארום
„דער קריעגס־געפיהל וועט פערטרייבען יעדען אנדער געפיהל. שאַפענדע און
„קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען וועלען ליידען ניט נאָר דערפון, וואָס אונגע־
„הויערער פינאַנץ־קאַפּיטאַל וועט פערשווענדעט ווערען אין דער ארבייט פון פער־
„ניכטונג, נאָר אויך דערפאַר וואָס גייסטיגער קאַפּיטאַל וועט פערצעהרט ווערען
„מחמת דער איבערצייגונג, אַז דער קריעג פערשטעלט אלע אנדערע טיילען
„פון אונזער ווירקליכקייט“. (סעפּטעמבער, 1917).

דער שרייבער, ראַנדאָלף בוירן, וואָס האָט אין אַ סעריע מערקווירדיגע ארטיקלען, געשריעבען גלענצענד און מיט מערקווירדיגען שוואונג, געפּרואווט געפינען אַן אויסדרוק פאַר די שטימונגען פון דער אויפריכטיגער און דענקענדער אינטעליגענץ, קומט צום שלוס, אַז דער קריעג שטעלט אמעריקא אויף אַ קריטישען שיידעס־וועג. ענט־וועדער מיר וועלען זיך און אנדערע איינריידען, אַז מיר געהען ראַטעווען דעמאָקראַ־טיע אין דער אַלטער וועלט, כלומרשט געבען אייראָפּאַ אַ נייעם און פרייערען בעגריף פון וועלט בויען, בעת אין דער אמת'ען וועלען מיר מוזען פערבלייבען אַ שפּיעל אין די הענט פון די „עלליים“, ווייל מיר האָבען פּאַרלויפיג נאָך אזוינס ניט געשאַפען און ניט דערוויזען, וואָס אייראָפּאַ זאָל פון אונז לערנען, — אָדער: מיר מוזען זיך ענער־גיש אָבגעבען מיט דער גרויסער ארבייט פון רייכער מאַכען אונזער אינערליכען לע־בען כדי צו ווייזען דער אויסגעמאַטערטער וועלט אַ מוסטער פון פריעדליכער און קאָנסטרוקטיווער ארבייט. און די פּראָבלעם איז ניט נאָר דרינגענד, יעדער איינער מוז נעמען אַ שטעלונג צו איהר:

„דער קריעג — אָדער דער צוזאַג פון אמעריקאנער לעבען: ענטוועדער—
„אָדער. די אויסוואהל מוז געמאַכט ווערען. ביידע צוזאַמען זיינען ניט מעגליך,
„ווארום דער פּועל יוצא פון קריעג איז די פּעראַרעמונג פון דעם צוזאַג פון אמע־
„ריקאנער לעבען... אמעריקאנער, וועלכע ווילען ענטוויקלען דעם פערשפּרעכען
„פון אמעריקאַנער לעבען, דאַרפען ניט שטערען דעם קריעג אין דעם מינדעס־
„טען, אָבער אויך קאָנען זיי ניט געוויסענהאַפט איהם אָננעמען. ווי ענג זיי
„זאָלען זיך ניט פיהלען צוגעבונדען צו זייער היימלאַנד און איהרע שאַפענדע
אונטערנעמונגען וואָס פיהרען צו אַ בעסערען לעבען, קאָנען זיי ניט בעטראַכטען
„זיך אַלס אַ טייל אין די נוצלאָזע זעלבסט־פערניכטענדע אונטערנעמונגען פון
„קריג. מיט אַ ריינעם געוויסען מעגען מיר פערבלייבען גלייכגילטיג, ווארום
„מיר האָבען אנדערע ווערטען און אידעאַלען פאַר אמעריקא. אונזער לאַנד וועט
„ניט ליידען פון אונזער מאַנגעל אין פּאַטריאָטיזם אזוי לאַנג, ווי די אינדוסט־
„ריעלע הערשער פערבלייבען פּאַטריאָטיש...

„לאָמיר צווינגען די מלחמה זי זאָל אונז מיט געוואַלד פאַרנעמען, אויב זי
„מוז עס, אָבער ניט בעגעגענען איהר מיט אָפענע אַרעמס. לאָמיר זי צווינגען
„צו קלאַפּען אין אונזערע גייסטיגע וועגט. דאָס מיינט ניט בעהאַלטען זיך אין
„זאַמד, אָבלייקענען דאָס ווירקליכע לעבען. ווען מען נויט אונז, גיבען מיר זיך

„אונטער צו דאָס אונפערמיידליכע. די וואָס זיינען גערופען צו פליכט וועלען
„דאַרפען אונטערוואַרפען זיך. ווילען זיי ניט זיין קיין מאַרטירער, מוזען זיי
„זיין קרבנות.

„... פון צוויי זייטען קומט דער פערזוך אריינצוציהען די אידעאַליסטען
„אין קריעג. די פּאַטריאָטען מאַכען אונז פאַרוואורף: זיי בעצייכענען אונזער
„גלייכגילטיגקייט אלס ניט־טרייהייט. דערויף ענטפערען מיר, אַז די קריעגס־
„טעכניק אונטער איצטיגע אומשטאַנדען, איז אַ ריין־אויסערליכע מעכאַנישע
„אנגלעגענהייט, האָט ניט צו טאָן מיט אונזער גייסטיגען לעבען. ווידער, די
„רעאַליסטען" טענה'ען צו אונז: די מלחמה איז אַ מיטעל אויסצואַרבייטען אַ
„נוצליכע נאַציאָנאַלע פּאָליסי (ס'הייסט נאַציאָנאַליזירען, פעראַלגעמיינען אונ־
„זער לעבען, ארויסציהען עס פון די ענגע גרעניצען פון לאָקאַלע און פּראָקציאָ־
„נעלע אינטערעסען). דערויף ווייזט זיי אָן אונזער סקעפּטיציזם, אַז אַלע זייערע
„גוטע כונות וועלען ביסלעכווייז איינגעזונקען אין דער „נויטווענדיגקייט" צו
„טרייבען די אונטערנעהמונג ביז צו אַ זיעג, און דער זיעג ווערט אַ זעלבסט־ציעל,
„אַזוי גיך ווי זיי — די „רעאַליסטען" ווערען אַגענטען און פאַרשטעהער פון די
„כחות, ווי זיי זיינען. אַבצאַמענדיג זיך פון די פּאַטריאָטען און רעאַליסטען,
„קאָנען מיר אָרענטליך פאַרזעצען דעם שאַפענדען סקעפּטיציזם, און לכל הפחות
„האָפען, אַז אָבקעהרענדיג זיך פון קריעג וועלען מיר געפינען די (גייסטיגע)
„אוצרות, וועלכע מיר זוכען".

ג. די אַרבייטער און דער קריעג.

צוויי אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטען ריידען פאַר דעם אַרבייטער קלאַס אין אמע־ריקאַ. דאָס איז די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די טרייד־יוניאָנס — די א. פ. אָף ל. (די אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר) און די ס. פּ. (די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). זיי זיינען ניט די איינציגע: די „איי־דאַבעל־יו־דאַבעל־יו" און די ס. ל. פּ. האָבען אויך געזאָגט זייער וואָרט, אָבער די ערשטע צוויי קערפּערשאַפטען, די גרעסטע אין צאָהל און איינפלוס זיינען גענוג מאָסגעבענד פאַר דער שטעלונג פון די גרויסע מאַסען אַר־בייטער. אין זייער שטעלונג געפינען אָבקלאַנג די מיינונגען פון די קלענערע אָרגאַ־ניזאַציעס, — און אויף זיי וועלען מיר זיך אָבשטעלען. אָבער ס'מוז דאַ גלייך בע־טראַכט ווערען איין בעדווייטענדער חילוק צווישען די צוויי קערפּערשאַפטען: בעת די שטעלונגנאַהמע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווערט בעאיינפלוסט און קאָנ־טראָלירט פון דער גאַנצער פּאַרטיי־מיטגליעדערשאַפט — דורך די קאָנווענשאָנס, קאָנ־פערענצען און רעפערענדום־אָבשטימונגען, — און פון די סאָציאַליסטישע וועהלער דורך די וואהל־קאַמפּאַניעס, — איז די א. פּ. אָף ל. אין איהרע שטעלונגען פון קיינעם ניט קאָנטראָלירט און ניט בעאיינפלוסט אויסער די מאָטיווען און איבערצייגונגען פון אַ קליינעם און זעהר בעשרענקטען קרייז העכערע בעאַמטע פון נאַציאָנאַלע יוניאָנס. און דערפאַר איז די שטעלונג פון דעם אָרגאַניזירטען סאָציאַליזם מאָסגעבענד פאַר דער שטעלונג פון זיינע נאָכפאָלגער, בעת די שטעלונג פון די פיהרער פון „אָרגאַניזירטער אַרבייט" איז ניט מאָסגעבענד פאַר, און ניט זעלטען טאַקע אויך ווידערשפּרעכליך צו דער שטעלונג פון די אָרגאַניזירטע טרייד־יוניאָניסטען. און מיר האָבען געזעהען אין פערלויף פון דעם יאָהר, אַז די איינצעלנע יוניאָנס, וואָס שטעלען צונויף די א. פּ.

אַף ל. האָבען ניט איינמאָל גענומען אַ שטעלונג ראַדיקאַל פערשיעדען פון דער שטע־לונג, וואָס די א. פ. אַף ל. האָט גענומען צו דער פראַגע, וועלכע מיר בעטראַכטען.

דער ערשטער אויסדריקליכער שריט, וואָס די א. פ. אַף ל. האָט געמאַכט אויף דעם וועג פון קלאָהר מאַכען איהר שטעלונג צום קריעג, איז געוועזן די ערקלעהרונג פון דער נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון טרייד־יוניאָן בעאַמטע, וועלכע איז אָבגעהאַלטען גע־וואָרען אין וואַשינגטאָן, מאָנטאַג דעם 12טען מערץ, 1917. אין דער ערקלעהרונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ קנאַפּען מאָנאַט פריהער, ווי קריעג איז פאָרמעל ערקלעהרט געוואָרען, האָבען די פערזאַמעלטע נאַציאָנאַלע בעאַמטע פון די אַמעריקאַ־נער טרייד יוניאָנס, כמעט איינשטימיג, פערפליכטעט זיך צו שטעהן הינטער דער רע־גיערונג און שטיצען איהר אין פאַל פון קריעג. ס'וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָ־גען, אַז די דעקלאַראַציע פון די טרייד־יוניאָן פיהרער האָט פאַקטיש אויפגעפאָדערט די רעגיערונג צו ערקלעהרען קריעג. דער שלום־פּאַראַגראַף פון דער דעקלאַראַציע לויטעט:

„זאָל אָבער אונזער לאַנד אַריינגעצויגען ווערען אין דעם קעסעלגרוב פון „דעם אייראָפּעאישען סכסוך, טראָץ אונזערע בעמיהונגען און האָפנונג אויסצו־„מיידען דעם קריעג, שלאָגען מיר פאָר — גלייכצייטיג מיט די אידעאַלען פון „פרייהייט און גערעכטיגקייט, וועלכע ווערען ערקלעהרט פון אונז אַלס אונבע־„דינגטער באָדען פאַר דער נאַציאָנאַלער פּאַליסי, — אונזער דיענסט צו אונזער „לאַנד, אויף יעדען געביעט פון טעטיגקייט, צו פערטיידיגען, אָבהיטען און בע־„שיצען די רעפּובליק פון די פעראייניגטע שטאַאַטען אין אַמעריקא געגען איהרע „שונאים, ווער זיי זאָלען ניט זיין; און מיר פאָדערען אויף אונזערע מיט־אַר־בייטער און מיט־בירגער אין דעם הייליגען נאָמען פון ארבייט, פרייהייט, גע־„רעכטיגקייט און מענשהייט, טריי און פּאַטריאָטיש צו טאָן דאָס זעלבע“.

די פּרינציפּען און אידעאַלען, וועלכע זאָלען, לויט דער דעקלאַראַציע, דיענען אַלס באזיס פון אַ נאַציאָנאַלער פּאַליסי, בעשטעהען אין אַ היבש ביסעל קלינגענדיגע ווער־טער, אָבער זעהר ווייניג ממשות'דיגעס ווערט פאָרגעשלאָגען. עס ווערט ניט בע־ריהרט די אַלגעמיינע פראַגע וועגען קריעג, ניט פּרינציפּיעל און ניט פּראַקטיש. קיין ציעלען פון קריעג אינטערעסירען ניט די פאָרשטעהער פון אַרבייטער. זיי זיינען צו־פריעדען מיט דער בעהויפּטונג, אַז דאָס איז אַ פערטיידיגונגס־קריעג, און אַז דאָ קעמפּפט דעמאָקראַטיע געגען אויטאָקראַטיע. דאָס איינציגע וועגען וואָס די דעקלאַראַציע רעדט, אָדער ריכטיגער — זי דינגט זיך, דאָס איז אַ מינימום פון רעכט פאַר די אַרבייטער־פיהרער צו זיין פערטראָטען אין די רעגיערונגס־קאָמיסיעס, וועלכע וועלען האָבען צו טאָן מיט אַרבייט. בכלל איז דער דאָקומענט זעהר אָרעם גייסטיג, ענטהאַלט אַגולנע פערפליכטונגען און קיינע ספּעציעלע פאָדערונגען, וואָס זאָלען קאָנען פיעל־ווייניג פער־גלייכען די אַמעריקאַנער אַרבייטער צו די אייראָפּעאישע אַרבייטער, ספּעציעל צו די ענגלישע.

מר. גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אַף ל., איז בעשטימט געוואָרען פון פּרעזידענט ווילסאָן, אַלס מיטגליעד פון דעם רעגיערונגס־ראַט פאַר נאַציאָנאַלער פערטיידיגונג און פאָרזיצענדער פון דער אַרבייטס־קאָמיסיע אין דעם ראַט. און דאָר־טען האָט מר. גאָמפּערס אויסגעשפּרייט דעם זין פון דער דעקלאַראַציע פון 12טען מערץ

ביז צום עקסטרעמען. ער האט געפאדערט פון די ארבייטער, דאס זיי זאלען אויף דער צייט פון קריעג אויפגעבען אלע פאדערונגען פון שכירות־פערגרעסערונג און זיך אבזאגען פון סטרייקס. און וואס מר. גאמפערס האט געפריידיגט האבען די העכערע בעאמטע אין די נאציאנאלע יוניאנס און צענטראלע קערפערשאפטען אין די גרעסערע שטעדט געזוכט צו פערווירקליכען. דער פרעזידענט פון דער ניו יארק סטייט פעדערישאן אף לייבאר האט געפאדערט פון די יוניאנס אין ניו יארק סטייט, אז אלע ארבייטער־שוץ געזעצען זאלען אויפגעגעבען ווערען אויף דער צייט פון קריעג, און א פאליטישען אין דער סטייט־אסעמבלי האט אריינגעבראכט אן ענטשפרעכענדען געזעץ־פראיעקט. דאסזעלבע איז פארגעקומען אין א גאנצער רייהע שטעדט און סטייטס. אין פערלויף פון מאנאט אפריל האט זיך א לאז געטאן א שטראם פון געזעצפראיעקטען, איינער פון צווייטען רעאקציאנערער, אבצושאפען אלע געזעצען און געזעצליכע אויסבעסערונגען, וואס די ארגאניזירטע ארבייטער האבען זיך געהאט דערשלאגען אין לאנגע יאהרען פון ביטערען אפט פולען מיט קרבנות קאמפף. די העכערע בעאמטע פון דער ארגאניזירטער יוניאן־בעוועגונג האבען ניט נאר געשוויגען, נאר פאקטיש ארויסגעהאלפען די רעאקציע. די ארטיגע בעאמטע פון דער רעגיערונגס־אדמיניסטראציע, ניט זעלטען אונטער דעם איינפלוס און קאנטראל פון די אינדוסטריעלע מאגנאטען, האבען גענומען פארפאלגען ארבייטער ארגאניזאציעס, פארמאסטען זיך אויף דער פרייהייט פון ווארט און פערזאמלונג. ענדליך האט אט די רעאקציאנערע כוואליע, ארויסגערופען צום לעבען פון דער קריעגס־שטימונג און געבענשט פון די טרייד־יוניאן בעאמטע, פערורזאכט א שטורמישע געגען־בעוועגונג פון אלערליי פראגרעסיווע קערפערשאפטען, פון ארבייטער און ניט ארבייטער, און די פערזוכען צו מבטל זיין די גאנצע עקזיסטירענדע ארבייטער־פערהיטונגס־געזעצגעבונג האבען זיך אנגעשטויסען אויף אן ארגאניזירטען און קרעפטיגען ווידערשטאנד. אפילו פרעזידענט ווילסאן אליין איז ארויס געגען אט דער רעאקציע. אין א רעדע צו 150 ארבייטער־פארשטעהער, וועלכע ער האט עמפפאנגען אין „ווייסען הויז“, דעם 15טען מאי, האט פרעזידענט ווילסאן געזאגט:

„... איך פיהל, אז ס'וואלט געווען אונפערצייהליך אוועקצונעמען פון די „פרויען און מענער... וועלכע עס איז פון די עקזיסטירענדע געזעץ־בעשיצונגען... „די אפפער, וועלכע מיר זאלען מאכען דארפען זיין פרייוויליגע און ניט אונטער „צוואנג... זאל ניט פיהרען צו ארונטערלאזען די סטענדערדס, וועלכע מיר „האבען אלע די יאהרען געזוכט אויפצוהויבען“.

אז די שטעלונג פון די פיהרער ווערט ניט דורכאויס געטיילט פון די מאסען האט זיך ארויסגעוויזען גאנץ גיך. א גאנץ גרויסע צאהל ארטיגע ארגאניזאציעס האט אין רעזאלוציעס און דורך אפענע פערזאמלונגען שטארק פראטעסטירט געגען דעם אגולנעם איבערגאנג פון די בעאמטע אויף'ן צד פון קריעגס־שאוויניזם. ס'איז אהן ספק געווען צו מערקען א גרויסע געגנערשאפט צום קריעג גופא, אבער בעזונדער שטארק איז געווען די ענטריסטונג געגען דעם אבזאגען זיך פון רעכט צו סטרייקען, געגען ארונטערלאזען די געזעצליכע און אנגענומענע „סטענדערדס“ פון ארבייט. און ווען ענדע מאי האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק דער „פאלקס־ראט“ (פיפעלס קאונסיל) און דורך יוני־יולי און אויגוסט האט זיך די ארגאניזאציע פערשפרייט אין אלע גרויסע צענטרען

די אבטיילונג „דאס אידישע לעבען אין 1917“ געפינט זיך אויף זייט 55.

פון לאַנד, האָבען גאָר אַ גרויסע צאָהל אָרגאַניזאַציעס און זעהר פיעל אַרבייטער גרופּען זיך געשטעלט מיט דער אָרגאַניזאַציע. זעהר אָפט פלעגט אַן אָרגאַניזאַציע, אויס ריין טאַקטישע אָדער פּאָליטישע מאָטיווען, ניט שטעלען זיך אָפען אויף דעם צד פון דעם „פּיפּל'ס קאָונסיל פאַר דעמאָקראַטיע און פריעדענס־תנאים“, אָבער די סימפּאַטיע צו דיזער פּראָטעסט־בעוועגונג איז כסדר געשטיעגען אין דער אַרבייטער וועלט. און פון צווייטען זייט, אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם שטייגענדען יקרות אויף לעבענס־מיטעל, איז געשטיעגען די צאָהל סטרייקס, וועלכע זיינען געווען דער קלאָהרסער בעווייז, אַז די פּאָפּולייק פון די אָפיציעלע פיהרער פון דער א. פ. אָף ל. האָט ניט געפונען קיין ווארעמען אָבקלאַנג אין די מאַסען.

די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צום קריעג איז געווען פּונקט דער היפוך פון דער, וואָס די א. פ. אָף ל. האָט פאַרנומען. דעם 7טען אַפּריל האָט זיך פערזאַמעלט אין סענט לואיס דער עקסטרא־פערופענער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר פון 200 דעלעגאַטען ערוועהלט דירעקט פון די פּאַרטיי־מיטגליעדער, דורך אַ רעפערענדום אָבשטימונג. דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגעהאַלטען ביינאַהע אַ גאַנצע וואָך צייט און נאָך אַ גרונדליכער דיסקוסיע און העפטיגען קאַמפּף האָבען די דעלעגאַטען מיט אַ גרויסער מעהרהייט שטימען געאייניגט זיך אויף אַ פּראָגראַם, וואָס איז דורכאויס געווען געגען קריעג און האָט גערופען, אין די גרענעצען פון געזעצליכע מגליכקייטען, צו אַרבייטען פאַר אַ באַלדיגען סוף פון קריעג. די מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי האָבען מיט אָנדערהאַלבען מאָנאַטען שפּעטער כמעט איינשטימיג אָנגענומען די שטעלונג פון דער מעהרהייט אין סענט־לואיס. און אויף ווי ווייט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין דעם פּרט אויסגעדריקט די שטימונג פון דער גרעסערער צאָהל סאָציאַליסטישע וועהלער און פון די גרויסע מאַסען־אַרבייטער לאָזט זיך אורטיילען פון דעם מערקווירדיגען וואוקס פון דער פּאַרטיי־מיטגליעדער צאָהל אין פערלויף פון די קומענדע מאָנאַטען, פון דעם זעלטענעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, און צום סוף פון די וואהלען לעצטען נאָוועמבער, ווען אין אַ גרויסער צאָהל גרויסע שטעדט איז פערפיעלפאַכט געוואָרען די צאָהל שטימען פאַר די סאָציאַליסטען און אין ניו יאָרק — זיינען ערוועהלט געוואָרען 17 פאַרשטעהער אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג, אין סטייט־לעגיסלאַטור, און 1 סאָציאַליסטישער ריכטער, — כמעט אַלע הויפּטזעכליך אויף דער פּלאַטפאָרמע פון קריעגס־געגנערשאַפט.

עס איז קיין ספק ניט, אַז בעזונדער שאַרף האָט זיך געלאָזט פיהלען די געגנערשאַפט צום קריעג אין די שטעדט מיט אַ גרויסער צאָהל אימיגראַנטישע אַרבייטער. אָבער אויך די אַמעריקאַנער אַרבייטער זיינען ניט פאַרבליבען ווייט פון אָט דער שטימונג. די פאָלגענדע צוויי פאַקטען גיבען אַ אינדירעקטען בעוויז דערפון. די מינדערהייט אויף דעם סאָציאַליסטישען פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר אין סענט־לואיס, מיט ספּאַרגאָ, וואַללינג, סטאָקס און נאָך איניגע פון די עכט־„אַמעריקאַנער“ סאָציאַליסטען אַן דעם שפּיץ, וואָס זיינען געווען ניט צופריעדען מיט דער פּאַרטיי־שטעלונג געגען קריעג, זיינען אַרויס פון דער פּאַרטיי און געגרינדעט אַ נייע „נאַציאָנאַלע“ פּאַרטיי, וואָס האָט געזאָלט פעראייניגען אַלע ריין־אַמעריקאַנישע אַקטיווע קריעגס־עלעמענטען צווישען די סאָציאַליסטען. אָבער די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי איז ווייט ניט אַוועק. ניט איהר אַגיטאַציע (אין די לעצטע וואהלען, וואו ראַסעל, וואַלינג און סטאָקס האָבען געשטיצט מעיאָר מיטשעל'ן אין ניו יאָרק) האָט געפונען אָבקלאַנג און ניט זייער אָרגאַניזאַציע איז געוואָרען אַ צוזיהונגס־צענטער פאַר אָנהייגער פון מלחמה. די א. פ. אָף ל.,

ווידער, האט געגרינדעט די „אמעריקאן עלייענס פאר לייבאר ענד דעמאקראסי“, ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ארבייטער מאסען זיינען ניט קיין בעלנים צו טיילען די שטעלונג פון די אפיציעלע פיהרער, און ספּעציעל ווען ס'האט זיך ארגאניזירט דער „ארבייטער ראט“ (ווארקמענ'ס קאונסיל), וועלכער איז געווען געפעהרליך, אלס אנצייגער פון די אמת'ע שטימונגען אין די רייהען פון די טרייד־יוניאניסטען. די „עלייענס“ האט געזאלט ענערגיש פריידיגען דעם אקטיווען פאטריאטיזם, וועלכען מר. גאמפערס האט גאראנטירט. זי האט געזאלט טאן די ארבייט פון בעזייטיגען די סטרייק־מגפה, וואס די א. פ. אף ל. האט אפיציעל ניט געקאנט טאן. מיט אונבאַשרענקטע מיטלען און מיט דער הילף פון דער גאנצער מאשינערי פון דער א. פ. אף ל., דאצו מיט דעם אויטאריטעט פון אלע „געוועזענע“ סאציאליסטען (ראסעל, ספארגא, וואללינג און אנדערע) האט דאך די ארגאניזאציע ארויסגעוויזען זיך פאר א מורא'דיגען דורכפאל, פאליטיש און פאקטיש.

ד. די קליינבירגערליכע גרופען און די פארמער.

מיר האבען בעטראכט די שטעלונג, וואס עס האבען פארנומען צום קריעג די גרויס־בורזשואזיע פון איין זייט און דער ארבייטער קלאס פון צווייטען זייט. הגם קיין איינער פון די קלאסען איז ניט געווען אייניג אלס א קלאס אויף איין בעשטימטער שטעלונג, איז דאך ניט איבערטריעבען צו זאגען, אז די גרויסע בורזשואזיע האט, אין גרויסען און גאנצען, פארנומען א פאזיטיווע שטעלונג און דער פראלעטאריאט — א נעגאטיווע, אדער — ער האט ארויסגעוויזען א אינדיפערענטע, גלייכגילטיגע בעציהונג. דאס אליין, נאטירליך, איידער ס'האט זיך אנגעהויבען דער קריעג און געלאזט פיהלען זיין דירעקטע ווירקונג — דורך דעם געזעץ וועגען צוואנג־דיענסט, די בעשרענקונג פון די קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען און דער אימער און ווילד שטייגענדער יקרות אויף לעבענסמיטעל. די אלע מאמענטען האבען געווירקט איןביידע ריכטונגען: אייניגע האבען ערווערק א מעהר פאזיטיווע בעציהונג צום קריעג, אנדערע — האבען געשטארקט די נעגאטיווע בעציהונג. מיר האבען אויך געזעהן, ווי אזוי די אינטעליגענץ איז געווען אין דער פראגע צוטיילט. די אינטעליגענץ, וואס איז מעהר פראפעסיאנעל, וואס שטעלט פאר מיט זיך דעם גייסטיג־פיהרענדען עלעמענט אין דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע האט געהאלטען דעם קריעג פאר א גרויסען געווינס, זי האט פון איהם ערווארט ער זאל צונויפשמידען די פיעל־שפראכיגע און צוטיילטע אין לאקאלע גרופען־און פאך־אינטערעסען אמעריקא — אין איין נאציאנאלען וועזען. די, אזוי צו זאגען, אויטאמאביל אינטעליגענץ האט בעגריסט דעם קריעג, אלס דעם כח, וואס איז בערופען צו נאציאנאליזירען און אינטערנאציאנאליזירען אמעריקא, פון א „באָרדינג־הויז פאר פרעמד־געבוירענע“ זי מאכען פאר א שטארק נאציאנאל־פיהלענדע און אינטערנאציאנאל־ווירקענדע טייל פון דער סאציאל־פאליטישער וועלט. פון דער צווייטער זייט, איז געשטאנען די אינטעליגענץ פון גייסט, די וואס האט ניט קיינע בעציהונגען ניט מיט אייגענטום און ניט מיט די אינטערעסען פון די אייגענטום־בעזיצענדע קלאסען. דיזע, אזוי צו זאגען, „באהעמע“־אינטעליגענץ האט געזעהען אין דעם קריעג עטוואס אזוינס, וואס רייסט אב אונזערע קולטור־כחות פון שאפען שטענדיגע און העכערע ווערטען, וואס צושטערט דאס ביסעל וואס עס איז שוין געשאפען געווארען אין פרט פון נאציאנאליזירען און פעראייניגען די צוזעעטע און צושפרייטע פאזיטיוו־ווירקענדע עלעמענטען פון אונזער עפענטליכקייט. דיזע גרופע פון דער אינטעליגענץ האט זיך געשטעלט נעגאטיוו צום קריעג. זי איז געגאנגען אין דעם „פיפעל'ס קאונסיל“ און די אלערליי „ביורא'ס“ צו בעשיצען די קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען, די „יוניאנס“ געגען מיליטאריזם און עהנליכע לויזע פאלקס־ארגאניזאציעס. גלייכצייטיג האט אבער קיינע פון די גרופעס ניט געפראוווט און ניט געפריידיגט זיך שטעלען אקטיוו געגען דעם קריעג. זיי האבען זיך פשוט אבגעקעהרט פון קריעג אן א זייט, געראטען פארטצוזעצען

די אַרבייט פון אַלע טאָג אין דער האָפנונג, אַז ענדליך וועט פערבייגעהען דער שטורעם און ווידער וועט קומען די רוהיגע צייט מיט איהר אונרוהיגער זוכעניש פון העכערע און גרעסערע אידעאַלען, ווי די וואָס קאָנען פערווירקליכט ווערען מיט דער הילף פון שווערד.

עס בלייבט נאָך אונז איבער צו בעטראַכטען איין עלעמענט, וועלכער איז אפשר ניט זעהר אנגעזעהן פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט, וועלכער „צעהלט״ אָבער זעהר שטאַרק אַלעמאַל, ווען עס געהט אום געזעלשאַפטליכע שטימונגען און אָבשאַצונג פון אַזעלכע שטימונגען. דאָס איז דער אַזוי גערופענער „מענש אין גאַס״, דער מאַן אָדער פרוי פון אַלע טאָג, וואָס נעהמט זיינע (אָדער איהרע) געדאַנקען אָדער ריכטיגער — שטימונגען פון די צייטונגס־קעפּלאַך און רעדט בלשון „מען״ זאָגט, „מען״ דאַרף, „מען״ מוז. דיזער „מענש אין גאַס״, אייגענטליך דער רוקען־ביין פון דער קליין־בור־זשואַזיע, דער פּאָליטישער „זומפּ״, וואָס איז קיינמאָל ניט זיכער מיט קיינעם און קיינער מיט איהם, איז געווען אָהן ספק געשטימט קריגעריש. זאָגען, אַז ער האָט גע־וואָלט קריעג, וואָלט הייסען איבערטרייבען זיין אקציאָנס־פעהיגקייט, איבערשאַצען זיין כח צו וועלען. אָבער די צייטונגען האָבען געגאָסען טאָג־איין טאָג־אויס זודיגען האַס און געהעצט יעדען געפיהל פון שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם, און דער „מענש אין גאַס״ איז דער הערשער פון דער גרויסער צייטונג און איהר שקלאַף. ער מאַכט, אַ דאַנק זיין גרויסער צאָהל און קויף־קראַפט, די צייטונג פאַר אַ ווירקזאַמען אינסטרומענט, און די צייטונג מאַכט איהם, צוליעב זיין פּאָליטישער און גייסטיגער אָבגעלאָזענקייט, פאַר דעם נאָכזאָגער און נאָכזינגער פון דער צייטונג.

און צו די עלעמענטען פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג קומען צו די פאַרמערס, וועלכע האָבען, דורך אַלע זייערע וואַקלונגען און דינגען זיך, דאָך געגעבען סוף כל סוף דעם שטאַרקסטען קאָנטינגענט פון מלחמה־וויליגע. די טראַדיציע, די צוגעבונדענקייט צו אַלטע ווערטער און איינגעפונדעוועטע בעגריפען, וואָס דאָס געהט אַלעמאָל האַנד אין האַנד מיט דעם ערד־מענשען, האָט געמאַכט דעם פאַרמער פאַר אָנהייגער פון קריעג, לכל הפחות — אויף מאָרגן נאָך דער קריעגס־ערקלעהרונג. די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ פון דער „נאָן־פּאַרטיזאַן ליעג״, דעם פאַרמער פערבאַנד פון 11 מיטעל־וועסטליכע סטייטס איז אין דעם פּרט זעהר אויסדריקליך:

„מיר שליסען זיך אָן אָן אונזערע „עלליים״, און כדי גערעכטיגקייט, פריי־
„הייט, גלייכהייט, דעמאָקראַטיע — פּאָליטישע און אינדוסטריעלע — זאָלען
„ענדליך זיעגען און אַלעמען בעגליקען, פאַרשפּרעכען מיר אונזערע לעבענס, אונ־
„זערע פערמעגענס און אונזער הייליגע עהרע צו אונזער לאַנד און אונזער פלאַג
„אין דיזען קריעג אונזערען״.

גלייכצייטיג האָבען די פאַרמערס אויף׳ן שאַרפסטען אופן פערדאַמט די אינ־דוסטריעלע מאַגנאַטען, וואָס מאַכען משונה׳דיגע פּראָפיטען פון קריעג, און זיי האָבען געפאָדערט, אַז דער מאַקסימום פּרייז, וועלכען די רעגיערונג האָט בעשטימט פאַר ווייץ, זאָל פאַרגרעסערט ווערען...

ה. דער פּרעזידענט.

ריידענדיג וועגען די געזעלשאַפטליכע כחות, וואָס האָבען פון איין זייט גענומען שטעלונג צום קריעג און פון צווייטען זייט — געווירקט אויף דער שטימונג אין לאַנד, דאַרף מען בעטראַכטען בעזונדער דעם פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, מר. וואודראָו ווילסאָן. ער האָט ניט נאָר גענומען שטעלונג צום קריעג און געווירקט אויף איהם, ער האָט אויך מעהר ווי אירגענדוועלכער איין מענש אין דער גאַנצער צייט פון דעם וועלט־קריעג, געווירקט אויף דעם, ווי די געזעלשאַפטליכע קלאַסען האָבען זיך בעצויגען צום קריעג. נאַטירליך, ער האָט ניט געקאָנט בעאיינפלוסען די געזעלשאַפטלי־כע עלעמענטען, אויף וועמען דער קריעג האָט געווירקט עקאָנאָמיש, פּאָזיטיוו צי נע־גאַטיוו. ער האָט אָבער געמאַכט פּאָפּולער דעם קריעג צווישען אַלע אַנדערע עלעמענ־

טן, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע מאַטעריעלע בעציהונג צו דער מלחמה. זיינע אויסטייטשונגען פון די קריעגס־ציעלען זיינען אפשר ניט זעלטען געקומען צו־שפּעט, אָבער אַלעמאָל זיינען זיי געשטאַנען העכער פון די איינפאַך מיליטאַריסטישע אָדער פאַרבעהאַלטען אימפּעריאַליסטישע מלחמה־רעדעס פון די שטאַאטס־מענער פון די „עלליים“. ס'האָט זיך פּאַקטיש געשאַפען אַזאַ לאַגע, אַז פּרעזידענט ווילסאָן'ס ערקלעהרונגען פלעגען קומען נאָך דעם, ווי מר. ריבאָ אין פראַנקרייך אָדער דזשאָרדזש אין ענגלאַנד פלעגען ענטוועדער אויפרייצען די ליבעראַלע עפענטליכע מיינונג אָדער אַרויסרופען חשד. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אין צוויי העכסט וויכטיגע פּונקטען בעוויזען, אַז, אַלס שטאַאטסמאַן שטעהט ער ניט צו פערגלייכען העכער פון זיינע מיט־חברים אין לאַנד און אויסער'ן לאַנד. דאָס איז געווען ערשטענס זיין שטעלונג צו דייטשלאַנד, וואו ער האָט דורכגעפיהרט די שאַרפע פאַרנאַנדערגרענעצונג צווישען דער מיליטאַריסטישער קליקע, וואָס קאָנטראָלירט דייטשלאַנד, און דאָס פאָלק, וואָס ליידעט פון קריעג; און, צווייטענס, זיין בעציהונג צו רוסלאַנד, וואו ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזען פערפיהרען פון דער איגנאָראַנטער העצע פון דער שאָוויניסטישער פּרעסע און פאַרמאַסקירטע אימפּעריאַליסטען און סתם רעאַקציאָנערען. ווען ללאָיד דזשאָרדזש האָט געגעבען זיין בעריהמטע אַנצוהערעניש, אַז די „עלליים“ וועלען זיך ניט אינטערעסירען מיט רוסלאַנד און רוסישע פריעדענס־בעדינגונגען, אויב רוסלאַנד וועט געהן צו אַ סעפּאַראַט־פריעדען, און דייטשלאַנד האָט די בעמערקונג אָנגענומען און אויף איהר געבויט איהר פריעדענס־טאַקטיק אין בעצוג צו רוסלאַנד, איז עס געווען מר. ווילסאָן, וואָס האָט איינגעשטעלט זיך פאַר רוסלאַנד, ווען אַפילו זי ווערט קאָנטראָלירט פון די גרויזאַמע „באָלשעוויקעס“.

III דאָס אידישע לעבען אין 1917.

א. דאָס אַלגעמיין־אידישע לעבען.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס יאָהר אונטער די שטיקענדע ידיעות פון דער אַלטער וועלט וועגען רדיפות און גזירות אויף אידען אין רוסלאַנד, וועגען אידישע ליידען און יסורים אויף דעם מזרח־טעאַטער פון קריעג, רומעניען, פּוילען, גאַליציען און דרום רוסלאַנד און, אַלס צוגאָב, פּלאַגענישען אין דער קליינער פּאַלעסטינא, — דאָס איז געווען דער באָדען פון דעם אידישען לעבען. און ביי אונז — אין די פערייניגטע שטאַאטען האָט מען זיך געריסען ווי געוועהנליך וועגען דעם, ווי אַזוי אויף'ן בעסטען שטייגער צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק. די אידעע פון אידישען קאָנגרעס האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע: אַלע האָבען זיך געאייניגט און פעראייניגט אין דער קאָנגרעס־אָרגאַניזאַציע, און דאָס האָט געמאַכט, אַז די זאַך גופא איז פעראורטיילט געוואָרען צום אונטערגעהן, וואָרום — צוליעב וואָס אַ קאָנגרעס, אַז אַלע זיינען מסכים? — זיין עקזיסטענץ איז געווען בערעכטיגט אַזוי לאַנג, ווי ס'איז וועגען דעם געווען גרויסע חילוקי־דעות. די אידישע נאַציאָנאַלע זאַך און אייניגקייט האָבען ניט געקאָנט שטימען.

עטוואָס בעסער, ווי מיט דער קאָנגרעס־אַרבייט איז עס ביי אונז צוגעגאַנגען מיט דער זאַמלונג פון געלד־שטיצע פאַר אידישע מלחמה־קרבנות. די „יהודים“ האָבען אַרויסגעוויזען אַביסעל מעהר בעוועגליכקייט אין דעם פּרט, און אויך אין די מאַסען איז עס געוואָרען ריהרעוודיגער. אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז עס דאָך צו ווייט ניט אַוועק: די סומען זיינען ניט געווען איבערראַשענד גרויס, ווען מען פלעגט זיי פערגלייכען מיט דאָס, וואָס די רוסישע אידען אַליין האָבען אויפגעטאָן פאַר זייערע ברידער אין נויט. ביי אונז האָט מען זיך אַ סך געטומעלט, געליאַרעמט ביז אין הימעל און גערירט זיך — ניט פון אָרט. דאָרטען, אין רוסלאַנד, אין די אַלטע ישובים און אין די אונצעהליגע נייע קאָלאָניעס, וואוהין נאָך דער שיקזאַל און דער ווילקיר פון צווישעטע צאַרסקע טשינאָווניקעס האָט די אידען פאַרוואָרפען, אונטער די שווערסטע אויסערליכע און פּאָליצייאישע בעדינגונגען, איז אָנגעגאַנגען אַ גרינדליכע און אַלזייטיגע בויאונגס־אַרבייט. מען האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע בעדינגונגען,

וואו מעגליך — די בעדינגונגען צוגעפּאַסט צום אַלטען געשמאַק. טראָץ אַלע שוועריגקייטען זיינען געוואַקסען צענטראַלע און אָרטיגע בילדונגס־פעראיינען, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע געזעלשאַפטען, די גרויסע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון אַרבייטס־הילף און געזונטס־פעראָרגונג. פון צווישען די רואינעס, וואָס דער קריעג האָט אָנגעבראַכט אויף דעם אידישען פאָלק האָבען געשפּראָצט נייע פערשפּרעכונגען, א צוזאָג פון א נייעס, אַן אינהאַלטסרייכען און אין עצם — געזונטערען לעבען.

און אָט אין מיטען פון אָט דעם צושטאַנד: פון זאַטען אָבער אינהאַלטסלאָזען הגם טומעלדיגען אידישען לעבען אין אמעריקא, און יסורים־פולען אָבער אויך רייכען אין מעשים ווען אפילו הינטערשטעליגען אין באָמבאַסטישע פראַזען לעבען פון די אידישע פאָלקס־מאַסען אין רוסלאַנד, איז געקומען דער גרויסער טאָג פון דער רוסישער אַל־בעפרייענדער רעוואָלוציע. ווי מיט א צויבער־מאַכט האָט די רעוואָלוציע פערוואַנדעלט אין איין רגע די נעכטיגע פּאַריער און אויסער־געזעץ מענשען אין גלייך און פולבערעכטיגטע בירגער. פולבערעכטיגטע אין דעם פולען זינען פון וואָרט — אַלס בירגער און אַלס נאַציאָן. ס'איז נאָר געגאַנגען אום דעם, אַז דאָס וואָרט פון די פאָדערונגען זאָל אַרויסגעזאָגט ווערען. איינמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרען — איז עס גלייך מקוים געוואָרען. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויסגעלייזט דעם געוויסען פון דעם רוסישען פאָלק, אַראָבגענומען דעם קין־שטעמפּעל פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע אונזערע. דאָס רוסישע פאָלק האָט בעפרייט אידען אין רוסלאַנד, — אין דער אמת'ן איז עס געווען דער גרויסער שריט פאַר און די ערבות פון זייער בעפרייאונג אין אַלע לענדער. פינלאַנד האָט גלייך אָבגעשאַפט אַלע בעשרענקונגען, וואָס האָבען דאָרט עקזיסטירט פאַר אידען. אפילו די פּאָליאַקען, די ניי־אויפגעקומענע פּאָליטישע בעלי בתים האָבען זיך דערפיהלט פיעל־וועניג פערפּליכטעט צו זיין לייטישער בנוגע צו זייערע אידען.

אַז אַלע פּאַרטייען און שיכטען פון דעם אידישען פאָלק אין אַלע לענדער האָבען אויפגענומען מיט אונבעשריינקטער פרייד די ידיעה פון דער רוסישער בעפרייאונג איז איבעריג צו דערמאָנען. אָבער אין רוסלאַנד גופא, אזוי דערצעהלט די רוסיש־אידישע פּרעסע פון אַלע ריכטונגען, איז די אידישע בעפעלקערונג געווען מעהר איינגעהאַלטען ווי אַנדערשוואו. ס'איז שווער צו בעגרייפען פאַר־וואָס אזוי, אָבער אויך איז עס ניט איינגאַנצען אונפערשטענדליך. די־פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע פון דער גרויסער גאולה אויף די פון דורות אויסגעמאַטערטע געמיטער און וועהטאָגפול אָנגעשטרענגטע נערווען איז ניט אזא איינפאַכע זאַך, ווי דאָס קאָן אויסווייזען פון אויבען.

דאָס פּאָליטישע לעבען פון די אידישע מאַסען אין רוסלאַנד, נאָך דער ערלייזונג, איז פערשטעהט זיך רייכער געוואָרען, אויך — רייפער. אָבער קיינע בעדייטענדע נייע גרופּירונגען איז ניטאָ צו מערקען. אפשר דאָס איינציגע וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען — דאָס איז די פערשטאַרקונג פון דעם בירגערליכען ציוניזם. גיכער פאַר אַלץ איז דאָס צו ערקלעהרען דערמיט, וואָס צווישען די בעלי בתישע עלעמענטען איז דער ציוניזם געוואָרען דער איינציגער אָרגאַניזירענדער כח אין די לעצטע יאָהרען, בעת די רבנישע ממשלה איז געגאַנגען אַלץ אונטער און די ציוניסטען, וואָס לייקענען אָב מיט זייער עקזיסטענץ גופא דעם פּאָליטישען קאַמפף אין גלות, האָבען זיך פלוצלונג אַרויסגעוויזען פאַר די שטאַרקסטע גלות־פּאַרטיי צווישען די בעלי בתים.

דעם 10טען יוני זיינען אין ניו יאָרק און אַנדערע שטעדט פאָרגעקומען די וואַהלען צום אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס. די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, מיט דער אויסנאַהמע פון די פּועלי ציוניסטישע, האָבען זיך אין די וואַהלען ניט בעטייליגט, די גרויסע מאַסען האָבען אין קאָנגרעס ניט געזעהן ניט קיין נויט און ניט קיין זינען. מיט די שטימען פון אַלערליי חרש שוטה וקטן האָט מען צונויפגענומען ביי א פערטעל מיליאָן שטימען און ערקלעהרט עס פאַר א מורא'דיגען זיעג. און די קליינליכע פּאָליטישען־רייסעריי אַרום די וואַהלען אין עטליכע קלענערע שטעדטלאַך האָבען געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עפּעס ווירקליך „געהט זיין". אָבער דאָס איז ניט מעהר געווען, ווי דער לעצטער ציטער פון א גוסס'ען קערפּער. זיין נשמה האָט דער קאָנגרעס לאַנג שוין אויסגעהויכט אין די ענדלאָזע ויכוחים און סכסוכים פאַר עליות, שלישי, שישי און מפטיר אין דער פרשה אידישע צרות.

דאָך איז אַ שטיקעל שמחה באַשערט געווען די באַלעבאַטישע אידישע עלעמענטען. אין נאָוועמבער האָט דאָס ענגלישע מיליטער גענומען ירושלים און מיט אַ צייט פריהער האָט דער ענגלישער מיניסטער פון אויסערן, מר. באַלפור, ערקלעהרט, אַז אידען וועלען קריעגען פאַלעסטינאַ. די ציוניסטען האָבען געפייערט די שמחה, אַלס דעם ווידערגעבורט פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען, און די אַנטי־ציוניסטישע באַלעבאַטישע אַסימילאַטאָרען און אַזוי גלאַט אידען האָבען אויסגעקעהרט דעם פעלץ און אַרויפגעצויגען אַ מגן דוד. די „פּראָלעטאַרישע" ציוניסטען, ס'הייסט די ציוניסטען, וואָס האַלטען זייערע פערזאַמלונגען אין אָרעמערע האָלס, האָבען אויפגעהויבען אַ גרויסע אַגיטאַציע, וועלכע בריינגט פּראַקטישע רעזולטאַטען: מען קלייבט געלד אויף אַרבייט אין גלות פאַר ארץ ישראל. מען רעדט וועגען די נאָבעלע ציעלען פון קריעג, וועלכע שאַפט אָב אימפּעריאַליזם און שטעלט ווידער אויף די רעכט פון די אונטערדריקטע פעלקער: די אונטעריאָכטע, נעבעך, 12 פּראָצענט אידען וועלען קריעגען גערעכטיגקייט, ס'הייסט — די אויבערהאַנד איבער די 88 פּראָצענט אַראַבער. אַז יושר, איז דאָך ניט שייך. צום קרעדיט פון ציוניזם דאַרף געזאָגט ווערען, אַז אויך די אידיש־סאָציאַליסטישע וועלט איז ניט פערבליבען ניט־בעריהרט פון דער ציוניסטישער אויפלעבונג. ספּעציעל זיינען פערכאַפּט געוואָרען איינינע סאָציאַליסטישע שרייבער, ענטוועדער מיט אַן איבערפלוס פון לייכטער התפעלות אָדער מיט אַזוי סתם אַ פלינקען חוש פאַר דער גאַס. און די גאַס האָט די ציוניסטישע נייעס אויפגענומען מיט איהר כאַראַקטעריסטישער יאָגעניש נאָך נייעס: מיט חצוצרות און קול רינה, וואַהרשיינליך — בערייט אויף מאָרגען צו פערגעסען עס. ווארום ניט די אַלטע אָנהענגער און ניט די נייע חסידים ריידען ערנסט וועגען אַ פּאַלעסטינישער פּראַקטישער מעגליכקייט.

דעם לעצטען חודש פון יאָהר האָבען מיר ווידער געהאַט טרויעריגע ידיעות וועגען פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין אַ רייהע שטעדט. קיין אָפיציעלע שוואַרצע מאות און צאַרישע רעגיערונג איז מעהר ניטאָ, אָבער ס'איז דערפאַר פאַראַן הונגער אָהן אַ שיעור און ליידען אין רוסלאַנד, און עס אַרבייטען אין דער שטיל אַלערליי פינסטערע כחות, צו געדונגענע אַגענטען, צו פריוויליגע „קעמפּפער" פאַר דער אַלטער פינסטערער אָרדנונג, און ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין די פּאָגראָמען שטעקט זייער שמוציג־בלוטיגע האַנד. די אידישע ראָלע פון קרעמער, סוחרים און מיטעל־מענשען אין צייט פון אינדוסטריעלער צורודערונג, פון ספּעקולאַציע און הונגער איז אַזאַ, וואָס שטעלט זיי בעזונדער לייכט ארוים אַלס דעם ציעלברעט פון אונוויסענדער און אויסגענאַרטער צורייצונג.

אַ ליכטיגען שטראַהל אין דעם אידישען לעבען, פון'ם לעצטען חודש פון יאָהר, אויף דער זייט ים, שטעלט פאַר דער אָבשלוס פון'ם קעמפּיין פאַר דעם 10 מיליאָן דאָלאַר פאָנד פאַר די אידישע מלחמה קרבנות. די סומע איז געזאַמעלט געוואָרען און ס'האָבען געגעבען אַלע, די יחידים ווי די מאַסען־אָרגאַניזאַציעס.

ב. דאָס אידישע אַרבייטער לעבען.

דער זיעג און די ווייטערע ענטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געהאַלטען געשפּאַנט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז קיין חידוש ניט, וואָס די אידישע אַרבייטער מאַסען אין אַמעריקאַ, וואָס זיינען ניין־צעהנטעל רוסישע עמיגראַנטען, האָבען אינטענסיוו, אָנגעשטרענגט דורכגעלעבט די 10 חדשים פון דער רעוואָלוציע. פערטהאָן אין דעם ביטערען קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ און אין דעם קאַמפּף געגען דער היימישער רעאַקציע, האָבען זיי געפונען צייט אָהן אַ שיעור צו הערען פון דער רעוואָלוציע, וועגען איהר צו לייענען, זי דורכלעבען אין געדאַנק און פאַנטאַזיע. די צייטונגען, די זשורנאַלען, פערזאַמלונגען און טעאַטער — „מאָוויס" אַריינגערעכענט — זיינען פול געווען מיט רוסלאַנד. און אויך ניט ווייניג געלד איז געשאַפען געוואָרען פאַר רוסלאַנד.

אינערליך — האָט די היגע אידישע אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט, אין אָנהויב יאָהר, דורכגעמאַכט ניט קיין קליינעם שטורעם ארום דער עקזיסטענץ פון דער נאַ־

די אָבטיילונג „רוסישע סאָציאַליסטען אין פאָדערגרונד" געפינט זיך אויף זייט 63.

ציאנאלער ארבייטער קאמיטע און דער פראגע וועגען איהר רעארגאניזאציע אויף שטענדיגע, פערמאנענטע יסודות. ס׳האט זיך געהאנדעלט אום אויסנוצען די ערפאהרונג וואס די ארגאניזירטע ארבייטער האבען געהאט אין פערלויף פון דריי יאהר קריעג — אין דער געמיינשאפטליכער ארבייט דורך דער נאצ. ארב. קאמיטע פאר אידישע רעכט. דאס שטענדיגע און נאהנטע צוזאמענארבייטען פון אלע אהן אויסנאהם טיילען פון דער בעוועגונג, אין משך פון די 2-3 יאהר אין דער טעטיגקייט ארום דער אידישער לאגע אין רוסלאנד; די נאטירליכע דערנעהנטערונג צווישען די פיהרער און טהוער, וואס איז געקומען אלס פועל היוצא פון דער געמיינשאפטליכער ארבייט, און דער הייסער וואונש ענדליך צו זעהן א געשלאסענע און שטענדיגע איינהייט פון דער גאנצער אידישער ארבייטער בעוועגונג, האט בעוועגען אייניגע ווייטזיכטיגע טוער אין דער היגער ארבייטערשאפט צו שטעלען די פראגע וועגען א שטענדיגער (פערמאנענטער) און סיסטעמאטישער ארבייטער־פעראייניגונג אין א פארם, עהנליך צו דער, וואס איז פערווירקליכט געווען צוליעב איין צוועק און א צופעליגען אין דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטע. אבער אין דער פערווירקליכונג פון דיזען שעהנעם און פראקטישען געדאנק האבען זיך אייניגע פון די טוער אין דער בעוועגונג געלאזט פערפיהרען פון דיזעלבע מעטאדען, וואס האבען אזוי לאנג בעהערשט די ארטיגע בעוועגונג און געהאלטען איהר צוברעקעלט. דאס איז געווען דער מעטאד פון „הארדי אפ" און „צונויפריידען זיך מיט א פאר בעקאנטע מענשען" אנשטאט צו שטעלען די אנגעלעגענהייט צו א גרינדליכער דיסקוסיע און פעראינטערעסירען די מאסען אין דער אונטערנעהמונג. די גאנצע אנגעלעגענהייט איז פריהצייטיג און אהן נויטיגער פארבערייטונג געשטעלט געווארען אויף דעם צווייטען צוזאמענפאהר פון דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטע, דעם 11-12 פעברואר, און זי האט ארויסגערופען א געוואלדיגען שטורעם. נאך העכסט היציגע דעבאטען האט דער צוזאמענפאהר מיט א גרויסער מעהרהייט (⅔) אנגענומען דעם פרינציפ פון דער שטענדיגער פעראייניגונג און בעפאלמעכטיגט א ספעציעלע קאמיטע די זאך פראקטיש פאנאנדערצוארבייטען און וועגען דעם בעריכטען צו א ספעציעלען צוזאמענפאהר. די מיטגליעדער פון צוזאמענפאהר, איבערהויפט טוער פון די ערטער, האבען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אויב ניט אינגאנצען בעגריפען די פולע וויכטיגקייט פון דער אידעע. אבער ס׳האבען זיך געשטעלט געגען דער שטענדיגער פעראייניגונג די עלעמענטען אין דער פיהרערשאפט, וואס זיינען ניט צוגעוואהנט צו סיסטעמאטישע ארבייט, צו וועמען עס אפעלירט נאך אלץ די מעטאדע פון ניט־סיסטעמאטישע, צופעליג פעררופענע אבער דערפאר אלעמאל סענסאציאנעלע און טומעלדיגע קאנפערענצען פאר ספעציעלע צוועקען. עס האבען זיך אין דעם פונקט צוזאמענגעטראפען די צוויי עלעמענטען אין דער בעוועגונג: די עלטערע, די שילער און אנהייגער פון דער „אגיטאציע"־עפאכע, פון „שיט־מעהל און גיס־וואסער" מעטאדען מיט די פארשטעהער פון די מעהר אייראפעאישע געוואהנהייטען פון ארבייטען שטילער און גלינדליכער, מיט וועניג אויסערליכען טומעל און מעהר אינוועניגסטער סיסטעם. אונגליקליכערווייזע פאר דעם ערפאלג פון דער נייער אידעע, זיינען איהרע פארשטעהער אויך געווען גראד די פארשטעהער פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, וואס האבען צייטענווייז געוואגט צו קריטיקירען אייניגע מזוזות אין דער בעוועגונג, און דער רעזולטאט איז געווען, אז טראץ דעם ערפאלג פון דעם פלאן אויף דעם צוזאמענפאהר און אין די לאקאלע ארגאניזאציעס, האבען די צענטראלע אפיסעס אנגעהויבען א ריכטיגען קרייצצוג געגען דער שטענדיגער פעראייניגונג. זיי וואלט קוים געלונגען צו דערשטיקען זי, ווען ניט די רוסישע רעוואלוציע, וועלכע האט כמעט אלע איינפלוסרייכע אנהייגער פון דער שטענדיגער פעראייניגונג ענטוועדער אוועקגענומען פון אונז אדער זיי געמאכט גרייטען זיך אבצופאהרען, ווי נאר דאס וועט זיין פיזיש מעגליך.

שפעטער אביסעל האט די אידישע ארבייטערשאפט דורכגעמאכט א צווייטע ערפאהרונג, וועלכע איז אין מאנכע פרטים געווען זעהר עהנליך צו דער אונטערבראכענער פעראייניגונגס־ארבייט, וואס די נאצ. ארב. קאמיטע האט אונטערנומען. דאס מאל איז די איניציאטיווע געקומען פון די „פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען".

פון אַ קאָנפערענץ, וואס די „פ. א. ג.“ צוזאמען מיט׳ן ארבייטער רינג און די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראציע האָבען צונויפגערופען אין נויאָרק, איז ארויסגעקומען דער נויאָרקער „ארבייטער־ראַט“ (וואָירקמען׳ס קאונסיל), לכתחילה אָרגאַניזירט אַלס די ארבייטער טייל פון דעם „פּיפּל׳ס קאונסיל“. שפּעטער האָט דער „וואָירקמען׳ס קאונסיל“ בעוויזען צו אָרגאַניזירען אייניגע קאָנפערענצען פון פאָרשטעהער פון דער אידישער און אַמעריקאנער בעוועגונג אין אַ רייהע שטעדט און די קאָנפערענצען האָבען געגרינדעט די פּראָוויזאָרישע קאָמיטע פון דעם „נאַציאָנאַלען ארבייטער ראַט פאַר די רעכט פון אַרבייט און דעמאָקראַטיע“, וועלכער האָט זיך אָבגעטיילט פון פּיפּל׳ס קאונסיל און אָנגענומען אַן אייגענעם פּראָגראַם. די פּראָוויזאָרישע קאָמיטע האָט ביז סוף יאָהר דערוויזען צו האָבען אָרגאַניזירט ביז 15 אַרבייטער ראַטען אין אַזעלכע שטעדט, ווי אינדיאַנאַפּאָליס, מיננעאַפּאָליס, שיקאַגאָ, דעטרויט, באָסטאָן, פילאַדעלפיא, ראָטשעסטער און ד. גל. אָבער לײדער איז אין נויאָרק די ארבייט אַזוי גוט, ווי אָבגעשטארבען צוליעב אַ סיבה, וואס האָט איהרע וואָרצלען אין דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער אַרבייטער בעוועגונג אין לאַנד.

דאָס איז געווען די אָבפּרישונג פון דעם אַלטען סכסוך צווישען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און דער א. פ. אָף ל., צוליעב די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס, די מענער שניידער אָרגאַניזאציע, וואָס האָט זיך אַמאָל אָבגעריסען פון דעם אַלטען שניידער פערבאַנד — די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס. די „אַמאַלגאַמייטעד“, וועלכע האָבען אין פערלויף פון יאָהר דערוויזען נאָך מעהר צו פערשטאַרקען און פערגרעסערען זייער פערבאַנד, האָבען לעצטענס ארויסגערופען דעם גרימצאָרן פון די פאַקטיש אָבגעשטאָרבענע „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס“, דערמיט וואָס זיי האָבען ביי זיי אוועקגענומען די לאָקאַלע יוניאַנס פון די העמדעל־נעהער, און אגב אורחא אונטערנומען אַ טיכטיגען און ערפאָלגרייכען אָרגאַניזאציאָנס־קעמפּיין אין די רייהען פון דעם פאַך. די נייע ערָאבערונג פון די מענער שניידער האָט אָבגעפרישט דעם אַלטען קאַמף און מר. גאָמפּערס, מיט דער א. פ. אָף ל. מאַשין, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיינע אַלטע פריינד פון די „יונייטעד“. די „פ. א. ג.“ האָט געקראָגען אַ בעפעהל אַריינצונעהמען די „לאָקאַלס“ פון די „יונייטעד“ און אויסשליסען די בונטאָווּשטשיקעס — די „אַמאַלגאַמייטעד“, אויב זי וויל פערבלייבען אין גוטען חסד מיט דער א. פ. אָף ל. אָבער, כדי צו מאַכען דעם „אָרדער“ מעהר איבערצייגענד און ווירקזאַם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט צוויי יאָהר צוריק, האָבען די אַדיוטאַנטען פון מר. גאָמפּערס אויפגעהויבען דעם געשריי, אַז די „פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען“ איז „ניט־לאָיאַל“, פעררעטעריש, זיי שטיצען די פּיפּל׳ס קאונסיל, וואָירקמען׳ס קאונסיל און וועמען נאָר ניט. דער געשריי האָט געווירקט, אַ גאַנצע רייהע איינפלוסרייכע יוניאָנטוער האָבען זיך דערשראָקען און, אין גרויס איילעניש אָבגעטרייסעלט זיך פון דער געפעהרליכער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַזוי פיעל פערשפּראָכען אין פּרט פון ראַדיקאַליזירען די ברייטערע שיכטען פון דער א. פ. אָף ל. מיטגליעדערשאַפט.

די אידישע אַרבייטער בעוועגונג פאַר דעם יאָהר 1917 האָט אויך געהאַט אַ נייעם פאַל פון „סעסעשאָן“. די א. פ. אָף ל. מאַשין, וועלכע איז אַזוי ערפאָלגרייך אין ארויסרופען דעם כעס פון איהרע מיטגליעדער צו איהרע פיהרער, האָט דאָס מאָל זיך אָנגעזעצט אויף דעם אַלטען און פאָרטגעשריטענעם פערבאַנד פון די קאַפּען־מאַכער. צוליעב ריין דינאַסטישע חשבונות, — עפּעס אַ יוניאָן־קעניגעל איז געבליעבען אָהן אַ טראָהן, — האָט די עקזעקוטיווע פון דער א. פ. אָף ל. פעראָרדערט, אַז די פרויען־היטעל מאַכער, וועמען די קאַפּען־מאַכער האָבען נאָך פיעל מיה און מיט גרויסע קאָסטען אָרגאַניזירט, זאָלען זיך אָבטיילען פון דעם פערבאַנד און אַריין אין דער „העטערס אינטערנײשאָנאַל יוניאָן.“ די לעצטע האָט זיך אייגענטליך ניט געקימערט וועגען דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט, נאָר מען האָט איהר בעוואויגען דאָס צו פאָדערען. און דערביי האָט אַ געוויסע טייל פון דעם פאַך, ספּעציעל די פרויען, געזאָלט אָפּגעטיילט ווערען פון דער אָרגאַניזאַציע אין אַ ספּעציעלען „פעדעראַל לאָקאַל“, וואו יענער קיסר׳ל אָהן אַ קנעלונג זאָל קאָנען ווערען פּרעזידענט. אָבער די פרויען־היטעל מאַכער און די קאַפּען־מאַכער, וועלכע האָבען אין דער געמיינשאַפטליכער אַרבייט און קאַמף

געלערנט צו שאַצען זייער געמיינשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, האָבען זיך ענטזאַגט נאָכ־
צוקומען די ני־גערעכטע, און אין בעסטען פאַל — נוצ/אָזע צוטיילונג. פאַרקעהרט,
זיי האָבען פאָרגעשלאָגען צו פעראייניגען אַלע אָרגאַניזאַציעס — די קאַפּען־מאַכער, די
פרויען־היטעל מאַכער און די „העטערס" — אין איין גרויסען פערבאַנד. אָבער דער
ווירקליך גוטער פלאַן האָט, פערשטעהט זיך, ניט געפונען קיין חן אין די אויגען פון
דער א. פ. אָף ל., וואס האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף דער צוברעקלונג פון אינדוס־
טריעס, און גלויבט זעהר וועניג אין גרויסע אינדוסטריעלע פערבאַנדען. צוויי קאָנ־
ווענשאָנס פון דער קאַפּען־מאַכער יוניאָן האָבען פערהאַנדעלט דעם פּונקט וועגען נאָכ־
קומען די פאָדערונג פון דער א. פ. אָף ל., אוןביידע מאָל איז עס בעשלאָסען געוואָ־
רען ניט צו אונטערוואַרפען זיך. אזוי אז די קאַפּען־מאַכער וועלען קירצליך, מן הסתם,
ערקלעהרט ווערען „אויסער געזעץ" און וועלען צוזאַמען מיט דער „אמאַלגאַמייטעד"
פערגרעסערען די צאָהל גוט־אָרגאַניזירטע און באמת פאָרטגעשריטענע אַרבייטער, וועו־
מען די אָבגעלעבטע אָרגאַניזאַציאָנס־מעטאָדען און „פּאָליטישע" אינטערעסען האָבען
איבער געוואלד אָבגעריסען פון דער גרויסער געזאַמטער משפחה פון דער אַמעריקאַנער
אַרבייטערשאַפט.

צו דער סעריע גרויסע אינערליכע סכסוכים, וואס די אידישע אַרבייטער בעווע־
גונג האָט דעם יאָהר דורכגעמאכט, דאַרף צוגערעכענט ווערען די אָבטיילונג פון דעם
לאָקאַל 1 — די אָפּערייטאָרס — פון דער קלאוקמאַכער יוניאָן. דאָס איז געווען א
פערביסענער ברודער־קאַמפּף מיט אַלע עקסטרעמע מאָמענטען פון אזא קאַמפּף. ער
האָט קיין גוטעס דער בעוועגונג ניט געטאָן, און קיין איין צד קאָן זיך ניט בעריה־
מען מיט בעזונדער טאַקטפולער און גרויסמוטיגער האַנדלונג גענען דעם צווייטען.
דער אָפּאָזיציאָנס־לאָקאַל איז ענדליך געגאַנגען געבראָכען נאָכדעם, ווי די איינינע
ריכטיגע מאָמענטען, פאַר וועלכע איינינע אָפּאָזיציאָנערען זיינען געשטאַנען, זיינען
אינגאַנצען פערזונקען געוואָרען אין א ים פון טעות'ן און פעהלערען, דער גרעסטער
טעות — זייער אָבשפּאַלטען זיך פון דער אינטערנייטשאָנאַל יוניאָן.

בכלל האָט די אַרבייטער בעוועגונג צו פערצייכענען א רייהע וויכטיגע געווינסען
פאַר דעם יאָהר. די אַרבייטס־בעדינגונגען, הויפּטזעכליך די שכירות זיינען בעדיי־
טענד געשטיגען אין די מעהרסטע פאַכען: ביי די פּאָריערס, די פרויען־בלוזען־מאַכער,
מענער־און פרויען־קליידער מאַכער און א. וו.

אַלע יוניאָנס האָבען גענומען אן אַקטיווען אַנטייל אין די גרעסערע און קלענערע
בעוועגונגען, וואָס זיינען געקומען צום פּראָנט אין פערלויף פון יאָהר, און בעזונדער
שטאַרק האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען אין דעם סאָציאַליסטישען קעמפּיין, וואו די
אַרבייט האָט געבראכט גלענצענדע רעזולטאַטען. אַנדערשוואו איז שוין אָנגעווי־
זען געוואָרען דערויף, אז די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך וואַרעם און גרויס־
מוטיג אָבגערופען אויף די אויפרופען פון די רעליעף־קאָמיטעס פאַר די אידישע מלחמה־
קרבנות און געשטיצט די בעוועגונג מיט א גרינגען געמיט און אָפענער האַנד. אויך,
אין א גרויסער מאָס — א דאַנק דער אַקטיווער הילף און פרייגיביגקייט פון די אידישע
אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס האָבען איינינע אַלגעמיין־אַמעריקאַנער אַרבייטער אינסטיטו־
ציעס דערוויזען צו ענטוויקלען ברייט און ערפאָלגרייך זייער אַרבייט. די „קאָלל", די
ענגלישע טעגליכע צייטונג, האָט פאַרפּול געמאַכט איהר 50 טויזענד דאָלאַר פאָנד און
אָנגעיאָגט אין צירקולאַציע, אזוי אז היינט איז די צייטונג געזיכערט, און די „רענד־
סקוהל", די איינציגע אַרבייטער און פּאַרטיי־שוהלע אין נויארק, האָט דערוויזען, מיט
דער שטאַרקער הילף פון דער אידישער בעוועגונג, צו קויפען א פּראַכטפולע היים און
צו ענטוויקלען איהר טעטיגקייט אויף א רייהע נייע געביטען.

דער אַרבייטער רינג האָט דעם יאָהר דורכגעמאכט גלענצענד. זיין מיטגליעדער־
צאָהל איז געוואַקסען און די פינאַנציעלע לאַגע איז געוואָרען נאָך זיכערער ווי אַלע
מאָל. אויך האָט ער זיך בעפרייט פון יענע ענדלאָזע און טעם'לאָזע אינערליכע פראַק־
ציאָנעלע צאַנקערייען, וואָס האָבען די לעצטע יאָהרען איבערדריסיג געמאַכט דעם
אַרבייטער רינג אין די אויגען פון א סך גוטע פריינד זיינע. די אָרגאַניזאַציאָנס און
קולטורעלע טעטיגקייטען פון אַרבייטער רינג זיינען געווען ערפאָלגרייך און פּונקט

אזוי — זיין ארבייט פאר די אידישע מלחמה ליידענדע. אין אלע וויכטיגע בעוועגונגען, ווי די נאצ. ארב. קאמיטע, דער ארבייטער ראט, די אגיטאציע פאר פריעדען און אנדערע, איז דער ארבייטער רינג געשטאנען אין רייה מיט דער גאנצער בעוועגונג, געטאן זיין פליכט און אפט מעהר, איידער אנדערע. דער ארבייטער רינג האט זיך צוריקגעצויגען, צוזאמען מיט אלע אנדערע ארבייטער קערפערשאפטען, פון דער קאנגרעס־בעוועגונג, נאכדעם ווי די רוסישע רעוואלוציע האט אוועקגענומען יעדען פראקטישען ווערט און פרינציפיעלען אינהאלט פון דער קאנגרעס־בעוועגונג.

די אידישע סאציאליסטישע פעדעראציע האט דעם יאהר דערוויזען צו פערגרעסערען איהר מיטגליעדער צאהל, ווי דאס איז צו זעהן פון די טאבעלען, וואס דרוקען זיך אנדערשוואו אין דעם „יאהר־בוך". אויך האט זי ארויסגעבראכט איינינגע אויסגאבען, ווי איינהארן'ס בוך לידער, דאס זאמעלבוך „דאס רעוואלוציאנערע רוסלאנד", דער פראפיט פון וועלכען געהט פאר דעם „בונד" אין רוסלאנד, און א סך אנדערע אגיטאציאנס־ליטעראטור. די פארשטעהער פון דער פעדעראציע האבען ארגאניזירט א גרויסען קא־אפעראטיווען פערלאג, „די מארקס ליטעראטור געזעלשאפט", וואס גרייט צו פאר דעם יאהר (מאי 1918) אן אויסגאבע פון מארקס' אויסערוועהלטע ווערק און זיין ביאגראפיע, צוזאמען אין 4 גרויסע בענדער. די אונטערנעהמונג פערשפרעכט צו זיין א גרויסער ערפאלג, אפילו פינאנציעל, און וועט זיכער זיין דער גרעסטער סאציאליסטיש־ליטעראַרישער אויפטו אין יאהרען. גלייכצייטיג האט די פעדעראציע געהאט אויסצושטעהן דעם פערלוסט פון זעהר פיעלע פון איהרע אקטיווע טוער אויף די ערטער, וואס זיינען ענטוועדער אבגעפאהרען קיין רוסלאנד אדער אוועק אין מיליטער־דיענסט, און אויך א רייהע פון איהרע אנגעזעהענע צענטראלע טוער, ווי א. ליטוואק, מאקס גאלדפארב, שכנא עפשטיין, מ. טערמאן און אנדערע. גענ. מ. טערמאן איז פאר דער צייט געשטארבען אין רוסלאנד. די אנדערע שטעהען אין דיענסט פון דער רעוואלוציע און פון „בונד".

פון די פאסירונגען אין דעם אידישען ארבייטער לעבען אויף ביידע זייטען ים דארף פארנאטירט ווערען דער צוואנציג־יאהריגער יובל פון „בונד", וואס איז אין רוסלאנד געפייערט געווארען פון דער גאנצער בעוועגונג, און ביי אונז — פון דער אידישער ארבייטערשאפט מיט גרוים פרייד און ליעבע.

IV דאס ערשטע קריעגס־יאהר — מאנאט פאר מאנאט.

אין י א נ ו א ר — דער פרעזידענט רעדט וועגען „פריעדען אהן זיעג" און איז גרייט צו האנדלען אלס פערמיטלער צווישען די קריעג־פיהרענדע צדדים. אבער ניט די „עלליים" זיינען זעהר גערן צו ריידען שלום, און ניט די צענטראל־מאכטען האבען שוין געזעטיגט זייערע מיליטערישע אפעטיטען. צום שלום פון מאנאט ערקלעהרט דייטשלאנד דעם אונבעשרענקטען סובמארין־קאמפף, און די פעראייניגטע שטאאטען רייסט איבער די דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט דייטשלאנד (פארמעל — דעם 3טען פעברואר). דער פרעזידענט „וועטאאירט" דעם אימיגראציאנס־ביל.

אין פ ע ב ר ו א ר. — פרעזידענט גאמפערס פון דער א. פ. אף ל. אפעלירט דורך לעגיען'ען, פרעזידענט פון די סאציאלדעמאקראטישע געווערקשאפטען אין דייטשלאנד, צו די דייטשע ארבייטער, זיי זאלען העלפען פערמיידען קריעג צווישען די צוויי לענדער. פרעזידענט ווילסאן פאדערט און קריעגט פון קאנגרעס פולמאכט צו בעוואפענען אמעריקאנער שיפען און געברויכען געוואלט געגען דייטשלאנד, צו פערטיידיגען אמעריקאנער רעכט. סאציאליסטען האלטען אפ גרויסע פראטעסט־מיטינגען געגען קריעג. אין וואשינגטאן הויבט זיך אן ענערגישע פארבערייטונג צום קריעג. דער קאנגרעס נעמט אן דעם אימיגראציאנס־ביל מיט דעם בילדונגס־עקזאמען, ענדגילטיג, אריבער דעם פרעזידענט'ס וועטא.

מ ע ר ץ — איז דער מאנאט פון דער רוסישער רעוואלוציע, און פאר א צייט ווערען אלע היגע אינטערעסען פערזונקען אין פיבערהאפטען נאכפאלגען אלץ, וואס עס קומט פאר אין דער נייער רעפובליק. די פעראייניגטע שטאאטען איז געשווינט צו אנערקענען די רוסישע רעוואלוציאנערע רעפובליק. גאמפערס און אנדערע אמעריקאנער ארבייטער־פיהרער פערזיכערען

די אַמעריקאַנער רעגיערונג, אַז די אַרבייטער וועלען שטיצען די רעגיערונג אין קריעג געגען די צענטראַל מאַכטען. דער פּרעזידענט רופט אַ ספּעציעלע זיצונג פון קאָנגרעס אויף דעם 2טען אַפּריל.

אין אַ פּ ר י ל ערקלעהרט דער קאָנגרעס קריעג מיט דייטשלאַנד. איינשטימיג ווערט אָנגענומען אַ געזעץ וועגען זיבען ביליאָן דאָלאַר הלואה אויף קריעג־פיהרונג. דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר נעהמט אַ שאַרפע שטעלונג געגען קריעג.

אין מ אַ י גערהט דורך דער געזעץ וועגען געצוואונגענע מיליטער־דיענסט (פון 21 ביז 31 יאָהר). אַ גרויסע פאָלקס־בעוועגונג פאַר פריעדען געפינט אויסדרוק אין דער גרינדונג פון דעם „פּיפּעל'ס קאונסיל“, וועלכע עס שטיצען אַ סך יוניאָניסטען און די מעהרסטע סאָציאַליסטען.

י ו נ י איז פאַרנומען מיט ענערגישע קריעגס־פאָרבערייטונגען. די ערשטע קריעגס־הלואה (2 ביליאָן דאָלאַר) קריעגט 4 מיליאָן סובסקרייבער אויף דער סומע פון 3 ביליאָן דאָלאַר. די סאָציאַליסטען אַגיטירען געגען קריעג. די א. פ. אָף ל. אַרבייט ענערגיש געגען די סאָציאַליסטען. ס'הייבט זיך אָן דער ערשטער „דרעפט“. 10 מיליאָן יונגע לייט ווערען געשטעלט צו מיליטער פליכט, פון זיי וועלען ביינאה ⅔ מיליאָן דאַרפען געהן דיענען.

אין י ו ל י וואַקסט זיך פאַרנאַנדער די אַגיטאַציע געגען דעם מיליטער־דיענסט געזעץ; ס'ווערט געפאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל איהם צוריקרופען; פאַר דעם סופּרים קאָורט קומען אַפּעלאַציעס געגען דער קאָנסטיטוציאָנעלער גילטיגקייט פון געזעץ. דער רוימישער פּאַפּסט שלאָגט פאָר די קריעג־פיהרענדע מלוכות זיי זאָלען זיך צונויפקומען אויף אַ פריעדענס־בעראַטונג.

אין א ו י ג ו ס ט. — פּרעזידענט ווילסאָן וויזט צוריק דעם פּאַפּסט'ס פריעדענס־פאָרשלאַגען, גלויבט, אַז מען דאַרף זיך שלאָגען ביז צו אַ זיעג. די רעגיערונג בעשטימט אַ מאַקסימום־פּרייז אויף קוילען און ווייץ. די גרינדונג פון דעם „וואָירקמענ'ס קאונסיל“ רופט אַרויס די גרינדונג פון דער „אמעריקאַן אַלייענס“, דורך וועלכער מר. גאָמפּערס פיהרט אָן אַ שטרענגע פּראָ־קריעג אַגיטאַציע, און דער עיקר — געגען סאָציאַליסטען.

אין ס ע פּ ט ע מ ב ע ר — וואַקסט די שלום בעוועגונג. די אַמעריקאַנער רעגיערונג, צוזאַמען מיט די איבעריגע „עלליים“. פאַרוועהרט סאָציאַליסטען צו פאָהרען צו דעם סטאָקהאָלמער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. די אַגיטאַציע געגען די מלחמה־פּראָפיט־מאַכער געפינט אויסדרוק אין סענאַטאָר לאַ־פאָלעט'ס געזעץ־פּראָיעקטען וועגען שטאַרק בעשטייערען גרויסע פערמעגענס און פּראָפיטען. אָבער די געזעץ־פּראָיעקטען פאַלען דורך. די פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד וואַקסט. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציעס גרייפען אָן די עלעמענטאַרע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטען פון פרייען וואָרט און פּרעסע. דריי גאָווערנאָרס פערבאָטען דעם צוזאַמענפאָהר פון דעם „פּיפּעל'ס“ און „וואָירקמענ'ס קאונסיל“. עס ווערען אָנגענומען געזעצען אין קאָנגרעס וואָס בעשרענקען די פּרעס־פרייהייט, פערפאָלגונגען פון אַרבייטער־פיהרער, אונטער דעם אויסרייד פון איי־דאָבעל־יו־דאָבעל־יו געפאַהר.

אין אָ ק ט אָ ב ע ר. — שטורמישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע איבער'ן גאַנצען לאַנד, איבערהויפּט דאָרטען וואו ס'דאַרפען פאָרקומען וואַהלען. עס ווערט ביטער אַטאַקירט די פערפאָלגונגען פון סטרייקער און ראַדיקאַלע אַרבייטער פיהרער, די גאַנצע אינערליכע פּאָליטיק פון דער רעגיערונג. אַגיטאַציע פאַר'ן פריעדען.

נ אָ ו ו ע מ ב ע ר — ברייגנט די סאָציאַליסטען גרויסע וואַהל־נצחונות. בעזונדער ערפאָלגרייך איז ניו יאָרק. אויך שיקאַגאָ. די פרויען געווינען שטים־רעכט. די א. פ. אָף ל. האַלט אָב אַ קריעגס־קאָנווענשאָן, וואו גאָמפּערס'עס פּאָליטיק ווערט כמעט איינשטימיג אַנערקענט. פּרעזידענט ווילסאָן ערשיינט פאַר דער קאָנווענשאָן און אַפּעלירט צו די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער, זיי זאָלען ענערגישער שטיצען די רעגיערונג.

אין ד ע צ ע מ ב ע ר — שטייגט דער יקרות אונגעהויער, מאַנגעל אין צוקער און קוילען פערשאַפט דער בעפעלקערונג גרויסע לייד‎ען. די רעגיערונג נעמט איבער די אייזענבאַהנען.

רוסישע סאָציאַליסטען אין פאָרערגרונד

געאָרג וואַלענטינאָוויטש פּלעכאַנאָוו —

דער פאָטער פון דער בוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איהר גרינדליכסטער טעאָרעטיקער און בעדייטענדסטער טאַקטיקער. האָט אין 1889 פאָרויסגעזאָגט, אַז „די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיעגען אַלס פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, אָדער זי וועט גאָר ניט זיעגען“. ער האָט דערלעבט צו זעהן דעם זיעג פון דער רעוואָלוציע אַלס פּראָלעטאַרישע, שוין צו־פיעל פּראָלעטאַרישע, אַזוי, אַז דאָס ערגערט איהם. ער איז אַן ענטשיעדענער געגנער פון דעם איצטיגען „באָלשעוויסטישען“ רעזשים.

ניקאָלאַי לענין —

דער איצטיגע אַליין־הערשער, „מיט דער גנאָד פון זיין מאַיעסטעט דעם פּראָלעטאַריאַט“, פון גרויסרוסלאַנד. לענין איז אַ גלענצענדער שריפטשטעלער און העכסט־פעהיגער רעדנער, פּערפאַסער פון אַ רייהע מאַרקסיסטישע אַרבייטען, אין וועלכע ער בעווייזט אַן אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייט צו בענוצען זיך מיט דעם מאַרקסיסטישען פאָרשונגס־מעטאָד און אַ זעלטענע קאָמפּעטענץ אין דעם געגענשטאַנד וועלכען ער בעהאַנדעלט. אין זיין טאַקטיק ליקענט ער שטענדיג אָב דעם מאַרקסיסטישען מעטאָד, גלויבט אין שטרענג־קאָנצענטרירטע, ריין־בלאַנקיסטישע מעטאָדען פון רעוואָלוציע דורך קאָנספּיראַציע. אויף דעם צווייטען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט 15 יאָהר צוריק, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע טיילונג אין דער פּאַרטיי אויף באָלשעוויקעס (מעהרהייטס־דעלעגאַטען) און מענשעוויקעס (מינדערהייטס־דעלעגאַטען) האָט לענין, דער היינטיגער אָנהייגער פון „אַרבייטער און פּויערים דיקטאַטור“, ערקלעהרט גאַנץ קאַטעגאָריש, אַז ניט די אַרבייטער און די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען די טרעגער פון סאָציאַליזם, די אַרבייטער יוניאָנס — אין עצם אַ רעאַקציאָנערער וועזען. נאָר די אינטעליגענץ, ווען זי דרינגט זיך דורך מיט דעם בעוואוסטזיין פון קלאַסען־קאַמפּף, קאָן מעגליך מאַכען דעם זיעג פון סאָציאַליזם און פּראָלעטאַריאַט. נאַטירליך, קיינער איז קיין נביא ניט אין זיין פאַטערלאַנד.

וויקטאָר טשערנאָוו —

דער פיהרער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, איהר טעאָרעטיקער און וואָרט־פיהרער. בעגרינדער פון איהר אַגראַר־פּראָגראַם. וויקטאָר טשערנאָוו איז געווען פאָרזיצענדער פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע קורצע יאָהרען אונטער לענין׳ס דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. טשערנאָוו בעקעמפּפט לענין׳ס רעגיערונג אויך דערפאַר, וואָס זי פיהרט איצטער דורך, אין הויפּט־שטריכען. דעם אַגראַר פּראָגראַם, וואָס טשערנאָוו האָט אַמאָל טעאָרעטיש אויסגעאַרבייט און לענין פלעגט אַלע מאָל בעקעמפּפען. אַזאַ צייט...

לעאָן טראָצקי —

דער פיהרער פון דעם רוסלענדער „אַרבייטער־ראַט“ און מיניסטער פון אויסערן אין דער באָלשעוויסטישער רעגיערונג. אַ געגנער פון דיפּלאָמאַטיע, האָט ער זיך אַרויסגעוויזען אַלס אויסגעצייכענטער דיפּלאָמאַט אין זיינע פערהאַנדלונגען מיט די פּראָפעסיאָנעלע דיפּלאָמאַטען פון דייטשלאַנד און עסטרייך. טראָצקי איז אַ זעלטענער מאַכטפולער רעדנער און גלענצענדער פּאָליטישער פּאַמפלעטיסט. היינט־צו־טאָג דער פּאָפּולערסטער פון אַלע שטאַאַטסמענער; מיט דריי חדשים צוריק — פון די וועניגער־בעקאַנטע אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע נעמען. טראָצקי איז ניט קיין באָלשעוויק. ער האָט צו דער פראַקציע און דער ס. ד. פּאַרטיי קיינמאָל ניט בעלאַנגט. ער האָט אַלע זיינע יאָהרען געזוכט צו פעראייניגען די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. געלונגען איז עס איהם קיינמאָל ניט, ער האָט נאָר בעשאַפען זיין אייגענע פראַקציע מיט זעהר וועניגע אנהענגער.

צערעטעללי —

דער פיהרער פון די רוסישע מעשעוויקעס" — די סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע צום דעם באָלשעוויסטישען רעזשים. געווען וואָרט־פיהרער פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען אין דער צווייטער דומא (אין 1907). דער בעליעבטעסטער און געאַכטעסטער מאַן אין דעם פּראָלעטאַריש־בעוואוסטזיניגען רוסלאַנד. געווען פאָרזיצענדער פון דעם אַל־רוסלענדער „סאָלדאַטען און אַרבייטער פאָרשטעהער־ראַט".

טשכעידזע —

סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט און פיהרער אין דער לעצטער דומאַ, פאָרזיצענדער פון פעטראָגראַדער „סאָלדאַטען און אַרבייטער פאָרשטעהער־ראַט" ביז טראָצקי האָט אי־בערגענומען אויף זיין זייט דעם „ראַט".

מאַקסים גאָרקי —

דער קינסטלער און שריפטשטעלער, וואָס האָט זיין קאָפּ און האַרץ אין דער רעוואָלוציע. געווען אָלעמאָל אַ „באָלשעוויק": איהם האָט צוגעצויגען די ראָמאַנטישע שעהנהייט פון דער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור", „ציטטווייליגע אַרבייטער רעגיערונג" און אַנ־דערע פליגעלדיגע ווערטער פון טעאָרעטישען באָלשעוויזם. איצטער אַ געגנער, צו־זאַמען מיט כמעט אַלע אַנדערע בעדייטענדע באָלשעוויקעס (אויסער לענין און טראָצקי) פון דעם באָלשעוויזם אין דער פּראַקטיק. גאָרקי רעדאַגירט די גרעסטע טעגליכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ציַטונג „נאָוואַיאַ זשיזן", וועלכע איז באָלשעוויסטיש עד היום און בעקעמפפט דעם באָלשעוויזם...

„באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ —

די עלטסטע און איינפ/ושרייכסטע פרוי־רעוואָלוציאָנערין אין רוסלאַנד. בעלאַנגט צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָט פערבראַכט כמעט איהר גאַנצען לעבען לאַנג אין טורמע אָדער אויסוויזונג. איצטער — זעהר אַקטיוו אין דער קאָלאָסאַלער אַרבייט, וואָס ווערט דורכגעפיהרט אין רוסלאַנד, צו אַריינבריינגען וואָס מעהר בילדונג און וויסען אין די מאַסען פון פאָלק.

ל. מאַרטאָוו —

אָנפיהרער און טעאָרעטישער בעגרינדער פון דעם רוסישען מענשעוויזם. ער פער־נעמט די מיטען־אָפּאָזיציע צווישען די עקסטרעמע באָלשעוויקעס און עקסטרעמע מענשע־וויקעס. ער געהערט צו די „אינטערנאַציאָנאַליסטען". מאַרטאָוו איז אַ פּובליציסט גרויס בעדייטונג, מיט אַ גרויסער נאָכפאָלגערשאַפט.

מ. אַבראַמאָוויטש —

בונדיסט־אינטערנאַציאָנאַליסט. פון דער זעלבער ריכטונג ווי מאַרטאָוו. אַבראַמאָוויטש איז דער פעהיגסטער פּאָליטישער פיהרער פון „בונד", האָט אַ זעלטענעם אַנאַליטישען קאָפּ און גרויסע איבערצייגונגס־פעהיגקייט. ער האָט ניט געטיילט די שטעלונג פון די מעהרסטע בונדיסטען צו דער קערענסקי רעגיערונג אין איהר מיליטערישער און אויסלענדישער פּאָליטיק.

באָריס ריינשטיין —

אַלטער רוסישער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז מיט אַ סך יאָהרען צוריק אַנטלאָפען פון רוסלאַנד און נאָך פיעלע וואַנדערונגען בעזעצט זיך און נאַטוראַליזירט אין אַמעריקאַ. דאָ איז ער געווען פון די פיהרער אין די היגע ס. ל. פּ., דעלעגאַט פון דער פּאַרטיי צו די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען. לעצטען זומער איז ער פאַקטיש געלאָפען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען (די רעגיערונג האָט איהם ענטזאָגט צו געבען אַ פּאַספּאָרט צו פאָהרען קיין סטאָקהאָלם אַלס דעלעגאַט צו דעם געפּלאַנטען סאָציאַליסטישען אינטער־נאַציאָנאַלען קאָנגרעס). זינט דאַן אין רוסלאַנד און אַקטיוו אין רעוואָלוציע. אַנ־פיהרער פון דעם ביוראָ צו פּרעדיגען און ענטוויקלען אַן אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־רעוואָלוציע. האָט געהאַט ערפאָלג אין פערשנעלערען דעם ערוואַכונגס־פּראָצעס, וואָס איז שוין לענגער אָנגעגאַנגען, אָבער האָט נאָך אַלץ ניט געקראָגען קיין אויסדרוק אין עסטרייך און דייטשלאַנד.

הערמאַן שליטער:

קאַרל מאַרקס (1818-1918)

— צו זיין הונדערטיאָהריגען געבורטסטאָג. —

1. קאַרל מאַרקס'עס לעבענסצוג.

דעם 5טען מאַי 1918 ווערט הונדערט יאָהר זינט ס'איז געבאָרען געוואָרען קאַרל מאַרקס, דער מאַן, וועלכער איז געווען, לויט דעם אויסדרוק פון זיין חבר און מיט־קעמפּפער פריעדריך ענגעלס, „דער גרעסטער דענקער פון זיין יאָהרהונדערט". און ניט נאָר אַ דענקער איז מאַרקס געווען: ער איז דער פּראַקטישער רעוואָלוציאָנער, צו וועמען דער קעמפּפענדער ארבייטער קלאַס איז שולדיג מעהר דאַנק איידער צו אירגענד וועלכען אַנדער מאַן.

קאַרל מאַרקס איז געבאָרען געוואָרען אין אַן אידישער פאַמיליע, אין ט ר י ע ר, וואָס אין דער רהיין־פּראָווינץ, דייטשלאַנד. זיין פאָטער, אַן אַדוואָקאַט, האָט זיך געמוזט טויפען נאָך אין די אינגערע יאָהרען כדי צו קאָנען פּראַקטיצירען אדוואָקאַטור, ווייל דייטשע געזעצען פון יענער צייט זיינען געווען ווייט ניט פריינדליך צו אידען.

אין דער הויז פון מאַרקס' עלטערען האָט געהערשט דער גייסט פון מאָדערנער און וועלטליכער בילדונג: דער פראַנצויזישער פילאָזאָף ר ו ס אָ און דער ענגלישער דראַמאַטורג שעקספּיר זיינען געווען די ליעבלינג־שרייבער פון דער פאַמיליע, און דאָס האָט אָהן צווייפעל ענטשפּרעכענד געווירקט אויף דעם בעגאַבטען אינגעל.

מערקווירדיג איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דעם היים־לעבען פון דער פאַמיליע מאַרקס. מערקווירדיג אָבער פערשטענדליך. די רהיין־פּראָווינץ, וואו קאַרל מאַרקס איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך אין אָנפאַנג פון לעצטען יאָהרהונדערט געפונען אונטער אַ שטאַרקען פראַנצויזישען איינפלוס, וואָס איז נאָך פערבליעבען פון נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען. מאַרקס' מוטער איז געבוירען געווען אין האָלאַנד און געשטאַמט פון אונגאַריש־אידישער פאַמיליע.

די נאָהענטסטע פריינדשאַפטס־בעציהונגען האָט די פאַמיליע מאַרקס אָנגעהאַלטען מיט דער פאַמיליע פאָן־וועסטפאַלען, די עלטערען פון דעם שפּעטערדיגען מיניסטער פון פּרייסען — עדגאַר וועסטפאַלען. עדגאַר'ס מוטר איז געווען פון סקאָטישער אָבשטאַמונג, און דאָס, מחמת דער אינטימער פריינדשאַפט מיט דער פאָן־וועסטפאַלען משפּחה, האָט, אַזוי צו זאָגען, אינטערנאַציאָנאַליזירט די געדאַנקען־וועלט פון דעם יונגען מאַרקס, געצויגען זיין אינטערעס אריבער די גרענעצען פון זיין היימלאַנד. קאָסמאָפּאָליטישע אָדער אינטערנאַציאָנאַליסטישע אנשויאונגען זיינען געווען דורכאויס נאַטירליך אין אַ פאַמיליען־קרייז, וואָס האָט געלאָזען וואָרצלען כמעט אין אַלע מעגליכע לענדער. אלעם צוזאַמענגענומען האָט געפיהרט אונפערמיידליך דערצו, אַז דער יונגער מאַרקס זאָל שוין אין דער פריהער יוגענד נעמען אַ טיכטיגען אינטערעס אין אנגעלעגענהייטען, בעגריפען אידעען ווייט ברייטערע, ווי די וואָס זיינען געלעגען אין די בעשרענקטע גרענעצען פון דעם דייטש־נאַציאָנאַלען לעבען.

עדגאַר פאָן וועסטפאַלען האָט צום ערשטען מאָל אריינגעבראַכט מאַרקס'ן אין דער ליטעראַטור. זיין שוועסטער, זשעני, איז געווען מאַרקס' ליעבסטע קינדהייטס־

פריינדין און, טראָץ דעם וואָס זי איז געווען מיט 4 יאָהר עלטער פון מאַרקס'ן, איז זי שפּעטער געוואָרען זיין פרוי. איהרע גרויסע פעהיגקייטען, איהר גייסטיגער אנרעגונג און זעלבסטאָפּפערונג האָט מאַרקס געהאַט זעהר פיעל צו פערדאַנקען זיין גאַנצען לע־בען לאַנג.

דער יונגער מאַרקס האָט שטודירט רעכטס־וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און היס־טאָריע אין די באָננער און בערלינער אוניווערזיטעטען. זיין אבזיכט איז געווען צו ווערען אַ פּרייסישער פּראָפעסאָר, וואָס דאָס איז איהם גליקליכערוויזע ניט בעשערט געווען. צו 24 יאָהר אַלט, אין 1842, איז קאַרל מאַרקס בערייט געווען נאָכצוקומען די פאָדערונגען פאַר אַן אוניווערזיטעטס־לעהרער, אָבער די רעאַקציאָנערע כוואַ־ליע האָט זיך גע־שטעלט מאַרקס'ען אין וועג און גע־טריעבען איהם אויף דעם געביעט, וואָס איז שפּעטער גע־וואָרען דער פונדאַ־מענט פון זיין גרויסקייט. ער איז געוואָרען זשורנאַ־ליסט.



די הויז וואו מאַרקס איז געבאָרען געוואָרען.

קאַרל מאַרקס איז געוואָרען רעדאַק־טאָר פון דער „רהיי־נישער צייטונג" אין קעלן, דער ערשטער בעדייטענדער אָר־גאַן פון דער דייי־טשער בורזשואַזיע (מיטעל־קלאַס). דאָ הויבט זיך אָן זיין קאַמפּף מיט דער פּרייסישער רעגיערונג און פּאָליציי. אין 1843 פעריאָגט די פּרייסישע פּאָליציי מאַרקסען פון לאַנד און צווינגט איהם פארנעהמען זיך קיין פּאַריז. אָבער זי איז דערמיט ניט יוצא. זי ווירקט, אַז מאַרקס זאָל אויך אַרויסגעשיקט ווערען פון פראַנקרייך, און דערין איז בעהילפיג ניט קיין קלענערער מענש, ווי דער געלעהרטער אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, וועלכער נוצט אויס זיין איינפלוס אין פראַנקרייך און איז דער פערמיטלער צווישען די צוויי לענדער אין דער העסליכער אנגעלעגענהייט.

פון פאַריז איז מאַרקס אוועק נאָך ברוסעל, בעלגיען, — דאָס איז געווען אין 1845, און נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1848 אין בערלין קעהרט זיך מאַרקס צוריק קיין דייטשלאַנד און הויבט ווידער אָן ארויסצוגעבען די „נייע רהייני־שע ציימונג״, די בעדייטענדסטע ליטעראַרישע ערשיינונג פון דעם יאָהר. אָבער די רעאקציע האָט געזיעגט איבער דער רעוואָלוציע, און דעם קומענדען יאָהר פעריאָגט ווידער אמאָל די פּאָליציי מאַרקס'ן פון דייטשלאַנד. ווידער אמאָל איז מאַרקס אוועק נאָך פאַריז, ווידער אמאָל ווערט ער אויסגעוויזען פון פראַנקרייך און ער איז אוועק נאָך לאָנדאָן, וואו ער לעבט ביז דעם 14טען מערץ 1883, דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען. —

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכען די לעבענסבעשרייבונג פון קאַרל מאַרקס. אָבער וואס איז פערבאָרגען הינטער אָט די שטריכען, דער רייכער אינהאַלט פון זיין לעבען ווערט דאָ גאַנץ ווייניג בעריהרט. וואס די לעזער פון „יאָהרבוך״ וועלען גע־פינען אויף די ווייטערדיגע זייטען, זיינען נאָר איינצעל־מאָמענטען, א שוועבעלע־ליכט, וואס בעלייכט נאָר בעזונדערע ווינקלען פון מאַרקס'ס פערזענליכקייט, אָבער בשום אופן ניט קיין געזאַמט־בילד פון דער מעכטיגער פיגור פון דיזען מאַן און פון זיין געוואַלדיגער טעטיגקייט.

אום צו געבען פיעל ווייניג א בעגריף וועגען דעם לעבען און ווירקען פון קאַרל מאַרקס וועלען מיר בעטראַכטען אין איהם דעם מאַן פון וויסענשאַפט און דעם אָרגאַני־זירענדען כח פון דעם אַרבייטער קלאַס. ווארום אַלס וויסענשאַפטסמאַן האָט ער גע־געבען דעם אַרבייטער קלאַס זיין טעאָרעטישע בעגרינדונג. און אַלס אָרגאַניזירענדער כח אין דער אַרבייטערשאַפט איז ער גרויס דערמיט, וואָס ער איז געווען דער ערש־טער צו ווייזען דעם אַרבייטער קלאַס דעם ציעל פאַר וועלכען צו קעמפפען און דעם וועג צום ציעל.

2. קאַרל מאַרקס — דער רעוואָלוציאָנער.

ווי עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, האָט מאַרקס ניט געקאָנט ווערען פּראָפעסאָר, און דאָס האָט איהם בעוואויגען אבצוגעבען זיך מיט פּאָליטישער טעטיגקייט. אין 1842 ווערט ער מיטאַרבייטער אין דער „רהיינישער ציימונג״, און קירצליך מאַכט מען איהם פאַר דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דיזער צייטשריפט, וועלכע איז דאַמאַלס גע־ווען דאָס אדיקאַלסטע בלאַט אין דייטשלאַנד. די „רהיינישע ציימונג״ איז געווען דורכ־אויס געווידמעט צו די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון די בירגער־קלאַסען. אָבער ווי עס איז אַלעמאָל דער פאַל אינ'ם אָנפאַנג פון בורזשואזע רעוואָלוציעס, פלעגען אויך אין דיזען אָרגאַן פון דער דאַמאַלסדיגער דייטשער רעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע אָפט קומען צום וואָרט די פאָרשטעהער פון דעם פאָרטגעשריטענעם פּראָלעטאַריאַט. א גאַנצע רייהע קאָמוניסטען, ווי וועיטלינג און אַנדערע, האָבען בענוצט זיך מיט דער „רהיינישער ציימונג״.

אַלס רעדאַקטאָר פון דעם בלאַט איז מאַרקס'ען צום ערשטען מאָל אויסגעקומען צו בעקענען זיך מיט עקאָנאָמישע פראַגען. אין דעם רהיינישען לאַנדטאָג זיינען גראַד דאַמאַלס אָנגעגאַנגען דעבאַטען וועגען די האָלץ־גנבות, וועגען דער צופיצלונג פון לאַנד־בעזיץ, און דאָס האָט בעוואויגען מאַרקס'ען צו פאַרנעהמען זיך מיט די ווירט־שאַפטליכע פּראָבלעמען. דער אָבער־פּרעזידענט פון דער רהיינישער פּראָווינץ האָט זיך אריינגעלאָזען אין א ליטעראַרישער פּאָלעמיק, אויף די שפּאַלטען פון דער „רהיי־

נישער צייטונג", וועגען דער לאַגע פון די פויערים ביים מאָזעל, און דאָס האָט ווידער בעוואויגען מארקס'ן צו שטודירען עקאָנאָמיע. אַז דער הערר אָבער־פּרעזידענט איז :יט אַרויס טרוקען פון דער דעבאַטע איז איבעריג צו זאָגען.

די „רהיינישע צייטונג", ווי די גאַנצע פּרייסישע פּרעסע פון יענער צייט, איז ערשיענען אונטער צענזור. אָבער טראָצדעם האָט די רעגירונג ניט געקאָנט ספּראַווען זיך מיט דער צייטונג. וואס מען האָט ניט געטאָרט זאָגען אָפען, פלעגט דער לעזער געפינען צווישען די שורות. מען האָט עקסטרא געשיקט אַ צווייטען צענזאָר פון בערלין קיין קעלן צו פערשטאָפּען דעם מויל דער צייטונג, אָבער — אומזיסט! אויך דער צווייטער צענזאָר האָט ערקלעהרט, אַז ער קאָן ניט פערטיג ווערען מיט דעם רעדאַקטאָר, און די רעגיערונג האָט ניט געזעהן קיין אַנדער אויסוועג, ווי פערמאַכען די צייטונג. און דאָס האָט זי געטהאָן, און קאַרל מאַרקס, נאָך דעם ווי ער האָט געהייראַט זשעני פאָן וועסטפאַלען, אין הערבסט 1843, האָט אימיגרירט קיין פּאַריז, וואו ער האָט צוזאמען מיט אַרנאָלד רוגע אָנגעהויבען אַרויסגעבען די „דייטש־פראַנצויזישע יאָהרביכער".

אין דיזע „יאָהרביכער" האָט מארקס צום ערשטען מאָל אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אַ ריין פּאָליטישע רעוואָלוציע איז ניט מעהר מעגליך אין דייטשלאַנד, און אַז נאָר אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, ס'הייסט אַ רעוואָלוציע פון אַרבייטער קלאַס אין זיינע אייגענע אינטערעסען, וועט „בעפרייען די דייטשען און מאַכען זיי פאַר מענשען". „דער קאָפּ פון דער בעפרייאונג", האָט מאַרקס ערקלעהרט: „איז די פילאָזאָפיע, זיין האַרץ — איז דער אַרבייטער קלאַס".

אין די „דייטש־פראַנצויזישע יאָהרביכער" האָבען מיטגעאַרבייט אויך הענריך היינע, באַקונין און געאָרג הערוועגה. אָבער אַ בעזונדער בעדייטונג האָט פאַר מאַרקס'ן געהאַט די מיטאַרבייטערשאפט פון פריעדריך ענגעלס. מאַרקס האָט נאָך פריהער קאָרעספּאָנדירט מיט ענגעלס'ן, אָבער די געמיינשאַפטליכע אַרבייט אין די „יאָהרביכער" האָט זיי נעהנטער צונויפגעבראַכט. ענגעלס איז געוואָרען מאַרקס'עס אינטימסטער פריינד און נאָהענטסטער מיטאַרבייטער און מיטקעמפּפער, אַזוי ווייט, אַז עס אונמעגליך צו בעטראַכטען בעזונדער די אַרבייט פון די צוויי מענשען. און מען דאַרף צוגעבען, אַז אָהן ענגעלס'עס טרייער פריינדשאַפט וואָלט עס מאַרקס'ן ניט געלונגען צו ענטוויקלען זיין גאַנצע גרויס.

פריעדריך ענגעלס האָט געלעבט אין ענגלאַנד און ער האָט עס געצויגען מאַרקס'עס אויפמערקזאמקייט אויף די דאָרטיגע אינדוסטריעלע צושטענדע. ס'איז אויך געוועזען ענגעלס, וואס האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די געזעלשאַפטליכע צושטענדע, אונטער וועלכע מענשען לעבען, ווערען ערקלעהרט דורך דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי מענשען בעפריעדיגען זייערע מאַטעריעלע נויטען: ווי אַזוי מענשען עסען, טרינקען, קליידען זיך און וואוינען; ווי אַזוי זיי געפינען די מיטלען צו קריגען נאַהרונג, וואוינונג און קליידונג — דאָס גיט, נאָך ענגעלס'ן נאָך, דער מענשליכער געזעלשאפט דעם כאַראַקטער, וועלכען זי האָט, לעגט אויף איהר דעם אָדער יענעם שטעמפּעל. דעם שטאַנדפונקט האָט עס מאַרקס געלייגט אינ'ם פונדאַמענט פון זיין בעריהמטער געשיכטס־אויפפאַסונג אָדער מעטאָד פון געשיכטליכער אויסטייטשונג.

אויסער די „דייטש־פראַנצויזישע יאָהרביכער" איז אין פאַריז אויך ערשיענען אַ דייטשע וואָכענבלאַט, „פאָרוועְרטס", אין וועלכער מארקס האָט מיטגעאַרבייט צו־

זאמען מיט היינריך היינע. מאַרקס'עס שאַרפע אָנגריפען אין „פאָרווערטס" אויף דער פרייסישער רעגיערונג האָבען פעראורזאכט זיין אויסווייזונג פון פראַנקרייך. ער איז אַוועק נאָך ברוסעל, בעלגיען, און מיט איהם איז מיטגעגאַנגען אויך ענגעלס, וועל־כער האָט אונטערדעסען געהאַט זיך איבערגעקליבען פון ענגלאַנד קיין פאַריז.

אין ברוסעל האָבען מאַרקס און ענגעלס אָרגאַניזירט דעם „ברוסעלער דייטשען אַרבייטער פעראיין" און איינגעשטעלט פערבינדונגען מיט די אָנפיהרער פון די רעוואָ־לוציאָנערע בעוועגונגען אין פערשיעדענע לענדער. די „ברוסעלער דייטשע צייטונג" איז געווען דער הויפט אָרגאַן, דורך וועלכען מאַרקס און ענגעלס האָבען געבראַכט צום אויסדרוק זייערע אַנזיכטען און פערשפּרייט זייערע אַנשויאונגען. אין ברוסעל האָט מאַרקס צום ערשטען מאָל אָנגעווענדעט זיינע אונטערדעסען ערוואָרבענע קענטניסען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין אַ שריפט געגען דעם פראַנצויזישען פילאָזאָף פון אַנאַרכיזם, פּרודאָן. אין דער „אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע", ווי די שריפט הייסט, האָט מאַרקס ענטוויקעלט די גרונדלאַגען פון זיין היסטאָרישער און עקאָנאָמישער וועלט־אַנשויאונג.


קאַרל מאַרקס און זיין פרוי זשעני פאָן־וועסטפאַלען.

אין פאַריז האָט מאַרקס גע־שלאָסען פּערזענליכע בעקאַנט־שאַפט מיט דייטשע אַרבייטער, וואָס האָבען אָנגעפיהרט אַ גע־היימע רעוואָלוציאָנערע געזעל־שאַפט — „דער פעריין פון גערעכטע". דיזע געזעלשאַפט, וועלכע איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען, אַלס דער „קאָמו־ניסטען־בונד", איז געווען די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער פעראייניגונג און זי איז טאַקי אויך געווען די פאָרגענגערין פון'ם היינטיגען אַרבייטער אינטערנאַ־ציאָנאַל.

מאַרקס און ענגעלס האָבען אָנגעהאַלטען אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די לאָנדאָנער מיטגליעדער פון דער „פעריין פון גערעכטע", אָבער אויך האָבען זיי ניט אויסגעלאָזען פון אויג די בעוועגונג אין פאַריז. מיט איהר פיהרער, דר. הערוועגה, זיי־נען זיי געשטאַנען אין שטענדיגער פערבינדונג. טראָץ דעם וואָס ניט מאַרקס און ניט ענגעלס האָבען דירעקט בעלאַנגט צום „פעריין פון גערעכטע", און אין גאָר אַ גרויסער מאָס זיינען זייערע אַנזיכטען געווען ווייט פון די אַנזיכטען פון פעריין,

האָבען דאָך ביידע פריינד אויסגעאיבט זעהר א גרויסען איינפלוס אויף דער טעטיג־קייט פון דער געזעלשאפט.

אין פריהלינג 1847 איז דער זייגערמאכער יאָזעף מאָלל פון קעלן, בעאויפטראגט געוואָרען פון דעם „פעריין פון גערעכטע" אין לאָנדאָן צו פאָהרען קיין ברוסעל און פאריז און אויפצופאָדערן מארקס'ן און ענגעלס'ן אריינצוטרעטען אין פעריין און אויך צו בעקאנט מאכען זייער בליק אויף דעם קאָנגרעס פון דער אָרגאניזאציע, וואָס האָט געזאָלט זיך קירצליך פערזאמלען. ביידע, מארקס און ענגעלס, האָבען איינ־געשטימט. מען האָט אָרגאניזירט אין ברוסעל אַן אָבטיילונג פון דעם „פעריין" און ס'זיינען בעשלאָסען געוואָרען קאָנגרעסען, וואָס זאָלען אָבגעהאַלטען ווערען אין זומער און הערבסט פון דעם זעלבען יאהר (1847) אין לאָנדאָן. אויף דעם צווייטען קאָנ־גרעס, וואו אויך מארקס איז אַנוועזענד געווען, זיינען מארקס און ענגעלס בעאויפ־טראגט געוואָרען אויסצואַרבייטען א מאניפעסט, וואָס זאָל פעסטשטעלען די פּרינ־ציפּיעלע יסודות פון דעם „קאָמוניסטען בונד", ווי ס'האָט זיך איצטער גערופען דער „פעריין פון גערעכטע".

אין פעברואר פון יאהר 1848 איז פערעפענטליכט געוואָרען דער „קאָמוניסטי־שער מאניפעסט", די קליינע שריפט, וואָס געהערט צו די בעדייטענדסטע ערשיינונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור; די שריפט, וועלכע האָט געגעבען דעם ארבייטער קלאַס ניט נאָר א היסטאָרישען פּראָגראַם, נאָר אויך זיין קאַמפּפס־רוף: „פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער, פעראייניגט זיך!"

ס'איז געקומען די פעברואר רעוואָלוציע אין פראנקרייך. די אַרבייטער און קליין־בורזשואזיע פון פאריז האָבען ארונטערגעזעצט דעם קעניג לואי־פיליפּ. ס'איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען א פראנצויזישע, צייטווייליגע רעגירונג, וועלכע האָט זיך גלייך געווענדעט צו קאַרל מארקס'ן מיט דער איינלאַדונג צוריק צו קומען קיין פאריז און בעטראכטען זיין אַמאָליגע אויסווייזונג פון פראנקרייך אַלס אָבגעשאפט. „די טיראַניי האָט אייך פעריאָגט", — האָט געשריבען די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג: „דאָס פרייע פראנקרייך עפענט אויף איהרע טירען פאר אייך".

מארקס איז צופריעדען געווען צו פערלאָזען ברוסעל און אריבערצואוואנדערן קיין פאריז, צוזאמען מיט זיין פאמיליע. ער האָט שוין געהאט צוגעגרייט זיך צו פאָלגען די איינלאַדונג פון דער פראנצויזישער רעגיערונג פון פראנקרייך, אָבער פּלוצ־לונג איז איהם איבערפאלען די ברוסעלער פּאָליציי. זי האָט זיך אריינגעריסען אין זיין וואָהנונג, אַרעסטירט איהם און זיין פרוי און פעראָרדערט זיי גלייך צו פער־לאָזען בעלגיען. דאָס האָט אָבגעהאַלטען מארקס'עס קומען נאָך פאריז.

דער בריעף פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג פון דער פראנצויזישער רעפּוב־ליק, אזוי גוט ווי דאָס פערהאַלטען זיך פון דער בעלגישער רעגיערונג, בעווייזט, וואָס פאר א גרויסע געוויכט מ'האָט שוין דאמאלס געלייגט אויף דעם יונגען, קוים דרייסיג יאָהר אַלטען מארקס. אינטערעסאנט צו דערמאָנען, אז דער ברוסעלער מוניציפּאַל־ראַט האָט אַרונטערגעזעצט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר פאר זיין פערהאַלטען זיך ביי דעם ארעסט פון מארקס'ן און זיין פרוי.

די פאָלגענדע צוויי עדות־זאָגען בעווייזען, וואָס פאר א בעדייטונג מען האָט געגע־בען מארקס'ן שוין אין זיינע יונגע יאָהרען, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבען זיין הויפּט־אַרבייט אַלס טעאָרעטיקער און אָרגאניזירער פון דעם אַרבייטער קלאַס. די צוויי עדות־זאָגען קומען פון נאָך דעם 1848טען יאָהר, ווען מארקס האָט שוין גע־

האָט געשפּיעלט זיין גרויסע ראָלע אין דער דייטשער רעוואָלוציע, אָבער זייער בע־וויז־קראַפט איז בשום אופן ניט קלענער. אין אַ פראַנצויזישען בוך, וואָס איז ער־שיענען אין פּאַריז, אין 1850, וועגען „דייטשלאַנד און דייטשען“, ווערט מאַרקס ער־קלעהרט, אַלס דער גרעסטער קריטיקער אין דייטשלאַנד נאָך לעסינג'ן. די צווייטע הויכע אָבשאַצונג פון מאַרקס'ן קומט פון קאַרל היינצען, איינעם פון די ביטערסטע געגנער פון מאַרקס'ן פּערזענליך און פון זיינע אַנשויאונגען. אין אַ בראָשור, וואָס איז ספּעציעל געשריעבען געוואָרען געגען מאַרקס'ן, ערקלעהרט היינצען, אַז מאַרקס איז געווען דער איינציגער מאַן אין דייטשלאַנד, וועלכער וואָלט געקאָנט ראַטעווען פון אונטערגאַנג די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. נאַטירליך, מאַרקס, וואָס זיין גע־זעלשאַפטליכע טעאָריע האָט אַזוי קרעפטיג אָבגעלייקענט די ראָלע פון דעם איינצעל־נעם מענשען אין דער געשיכטע, וואָלט ניט אָנגענומען היינצען'ס אָבשאַצונג, אָבער די מיינונג פון מאַרקס'עס געגנער וועגען מאַרקס'ן, ריכטיג צי ניט, בעוויזט, וואָס פאַר אַ הויכע מיינונג די וועלט האָט שוין אין יענע יאָהרען געהאַט איבער דעם צו־קינפטיגען וועגווייזער פון אַרבייטער קלאַס און בעגרינדער פון דער אַרבייטער־פילאָ־סאָפיע.

מאַרקס'ן איז ניט געלונגען לאַנג צו פערברייגגען אין פּאַריז. קוים האָט ער זיך דאָרטען איינגעאָרדענט, ווי עס איז געקומען די ידיעה, אַז אויך אין ווין, אין בער־לין, אין גאַנץ דייטשלאַנד, — אומעטום האָט אויסגעפּלאַצט די רעוואָלוציע. ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז מאַרקס האָט זיך גלייך גענומען גרייטען צום אָברייזען נאָך דייטשלאַנד. אין מאַי מאָנאַט געפינען מיר איהם שוין אין קעלן, וואו ער שטעלט זיך גלייך אָן דער שפּיצע פון דער „נייער רהיינישער צייטונג“ — אַ בלאַט פון אַזאַ גרויסער בעדייטונג, ווי קוים וועלכע אַנדער צייטונג אין דער וועלט.

אַ גאַנצע רייהע מענשען, מיט וועלט־בעקאַנטע נעמען, האָבען אַנטייל גענומען אין דער רעדאַקציע פון דער „נייער רהיינישער צייטונג“. אויסער מאַרקס'ן און ענגעלס'ן געפינען מיר דאָרטען דיכטער, ווי פערדינאַנד פרייליגראַטה און געאָרג ווירטה, און אַזעלכע מענער, ווי ווילהעלם וואָלף, פערדינאַנד וואָלף, דראָנקע, ביר־גערס און אַנדערע. מאַרקס איז עס געווען דער כח, וואָס האָט געווירקט אָנרעגענד און אָנצינדענד אויף זיינע מיטאַרבייטער. ס'איז אַ ווייניג בעקאַנטער פאַקט, אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז מאַרקס האָט אָנגערעגט פרייליגראַטה'ן צו אַ גאַנצער רייהע פון זיינע סאָציאַלע דיכטונגען. ער האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון'ם דיכטער אויף בעשטימטע ערשיינונגען און געגעבען איהם די גרונד־געדאַנקען.

ס'איז אונמעגליך דאָ צו פערשפּרייטען זיך וועגען דער בעדייטונג פון דער „נייער רהיינישער צייטונג“. גענוג אָנצואווייזען, אַז אפילו איהרע געגנער האָבען זי בע־טראַכט פאַר די בעדייטענדסטע ליטעראַרישע ערשיינונג פון יאָהר 1848.

די בעדייטונג פון קאַרל מאַרקס, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, אין דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף פון 1848 איז צו זעהן פון דעם פאַקט, וואָס ווי נאָר די בעוועגונג אין ווין איז געקומען צו איהר ענטשיידענדען מאָמענט, איז מאַרקס אַרויסגעפאָדערט געוואָרען אין ווין, כדי ער זאָל בעקאַנט מאַכען זיין בליק אויף דער זאַכלאַגע. ווען די בעוועגונג אין פּאַריז האָט אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, אַז רעוואָלוציע איז געווען אין דער לופטען, האָט מען ווידעראַמאָל געשיקט אַהין מאַרקס'ן, כדי ער זאָל זיין אויפ'ן שטעל מיט זיין עצה. אומעטום, וואו נאָר ס'האָט געהאַלטען ביי בעדייטענדער אַקציאָן, האָט מען געפאָדערט מאַרקס'ן, האָט מען געוואָלט

זיין פיהרערשאַפט. און דאָס איז געשעהן טראָץ דעם, וואָס ער האָט אַלעמאָל אָפען ערקלעהרט, אַז ד י רעוואָלוציע איז ניט ז י י ן רעוואָלוציע; אַז זיין אָפּאָזיציע וועט זיך ערשט דאַן אָנהויבען, ווען ס'וועט פערווירקליכט ווערען די בורזשואזע רע־פובליק.

אין מאַי 1849 איז די פּרייסישע רעאַקציע געווען ווידער אמאָל שטאַרק גענוג אויסצופיהרען דעם לאַנג געפּלאַנטען קלאַפּ געגען דער „נייער רהיינישער צייטונג." דאָס בלאַט איז אונטערדריקט געוואָרען, און מאַרקס ארויסגעשיקט פון לאַנד. דורך באַדען, וואו ס'האָט אויסגעפּלאַצט אַן אויפשטאַנד, האָט מאַרקס פערנומען זיך נאָך פּאַריז. אָבער אויך דאָרט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט פערבלייבען. די רעפּובליק, וואָס האָט מיט איין יאָהר צוריק איינגעלאַדען מאַרקס'ן צוריקצוקומען און האָט ערקלעהרט אַז די טירען פון פראַנקרייך זיינען אָפען פאַר איהם, האָט איצטער, נאָך דער יוני־שלאַכט, ארויסגעוויזען גאַנץ ווייניג חשק צו האָבען ביי זיך דעם פּראָלעטאַ־רישען רעוואָלוציאָנער. די בורזשואזע רעפּובליק האָט איהם בעגעגענט מיט אַן אויס־ווייזונגס־בעפעהל, פּונקט ווי דאָס האָט פריהער געטהאָן די בורזשואזע מלוכה. אמת, מען האָט איהם געגעבען די אויסוואַהל: ענטוועדער צו בעזעצען זיך אין דער ברע־טאַן, דער אָבגעשטאַנענסטער ווינקעל פון פראַנקרייך, אָדער אינגאַנצען צו פערלאָזען דאָס לאַנד. פערשטעהט זיך, האָט מאַרקס פאָרגעצויגען דאָס לעצטע און פערנומען זיך נאָך לאָנדאָן. דאָ האָט ער זיך פערטיעפט אין די ליטעראַרישע אוצרות פון ברי־טישען מוזעאום, אזוי גיך, ווי ער איז פריי געוואָרען פון די אַלערליי עמיגראַציאָנס־שטרייטיגקייטען און שוועריגקייטען. אין לאָנדאָן איז מאַרקס פערבליבען ביז זיין טויט.

3. קאַרל מאַרקס און דער אינטערנאַציאָנאַל.

אין 1852 איז אין קעלן פאָרגעקומען דער „קאָמוניסטען פּראָצעס", און דער „קאָמוניסטען־פעריין", דער ערשטער פערזוך פון א פעראייניגונג פון ארבייטער פון אַלע פעלקער פאַר דער בעפרייאונג פונ'ם ארבייטער קלאַס, דער פאָרגענגער פונ'ם שפּעטערדיגען אינטערנאַציאָנאַל, איז אויפגעלייזט געוואָרען. די רעאַקציע איז ווי־דער געזעסען שטאַרק אין זאָטעל, אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ, און ס'איז געווען אונמעגליך וואָס צו טהאָן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם ארבייטער קלאַס. מאַרקס האָט געוואוינט אין לאָנדאָן און זיך אָבגעגעבען מיט זיינע שטודיען און ליטעראַרישע ארבייטען. צוליעב לעבענסמיטלען האָט ער קאָרעספּאָנדירט צו דער ניו יאָרק „טרי־ביון", און א טייל פון די קאָרעספּאָנדענצען איז שפּעטער ערשיענען אין בוך־פאָרם. (די „ניו יאָרק טריביון" איז דאַמאַלס רעדאַגירט געוואָרען פון דעם בעקאַנטען אַמע־ריקאַנער פּרייהייטס־קעמפּפער און ראַדיקאַל האָראַס גרילי און האָט גערן געגעבען פּלאַץ פאַר א ברייטער און גרינדליכער דיסקוסיאָן פון די וויכטיגסטע געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען).

אין יאָהר 1862 האָט זיך געמאַכט א גינסטיגע געלעגענהייט ווידער איינ־צושטעלען פערבינדונגען צווישען די ארבייטער פון מעהרערע לענדער. דאָס איז גע־ווען די לאָנדאָנער וועלט־אויסשטעלונג, וואוהין עס זיינען געקומען פראַנצויזישע אר־בייטער, און זיי האָבען איינגעשטעלט בעציהונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די אר־בייטער אין ענגלאַנד. אַלס רעזולטאַט פון דער פערבינדונג איז אין 1864טען יאָהר, אין מאַרטין'ס האָלל אין לאָנדאָן, אָבגעהאַלטען געוואָרען א פערזאַמלונג, אין וועל־

כער ס'האָבן זיך בעטייליגט דעלעגאַטען און פּאָליטישע עמיגראַנטען פון פיעלע לענדער אין אייראָפּא. מען האָט פערהאַנדעלט די פּוילישע פראַגע, וועלכע איז גראד דאמאלס געווען ברענענד מחמת דעם פּוילישען אויפשטאַנד פון מיט אַ יאָהר צוריק, אין 1863. אונטער דער ווירקונג פון מאַרקס'ן וועמען זיינע פריינד האָבען בעוואוי־גען אנטייל צו נעהמען אין דער פערזאַמלונג, זיינען די פערהאַנדלונגען בעדייטענד אויסגעברייט געוואָרען. מען איז אריבער פון דער פּוילישער פראַגע צו דער בעטראַכ־טונג פון דער אַרבייטער לאַגע. דער געדאַנק וועגען פעראייניגען די אַרבייטער פון אַלע לענדער האָט געפונען אן ערנסטען אָבקלאַנג. מען האָט געגרינדעט די „איג־טערנאַציאַנאַלע אַרבייטער געזעלשאַפט" (אַסאָציאַציע). קאַרל מאַרקס איז בעאויפ־טראַגט געוואָרען אויסצואַרבייטען אַ פּראָיעקט פון אַן „אינאַגיוראַל אַדרעס" (פּרינ־ציפּען־ערקלעהרונג) און אַ פּלאַן פון אַ קאָנסטיטוציע (סטאַטוטען) פאַר אַ שטענדיגער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פערבינדען די אַרבייטער פון אַלע לענדער.

מאַרקס האָט פאָרגעשלאָגען אַן „אינאַגיוראַל־אַדרעס" און אַ קאָנסטיטוציאָנס־פּלאַן פאַר דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער געזעלשאַפט", וועלכע זיינען אויך אָנגענומען געוואָרען פון דעם „גענעראַל־ראַט", וואָס איז באַלד אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון מאַרקס'עס אידעען. אַ צווייטער פּראָיעקט, וועלכען ס'האָט פאָרגע־שלאָגען דער איטאַליענישער בורזשואַזער רעוואָלוציאָנער מאַדזיני, איז צוריקגעווי־זען געוואָרען.

דער „קאָמוניסטען־בונד" האָט ווידער אויפגעלעבט, אָבער ער איז ארויס פון די ענגע גרענעצען פון אַ געהיים־אָרגאַניזאַציע. דער נייער פערבאַנד האָט מעהר ענטשפּראָכען דער העכערער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער גרעסערער, אויסגעוואַקסענער ראָלע, וואָס ס'האָבען געשפּיעלט אין דער געזעלשאַפט די אינ־דוסטריעלע אַרבייטער. דאָס, וואָס האָט געשיינט צו זיין צוגעפּאַסט פאַר דער ענטוויק־לונגס־שטופע פון פאַר די 1848 יאָהרען, איז מעהר ניט געווען גענוג פאַר די אויפ־בליהונג, וואָס האָט געהערשט כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אין מיטען די 60־ער יאָהרען. אין דעם „אינאָגיוראַל־אַדרעס" איז ווידער אַמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרען דער רוף פון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט": „אַרבייטער פון אַלע לענ־דער, פעראייניגט זיך!" אָבער דאָס מאָל האָבען זיך אָבגערופען, ניט ווי צום ערשטען מאָל, בלויז די פאָרגעשריטענסטע און אויסערגעוועהנליך אינטעליגענטע מיטגליעדער פון'ם אַרבייטער קלאַס. אויף דעם צווייטען רוף האָבען געענטפערט פיעל ברייטערע שיכטען פון דעם אונטערדריקטען פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער. זיי האָבען דעם שלאָג־וואָרט פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט געמאַכט פאַר זייער אייגענעם קאַמפּפס־רוף.

די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער געזעלשאַפט" און איהרע מיטגליעדער האָבען געלייסטעט פיעל מיה צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער בעוועגונג אין פיעלע לענדער. זיי האָבען אומעטום פעראייניגט די פאָרטגעשריטענע אַרבייטער עלעמענטען, גע־בראַכט זיי אין דער בעוועגונג, צונויפגעשטעלט די ערשטע אָרגאַניזאַציעס און גע־זאָרגט פאַר זייער גייסטיגער ענטוויקלונג און טעאָרעטישער זעלבסטשטענדיגקייט. דער „אינטערנאַציאָנאַל" (די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער געזעלשאַפט") און אי־בערהויפּט קאַרל מאַרקס האָבען געזאָגט, אַז די אַרבייטער זאָלען קריעגען די בעדייטונג און שפּיעלען די ראָלע אין דער פּאָליטיק און אין די גרויסע קעמפּפע פון דער בורזשואַזער וועלט, צו וועלכער די אַרבייטער זיינען געווען בערעכטיגט, לויט

זייער צאָהל און קלאַסען־בעוואוסטזיין. אונטער דער לייטונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ האָט דער ארבייטער קלאַס צום ערשטען מאָל ארויסגערופען שרעק און אַנגסט אין דעם קלאַס פון די הערשענדע. די עקספּלואַטירער האָבען דערזעהן אין די אונטערדריקטע דעם ערוואַכענדען ריעז, וואָס געהט מאַכען א סוף צו זייער הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע.

ווי גרויס עס איז געווען דער איינפלוס פון „אינטערנאַציאָנאַל“ לאָזט זיך אורטיילען פון דעם פאָלגענדען פאַל, וואס איז בעזונדער אינטערעסאַנט פאַר די פעראייניגטע שטאַאטען און וואָס האָט פערשאַפט דעם גענעראַל־ראַט דעם פּערזענליכען דאַנק פון פּרעזידענט לינקאָלן.

דאָס איז געווען אין צייט פון בירגער־קריעג אין אַמעריקא. די קאַטאָן פאַבריקאַנטען אין ענגלאַנד האָבען געוואָלט שטיצען די זיד־אַמעריקאַנישע שטאַאַטען, וועלכע האָבען געקעמפּפט געגען דער נאָרד־אַמעריקאַנישער רעפּובליק, כדי אָנצוהאַלטען דאָס סיסטעם פון נעגער־שקלאַפעריי. די ענגלישע פאַבריקאַנטען האָבען געסטאַרעט זיך, אַז ענגלאַנד זאָל ערקלעהרען קריעג צו אַמעריקא, וואו לינקאָלן איז געווען פּרעזידענט און האָט געקעמפּפט פאַר דער גאַנצקייט פון דער רעפּובליק (די פעראייניגטע שטאַאַטען) און דער בעפרייאונג פון די שווארצע. די ענגלישע קאַטאַן־פאַבריקאַנטען האָבען געליטען דערפון, וואס דער בירגער־קריעג אין אַמעריקא האָט פערניכטעט די פּראָדוקציאָן פון קאַטאָן (אין דער סאוטה). די פאַבריקען פון נאָרד־ענגלאַנד, וואו הונדערטער טויזענדער ארבייטער זיינען געווע בעשעפטיגט ביי וואָל־ארבייט, זיינען געשטאַנען שטיל. די ארבייטער פון יענעם טייל ענגלאַנד האָבען געהונגערט, און טראָץ דעם האָבען זיי ענטשיעדען פּראָטעסטירט געגען דעם, אז ענגלאַנד זאָל געהן אין קריעג צו גונסטען די שקלאַפען־האַלטער. די ערשטע צו פּראָטעסטירען זיינען געווען די שפּינער און וועבער, גראַד די ארבייטער וואס האָבען אם שטאַרקסטען געליטען פון דעם בירגער־קריעג אין אַמעריקא, און וועמען ענגלאַנד'ם בעטייליגונג אין קריעג אויף דער זייט פון דער שקלאַפען־טרייבערישער סאוטה וואָלט געבראַכט גרויסע נוצען. אָט די ערפאָלגרייכע און מייסטערהאַפטע האַלטונג פון די ענגלישע ארבייטער איז געווען צו פערדאַנקען דעם אינטערנאַציאָנאַל, און פּרעזידענט לינקאָלן האָט דאָס אַנערקענט אין זיין בריעף צום „גענעראַל־ראַט“ פון אינטערנאַציאָנאַל אין די ווערטער, אז די ענגלישע ארבייטער האָבען געצייגט א ביישפּיעל פון ערהאַבענעם הערויזם, וועלכען קיין לאַנד און קיין צייט האָט פאָרלויפיג ניט איבערטראָפען. דאָס איז נאָר איינער פון פיעלע ביישפּיעלען פון דעם, ווי עס האָט געווירקט דער „אינטערנאַציאָנאַל“, אונטער מאַרקס'עס פיהרערשאַפט, אויף די גרויסע קעמפּפע פון דער וועלט און אויף דער פּאָליטיק פון די בירגערליכע רעגירונגען.

בעשרענקטער פּלאַץ ערלויבט אונז ניט זיך לענגער צו פערנעהמען מיט דער געשיכטע פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל.“ זיין סוף איז געקומען נאָכדעם, ווי אין אין מערץ 1871 האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ די קאָמונע אין פּאַריז, און די מיטגליעדער פון „אינטערנאַציאָנאַל“, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געווען אין דער מינדערהייט, האָבען געגעבען זייער כאַראַקטער צו יענע גרויסע ארבייטער־קעמפּפע. די קאָמונע איז אונטערדריקט געוואָרען אין מאַי 1871, און מ'האָט אפילו מעהר ניט געקאָנט טראַכטען וועגען פּאַרטזעצען וועלכע עס איז פרוכטבאַרע טעטיגקייט פונ'ם „אינטערנאַציאָנאַל“. די פערפאָלגונגען זייטענס אַלע בורזשואַזע רעגירונגען האָבען

אויסגעשלאָסען, פאַר דער צייט לכל הפחות, אירגענד וועלכע עפענטליכע אַרויסטרע־טונגען פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. דער זיץ פון „גענעראַל־ראַט“ איז טראַנספּע־רירט געוואָרען קיין ניו יאָרק, און אין יאָהר 1876 האָט די גאַנצע „אינטערנאַציאָ־נאַלע ארבייטער געזעלשאַפט“ זיך אָפיציעל אויפגעלעזט. אָבער די ארבייטער בעווע־גונג פון דער וועלט איז ניט מעהר געווען אָבהענגיג פון דעם ענגען אָרגאַניזאַציאָ־נעלען צענטער. אונטער דער ווירקונג פונ׳ם אונטערגעגאַנגענעם „אינטערנאַציאָ־נאַל“ און פון זיינע גייסטיגע פיהרער האָט די בעוועגונג זיך אויסגעלערנט צו שטעהן און געהן אויף איהרע אייגענע פיס. פון איצט און ווייטער ענטוויקעלט זיך די בעווע־גונג זעלבסטשטענדיג אין אַלע לענדער, ביז אין 1889 ענטשטעהט ווידער אַמאָל אַן אינטערנאַציאָנאַלער פערבאַנד, אָבער דאָס מאָל אויף אַ נייעם שטייגער, וואָס ענט־שפּרעכט די נייעסטע ענטוויקלונג און איז צוגעפּאַסט צו דער לאַגע, ווי זי איז גע־ווען צו יענער צייט. אין 1889 איז ענטשטאַנען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל.

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיג צו דענקען, אַז מיט דעם אונטערגאַנג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציע“ האָט אויפגעהערט די ווירקונג פון מאַרקס׳ן אויף די אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט. עס איז ניט געווען קיין לאַנד אויף דער וועלט, וואו די פיהרער פון די אָרטיגע בעוועגונגען זאָלען זיך ניט האָבען געווענדט צו מאַרקס׳ן נאָך אַן עצה יעדעס מאָל, ווען די אָרטיגע בעוועגונג האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. מאַרקס איז ביז צו זיין טויט געווען דער ראַט־געבער פון צוויי וועלטען. ס׳איז אַ ספק, צי זיין טעטיגקייט און איינפלוס, אַזוי גוט ווי זיין פריינד ענגעלס׳עס, איז ביז איצטער פולשטענדיג בעקאַנט. ביידע האָ־בען זיי אויסגעאיבט אַ שטאַרקען איינפלוס אין דער אינערליכער פּאָליטיק פון ענג־לאַנד. וואו נאָר ס׳איז געגאַנגען אום אַ פראַגע פון ארבייטער־שוץ געזעצגעבונג, ווען נאָר ס׳האָט זיך געהאַנדעלט אין פּאַרלאַמענט וועגען אַ רעפאָרמע צו גונסטען פון ארבייטער קלאַס, האָט מען ניט פאַרפעהלט צו זוכען מאַרקס׳עס עצה וועגען דעם ענין. טוצענווייז פלעגען די שטאָלצע „מעמבערס אָף פּאַרליאַמענט“ וואַנדערען אין דער שטילער וואָהנונג פון דעם דייטשען סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער נאָך ראַט און ערקלעהרונג אין יעדער אַנגעלעגענהייט, וואָס האָט בעריהרט דעם וואוילזיין פון די ענגלישע ארבייטער מאַסען. נאָך מאַרקס׳עס טויט האָט פריעדריך ענגעלס פער־נומען דיזען פערטרויאונגס־פּאָסטען אין ענגלאַנד. דער שרייבער פון די צייל־ען האָט אַמאָל אליין בייגעוואוינט, ווי אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט איז געקומען צו ענגעלס׳ן נאָכצופרעגען וועגען דער לאַגע פון די ארבייטערינען אין דעם פּאַרלאַמענט־מיטגליעד׳ס אייגענעם דיסטריקט. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום שוץ־געזעצגעבונג געגען דער עקס־פּלואַטאַציע פון ארבייטערינען אין די קייטען־שמידערייען. דער געזעצגעבער איז אוועק אַהיים, אָנגעלאָדען מיט בעפריעדיגענדע אויסקינפטע.

עס איז אַ ספק, צי עס זיינען ווען געווען אַנדערע צוויי מענשען, וואָס האָבען, ניט פערנעהמענדיג קיין אָפיציעלע עמטער, אויסגעאיבט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויפ׳ן עפענטליכען לעבען פון זייער צייט, ווי מאַרקס און ענגעלס.

4. קאַרל מאַרקס — דער מאַן פון וויסענשאַפט און דענקער.

האָבענדיג אָנגעוואָרפען אין אַלגעמיינע שטריכען די לעבענס־בעשרייבונג פון מאַרקס׳ן, אַלס אָרגאַניזירער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער קלאַס, וועלען מיר בעטראַכטען אין קורצען מאַרקס, דעם ג ע ל ע ה ר ט ע ן, פאַר וועמען די וויסענ־

שאַפט איז געווען, ניט אַ טויטע זאַמלונג פון פאַקטען, נאָר אַ לעבעדיגע, געשיכטליך־בעוועגענדע און רעוואָלוציאָנערע קראַפט. די קראַפט האָט מארקס געשטעלט אין דיענסט פון דעם אַרבייטער קלאַס, וואָס קעמפּפט פאַר זיין בעפרייאונג.

די פיעלע שריפטען, וואָס זיינען אונז פערבליעבען פון מארקס'ן, אויסער די ריין פּאָלעמישע, זיינען אין אַלגעמיין געווידמעט דער פערטיידיגונג פון די צוויי גרויסע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט, נעמליך: די „מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג" און זיין „טעאָריע פון ווערט".

זיין ערשטע ענטדעקונג האָט מיטגעבראַכט אַן אַלגעמיינע איבערקעהרעניס אין דער געשיכטע־שרייבעריי.

שוין פאַר מארקס'ן האָט געפּלאַצט דער גלויבען, אַז דער „וואָס די הענט ניט געוואַשען" פערוואַלטעט די וועלט און טרייבט אָן די געשיכטע דורך אייניגע פון זיינע יחידי־סגולה מענשען. אָבער דאָס וואָס האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דעם גלויבען איז ניט פיעל בעסער געווען. נאָר וואו ניט וואו, אָבגעריסען און ווייט ניט קלאָהר פלעגט אַרויסגעזאָגט ווערען דער געדאַנק אַז די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג געהט לויט געוויסע און בעשטימטע געזעצען. פאַר די מייסטע געשיכטע שרייבער איז די געשיכטע געווען אַ פעראייניגונג פון אַ רייהע צופעליגקייטען, וועלכע האָבען געהאַט אַלס זייער אורזאַכע דעם ווילען פון איינפלוסרייכע און מאַכט־האָבענדע פערזענליכקייטען. מען איז ווייטער געקומען צום שלוס, אַז דער אָדער יענער כאַראַקטער פון דער מענשליכער געשיכטע איז צו פערדאַנקען די קלימאַטישע און געאָגראַפישע בעדינגונגען און זייער ווירקונג אויף דעם צוזאַמענלעבען פון מענשען. זוכענדיג די איינצעלנע הויפּט־אורזאַכע פון די ענדערונגען אין'ם געזעלשאַפטליכען לעבען איז מען געקומען צום שלוס, אַז די א י ד ע ע ן פון מענשען ווירקען אויף די ענדערונגען אין זייער לעבען, און אַז פון אַלע געשיכטליכע ענדערונגען אין'ם צוזאַמענלעבען פון מענשען זיינען די פּאָליטישע ענדערונגען די וויכטיגסטע, זיי בעשטימען און בעהערשען דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

אָבער פון וואַנען נעהמען זיך די א י ד ע ע ן פון מענשען, און וואָס זיינען די טרייבענדע אורזאַכען פון די פּאָליטישע פערענדערונגען? דערויף איז ניט נאָר קיין ענטפער ניט געווען, מען האָט עס אפילו ניט געפרעגט.

נאָר די נייעסטע ענגלישע און פראַנצויזישע געשיכטע שרייבער האָבען ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז זינט דעם סוף פון מיטעלאַלטער איז די טרייבענדע קראַפט אין דער געשיכטע פון אייראָפּא דער קאַמפּף פאַר פּאָליטישע הערשאַפט, וואָס געהט אָן צווישען די ענטוויקעלטע בירגערליכע קלאַסען און דער אַלטער פעאָדאַלער פריצים־וועלט.

מארקס האָט בעוויזען, וואָס עס איז געלעגען אין'ם גרונד פון דיעזען קאַמפּף. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער און בעוויזען, אַז די גאַנצע ביז־איצטיגע געשיכטע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, זינט עס איז אונטערגעגאַנגען די אוראַלטע קאָמוניסטישע אָרדנונג איז אין עצם די געשיכטע פון קאַמפּף צווישען די קלאַסען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט; אַז אין אַלע פיעלפאַכע און פערוויקעלטע קעמפּפע פון דער וועלט געהט עס אום דער געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער הערשאַפט: עס קעמפּפען נייע אויפשטייגענדע געזעלשאַפטליכע קלאַסען געגען די אַלטע, איינגעפונדעוועטע קלאַסען, וואָס בעזיצען די מאַכט.

וואָס אָבער ברייננגט אַרוים די פערשיעדענע קלאַסען, די נייע, וואָס בעקעמפּ־

פון די אַלטע? — דער ענטפער לויטעט: די עקזיסטירענדע מאַטעריעלע בעדינ־גונגען, אונטער וועלכע די געזעלשאַפט, אין אַ געוויסער צייט, אַרבייט־אויס און האַנ־דעלט (טוישט אויס) די מיטלען פון אָנהאַלטען דאָס לעבען.

מאַרקס מאַכט זעהר קלאָהר דעם גרונד־געדאַנק פון דער געזעלשאַפטליכער ענט־וויקלונג אין די פאָלגענדע ווערטער: „די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען זיינען ענג דורכגעקניפּט מיט די פּראָדוקציאָנס־קרעפטען. ווען עס ענטשטעהען נייע פּראָדוק־ציאָנס־קרעפטען, ענדערט זיך די אַרט און וויזע פון דער פּראָדוקציאָן, און ווען עס ענדערט זיך די פּראָדוקציאָנס־וויזע, ד. ה.: די אַרט און וויזע פון ערווערבען די מיטלען צו אונטערהאַלטען דאָס לעבען, ענדערן זיך אויך די געזעלשאַפטליכע פער־העלטניסען. דער האַנד־מיל מאַכט מעגליך די געזעלשאַפטס־אָרדנונג פון פּריצים. ווען עס איז ערפונדען געוואָרען דער דאַמפּף־מיל ווערט פּלאַץ פאַר דער געזעלשאַפטס־אָרדנונג פון אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען". פון דעם שטאַנדפּונקט זיי־נען ניט אַלע אויסערליכע אומשטענדען אונטער וועלכע מענשען לעבען, גלייך וויכטיג. ניט אַלע ווירקען זיי גלייך. אַם ווייטסטען געהען און עס ווירקען אַם גרינדליכסטען די אומשטענדען, אונטער וועלכע מענשען זאָרגען צו בעפרידיגען זיי־ערע מאַטעריעלע בעדירפניסען. דאָס, וואָס מיר בעצייכענען אַלס פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסע, ד. ה., די פערהעלטניסע אונטער וועלכע מענשען שטעהען אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס זיינען די פערהעלטניסע, וועלכע בעוועגען אַלע אַנדערע מנש־ליכע פערהעלטניסע. זיי זיינען די בעגרינדונג פון אַלע אַנדערע מענשליכע טעטיגקיי־טען און שטרעבונגען. וואָרום, ווי ענגעלס האָט עס איינפאַך אויסגעדריקט, „פריהער פון אַלץ דאַרפען מענשען עסען, טרינקען, וואוינען און קליידען זיך, איידער זיי געהען אין פּאָליטיק, פערנעהמען זיך מיט קונסט, פּראַקטיצירען רעליגיאָן און דאָס גלייכען. און דאָס הייסט, אַז די אויסאַרבייטונג פון די אונמיטעלבאַרע לעבענס־בעדינגונגען אָדער, אין אַנדערע ווערטער, די שטופע פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג צו אַ גע־וויסער צייט, איז די גרונדלאַגע, דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס ענטוויקלען זיך די מלוכה איינריכטונגען, די בעגריפען פון רעכט און יושר, די קונסט און אַפילו די רעליגיעזע אנשויאונגען פון דער בעטרעפענדער מענשען־געזעלשאַפט. נאָר אויף אַזאַ וועג, און ניט ווי ביז איצטער — אומגעקעהרט, דאַרפען ערקלעהרט ווערען די ענדע־רונגען און דער געשיכטע פון מענשען."

כדי, אַלזאָ, צו פערשטעהען פון וואַנען עס נעהמען זיך אידעען, וועלכע ערשיינען אין אַ געוויסער צייט און בעאיינפלוסען מענשען, דאַרף מען אַריינקוקען און קענען לערנען די מאַטעריעלע בעציהונגען און אומשטענדען, אונטער וועלכע מענ־שען לעבען. אין דעם פראָנט־פּלאַץ פון דער געשיכטע שטעהען, אַלזאָ, ניט מעהר די אידעען, וואָס בעוועגען די מענשען, נאָר די אורזאַכען, וואָס רופען אַרויס די ענט־שטעהונג פון דיזע אידעען אין די קעפּ פון מענשען. „אויף וויפיעל דער שווערפּונקט פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג ווערט איבערגעטראַגען פון די פאָרשטעלונגען און מיינונגען פון מענשען צו די ווירקליכע פערהעלטניסען, וואָס זיינען דער גרונד פון די מיינונגען און פאָרשטעלונגען, טרעט אויך אָב אין הינטערגרונד דער איינצעל־נער מענש, וועלכען מען האָט ביז אַהער בעטראַכט אַלס דעם טרעגער פון דער גע־שיכטע. זיין פּלאַץ פאַרנעהמט די פערבינדונג פון מענשען דורך זייערע פער־העלטניסען אָדער בעציהונגען, זייער צוזאַמענאַרבייט, וואו גלייכאַרטיגע לעבענס־אינ־טערעסען פעראייניגען זיי, זייער קאַמפּף, וועלכען זיי פיהרען אָן פאַר זייערע גע־

מיינזאַמע לעבענס־אינטערעסען. די פערהעלטניסען, אונטער וועלכע מענשען לע־בען, פּראייניגען זיי אין גרופּען און צושיידען זיי אויף גרופּען. די וואס האָבען גלייכע אינטערעסען בילדען איין קלאַס, וועלכער איז געצוואונגען צו בעקעמפען אַלע די, וועמעס לעבענס בעדינגונגען עס שטעלען אין געפאהר די אינטערעסען פון דעם בעטרעפענדען קלאַס."

אַנווענדענדיג אַט די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג אויף דער גע־שיכטע, ווייזט עס זיך אַרויס, אַז „זינט דער אָבשאַפונג פון דעם אוראַלטען אַלגעמיינעם (קאַמונאַלען) בעזיץ פון לאַנד און באָדען, איז די גאַנצע געשיכטע אַ געשיכטע פון קלאַסען־קעמפפע. קעמפפע פון עקספּלואַטירטע געגען עקספּלואַטירער, פון בעהערש־טע געגען הערשער אויף די פערשיעדענע שטופען פון דער געזעלשאַפטליכער ענט־וויקלונג". עס ווייזט זיך ווייטער אַרויס, אַז הגם עס האָבען זיך, אין לויף פון דיזע קלאַסען־קעמפפע, געענדערט די פאָרמען פון בעהערשונג (שקלאַפעריי, לייב־אייגענ־טום, לוין־אַרבייט), בלייבט דאָך ניט געענדערט דאָס פּריוואַט־בעזיץ פון פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען, און פאָלגליך, אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט אָבגעשאַפט ווערען דער פּריוואַט־בעזיץ אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועט פערבלייבען ניט פערענדערט די אונטערדריקונג און אויסבויטונג פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט דורך דער צוויי־טער. ווי עס זאָגט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", צייכענט זיך אויס די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע דערמיט, וואס „זי האָט פעראייגפאַכט די קלאַסען־געגענזאַצען, אַלץ מעהר און מעהר שפּאַלט זיך די געזעלשאַפט אין צוויי גרויסע פיינדליכע מחנות, אין צוויי גרויסע איינער געגען׳איבער דעם אַנדערען שטעהענדע קלאַסען: די בור־זשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט". אין ליכט פון דער מאַרקס׳ישער געשיכטס־אויפ־פאַסונג ערשיינט אָט דער געגענזאַץ ניט אַלץ אַזוינס, וואס דאַרף אייביג עקזיסטירען, וואָס עס איז מן השמים אלס שטענדיגע צוטיילונג אויף רייך און אָרים, אויף האַר און שקלאַף, נאָר אַלס אַ צייטיגע ערשיינונג, וואס עקזיסטירט נאָר אונטער געוויסע עקאָ־נאָמישע פערהעלטניסען.

„דיזער געגענזאַץ פון אינטערעסען", זאָגט מאַרקס שטאַמט אַרויס פון די עקאָ־נאָמישע בעדינגונגען פון ב ו ר ז ש ו א ז ע ן לעבען. פון טאָג צו טאָג ווערט עס קלאָהרער, אַז די פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסען, אונטער וועלכע עס בעוועגט זיך די בורזשואַזיע טראָגט ניט קיין איינהייטליכען, קיין איינפאַכען כאַראַקטער, נאָר אַ צוויי־דייטיגען; אַז אונטער דיזעלבע פערהעלטניסען, וואו עס ווערען פּראָדוצירט רייכטימער, ווערט אויך פּראָדוצירט עלענד; .... אַז די פערהעלטניסען ברייננגען אַרויס דעם בור־זשואַזען רייכטום, דאָס הייסט דעם רייכטום פון קלאַס בורזשואַזיע אויף דעם חשבון פון דעם רייכטום פון זיינע איינצעלנע מיטגליעדער און דורך דעם, וואס ווערט בע־שאַפען אַ שטענדיג וואַקסענדער קלאַס פון פּראָלעטאַריער". און דערמיט, וואס דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָבשאַפען די בורזשואַזע אָרדנונג, ד. ה.: ער וועט אָבשאַפען דעם פּריוואַט אייגענטום אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען און וועט זיי איבערגעבען אין איי־גענטום צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט אויך אָבגעשאַפט ווערען דער קלאַסען־געגענזאַץ און איבערהויפּט קלאַסען־קאַמפּף. עס וועט ערשט דאַן געגרינדעט ווע־רען אַ ווירקליכע מענשליכע געזעלשאַפט, „אין וועלכער די ענטוויקלונג פון יעדען איי־נעם וועט אויך זיין דער תנאי פון דער פרייער ענטוויקלונג פון אַלעמען."

אָט אַזוי לערנט אונז די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויסטייטשונג צו פער־שטעהען די גרויסע היסטאָרישע בעוועגונג פון סאָציאַליזם, וועלכע שטאַמט אַרויס

פון די לעבענס־אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קלאַסען־בעוועגונג און אַ קלאַסען־קאַמפּף. מיר פערשטעהען די פּריצים־הערשאַפט פון מיטעלאַלטער, וואו די פּויערים געמיינדע איז געווען אָנגעוויזען אויף זיך אַליין, כמעט ניט געשטאַנען אין קיין פערבינדונג מיט דער אויסערער וועלט. זי האָט אַליין בעפרידיגט איהרע נויטען, און די קריגערישע פּריצים פּלעגען באשיצען די געמיינדע פון דרויסען און אויסאיבען די רעגיערונגס־מאַכט פון אינווענינ. מיר פאַרשטעהען, ווייטער, דעם עראָבערונגס־צוג פון דער בורזשואזיע געגען דעם אַדעל אָדער פּריצים'טום. דער זיעג פון מאַנופעקטור און גרויס־אינדוסטריע איבער דעם האַנדווערק און קליין־האַנדעל האָט געשטאַרקט דעם אינדוסטריעל־בורזשואזען קלאַס לגבי די האַנדווערקער און פּויערים. די בורזשואזיע האָט אָנגעזאַמעלט אין איהרע הענד גרויסע געזעלשאַפטליכע רייכטימער, און דורכדעם האָט זי ערווארבען די געזעלשאַפטליכע און ענדליך אויך די פּאָליטישע מאַכט. ווען מיר קענען די ספּעציעלע ווירטשאַפטליכע פערהעלטניסען, וואס האָבען געהערשט אין אַ געוויסער צייט, בעגרייפען מיר גאַנץ לייכט די טיעפערע פערענדערונגען פון יענער צייט, פערשטעהען מיר פאַרוואָס און ווי אַזוי עס האָבען זיך געענדערט די פאָרשטעלונגען און מיינונגען אין די מענשליכע מוחות פון בעשטימטע קלאַסען מענשען אין דער געגעבענער צייט.

לויט דעם אויסדרוק פון ענגעלס'ן, איז די געשיכטע, אַ דאַנק מאַרקס'עס ענטדעקונג פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג, צום ערשטען מאָל געשטעלט געוואָרען אויף אַ ווירקליכען יסוד.

פאַר דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער בעוועגונג האָט די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג די גרעסטע בעדייטונג. זי ערקלעהרט, פאַר וואס עס זיינען אַלע מאָל געווען הערשער און בעהערשטע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע, קלאַסען וואס האָבען געהערשט און וואס זיינען בעהערשט געוואָרען. זי ווייזט אָן, אַז די אָבשאַפונג פון אַ ל ע קלאַסען איז נויטיג, כדי עס זאָל מעגליך זיין די בעפרייאונג פון אַלע עקספּלואַטירטע. זי ווייזט אויך, אַז צוליעב דעם, וואס עס זיינען אָנגעזאַמעלט געוואָרען אונגעהויערע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען, איז מעהר ניטאָ קיין אורזאַכע און ציעל, פאַר וואס מענשען זאָלען זיך טיילען אויף הערשער און בעהערשטע. זי ווייזט אָן, אַז די בורזשואזיע האָט ערפילט איהר היסטאָרישע אויפגאַבע, זי האָט בעזייטיגט די פּריצישע אָרדנונג און ענטוויקעלט די פּראָדוקטיווע כחות פון דער געזעלשאַפט. איצטער איז געקומען די צייט, ווען די אַרבייטערשאַפט דאַרף פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם אונטערדריקער קלאַס, די אַרבייטערשאַפט, וועלכע איז דער איינציגער קלאַס, וואס קאָן נאָר דאן זיך פיהלען פריי און גליקליך, ווען ס'וועט גענצליך אָבגעשאַפט ווערען יעדע אונטערדריקונג און יעדע הערשאַפט, יעדע ניט־פרייהייט און יעדע ניט־גלייכהייט. די ענטוויקעלטע און אויסגעוואַקסענע פּראָדוקציאָנס־כחות וואַרטען נאָר אויף דעם אַרבייטער קלאַס, וועלכער זאָל זיי איבערנעהמען, און דאַמאַלס וועט ענטשטעהען די צייט, ווען ניט נאָר וועט יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט שאַפען, נאָר ער וועט אויך נעהמען אַנטייל אין דער פערטיילונג און פערוואַלטונג פון די געזעלשאַפטליכע רייכטימער.

מאַרקס'עס צווייטע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג איז די פולשטענדיגע אויפקלערונג פון די בעציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

דורך דער ענטדעקונג איז ענדליך אויפגעדעקט געוואָרען, ווי אַזוי עס קומט פאַר

דער פּראָצעס פון עקספּלואַטירען דעם אַרבייטער קלאַס דורך דעם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס.

זייט דעם ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט אָנגענומען דעם כּלל, אַז אַרבייט איז דער קוואַל פון אַלע רייכטימער און פון אַלע ווערטען, איז די פראַגע אונפערמייד־ליך געבליעבען אָפען, פאַר וואָס דער אַרבייטער קריעגט ניט דעם גאַנצען ווערט פון זיין אַרבייט, פאַר וואָס ער גיט אַוועק אַ טייל דערפון צו די קאַפּיטאַליסטען.

די בורזשואַזע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסטען און אוטאָפּישע סאָציאַליסטען האָבען זיך אומזיסט געמאַטערט צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע. ערשט מאַרקס האָט דעם ענטפער געגעבען און טראָץ אַלע בעמיהונגען פון די בורזשואַזע געלעהרטע איז עס זיי ניט געלונגען צו דערווייזען, אַז מאַרקס'עס ענטפער אויף דער פראַגע זאָל זיין פאַלש.

מאַרקס ענטפערט די פראַגע אויף דעם פאָלגענדען אופן: די הייַנטיגע קאַפּי־טאַליסטישע פּראָדוקציאָנסווייזע האָט אַלס איהר יסוד די עקזיסטענץ פון צוויי פער־שיעדענע געזעלשאַפטס־קלאַסען. איינעם פון די צוויי קלאַסען בילדען די קאַפּיטאַ־ליסטען, וועלכע בעזיצען די פּראָדוקציאָנס און לעבענס מיטלען. דעם צווייטען פון די קלאַסען בילדען די פּראָלעטאַריער, וועלכע בעזיצען ניט קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די אַרבייטער האָבען נאָר איין וואַארע, וועלכע זיי קאָנען פערקויפען, דאָס איז — זייער אַרבייטס־קראַפט.

אום צו בעקומען די לעבענסמיטעל, וועלכע זיי דאַרפען צו ערהאַלטען זייער לע־בען מוזען די אַרבייטער פערקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט צו די קאַפּיטאַליסטען, וועל־כע צאָהלען זיי פאַר דער אַרבייטס־קראַפט אין דער פאָרמע פון שכירות.

דער ווערטה פון יעדער וואַארע ווערט בעשטימט לויט דער צאָהל אַרבייט, וואָס איז אַריינגעלעגט אין דער פּראָדוקציאָן פון דער בעטרעפענדער וואַארע און די ווידער־פּראָדוקציאָן פון די מאַטעריאַלען, וואָס זיינען אַוועק אויף דער שטיק וואַארע.

דער ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט פון אַ דורכשניטליכען מענשען, לאָמיר זאָגען — פאַר אַ טאָג, אָדער אַ מאָנאַט אָדער אַ יאָהר, ווערט בעשטימט דורך דעם סך הכּל אַרבייט, וואָס איז נויטיג אויסצואַרבייטען די לעבענס־מיטלען, וועלכען זיי־נען נויטיג צו דערהאַלטען די אַרבייטס־קראַפט פון דעם מענשען. אין אַנדערע ווער־טער: דער ווערטה פון דעם אַרבייטער'ס אַרבייטס־קראַפט איז אַזוי גרויס ווי דער ווערטה פון די נאַהרונגס־מיטלען, וועלכע דער אַרבייטער פערברויכט אין דער בע־שטימטער צייט.

אויב מען זאָל אָננעהמען, אַז די לעבענסמיטלען, וועלכע מען בעדאַרף צו ער־האַלטען ביים לעבען אַן אַרבייטער אַ טאָג צייט קאָנען פּראָדוצירט ווערען אין זעקס שטונדען, אָדער, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, אַז אַרבייט, וואָס דער אַר־בייטער ענטהאַלט רעפּרעזענטירט זעקס שטונדען אַרבייט, וועט עס דאַן הייסען, אַז דער ווערטה פון דעם אַרבייטער'ס אַרבייטס־קראַפט קאָן אויסגעדריקט ווערען אין אַזאַ סומע געלד, וועלכע פערקערפּערט אין זיך 6 שטונדען אַרבייט.

אויב, ווייטער, דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער בעשעפטיגט דעם אַרבייטער, צאָהלט איהם אויס דיזע סומע (וועלכע רעפּרעזענטירט זעקס אַרבייטס־שטונדען), דאַן הייסט עס, אַז דער קאַפּיטאַליסט בעצאָהלט דעם אַרבייטער דעם פולען ווערט פון זיין אַר־בייטס־קראַפט.

ווען דער אַרבייטער, ווידער, אַרבייט אָב פאַר'ן קאַפּיטאַליסט זעקס שטונדען,

בעצאָהלט ער דעם קאַפּיטאַליסט פאַר אַלע זיינע אויסגאַבען — זעקס שטונדען אַרביט פאַר זעקס שטונדען געצאָהלט.

אָבער דערביי בלייבט גאַר ניט איבער פאַר דעם קאַפּיטאַליסט: ער בעצאָהלט וויפיעל ער קריעגט, און דאָס לוינט זיך איהם געוויס ניט. און ער זאָגט צו זיך אַליין: — איך האָב די ארבייטס־קראַפט פון דעם ארבייטער געקויפט ניט נאָר פאַר זעקס שטונדען, נאָר פאַר א גאַנצען טאָג. ער לאָזט דעם ארבייטער ארבייטען אכט, צעהן, צוועלף און אַמאָל פערצעהן שטונדען אַ טאָג, אזוי אז דער פּראָדוקט פון זיבעמער, אכטער און ווייטערדיגע שטונדען בלייבט ניט בעצאָהלט און פערבלייבט אין בעזיץ פון דעם קאַפּיטאַליסט.

דער ארבייטער, אלזאָ, פּראָדוצירט, ארבייטענדיג פאַר'ן קאַפּיטאַליסט, ניט בלויז דעם ווערטה פון זיין ארבייטס־קראַפט, פאַר וועלכער ער קריעגט בעצאָהלט, נאָר אויך א געוויסען עקסטרא אָדער מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה, וועלכען דער קאַפּיטאַליסט נעהמט צו פאַר זיך, ניט האָבענדיג דערפאַר בעצאָהלט. אין דעם ווייטערדיגען פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ווערט דאָס מעהר־ווערטה פערטיילט צווישען פערשיעדענע טיילען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. פון דעם מעהר־ווערטה געהען חלקים אַלס ר ע נ ט ע, געצאָהלט פאַר'ן רעכט צו בענוצען זיך מיט דער ערד, לאַנד, אַלס פּ ר אָ פ י ט, א טייל ווערט אָבגעלייגט אַלס זאַפּאַס, בילדעט די קאַפּיטאַליסטישע אָ נ ז א מ ל ו נ ג, — קורץ אַלע ניט־ארבייטענדע, גאַרניט פּראָדוצירענדע קלאַסען ציהען זייער הכנסה פון דעם ניט־בעצאָהלטען מעהר־ווערטה פונ'ם ארבייטער'ס ארבייט.

מיט דיזער ענטדעקונג האָט מאַרקס בעוויזען, אז די רייכטימער־אָנזאַמלונג פון די היינטיגע קאַפּיטאַליסטען בעשטעהט פונקט אזוי פון פרעמדער, ניט־בעצאָהלטער ארבייט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די שקלאַפען־בעזיצער פון אַמאָל און די פּריצים פון מיטעלאַלטער, און אז די אַלע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע אונטערשיידען זיך נאָר מיט דער ארט און ווייזע, ווי די ניט־בעצאָהלטע ארבייט ווערט אוועקגענומען.

דערמיט איז אוועקגענומען געוואָרען דער באָדען פון אונטער די פיס ביי די אַלע שווינדלערישע ריידערייען פון די הערשענדע קלאַסען, אז עס הערשען כלומר'שט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג — רעכט און גערעכטיגקייט, גלייכע רעכט און פליכטען, האַרמאָניע פון אינטערעסען און ד. גל. עס איז ארונטערגעריסען געוואָרען די מאַסקע פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און זי איז ארויסגעשטעלט געוואָרען אַלס א גרויסאַרטיגע אינסטיטוציע פון אויסבייטונג, פּונקט ווי די ביז־איצטערדיגע געזעלשאַפטס־אָרדנונגען זיינען געוועזען: — די אונגעהויערע מעהרצאָהל פון אַלע פעלקער בערויבט און געפּלינדערט פון א קליינער, אַלע מאָל קלענער ווערענדע מינדערהייט.

דאָס איז מאַרקס'עס אויפפאַסונג פון ווערטה, איהר פּראָדוקציאָן און פערטיילונג און אַז. וו.

נאַטירליך, די וויכטיגסטע וויסענשאַפטליכע יסודות, די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג און די טהעאָריע פון ווערטה, שעפּען ניט אוים די בעדייטונג פון מאַרקס'עס וויסענשאַפטליכע לייסטונגען. אויף יעדען איינציגען געביעט, וואו ער האָט געמאַכט אונטערזוכונגען, — און ער איז געוועזען פיעל זייטיג אין זיינע ארבייטען, — האָט ער געמאַכט זעלבסטשטענדיגע ענטדעקונגען.

אָבער די וויסענשאַפט איז געוועזען ביי מאַרקס'ן, — ווי ענגעלס האָט עס זעהר

גוט אויסגעדריקט אין דעם הספד ביי מאַרקס'עס לויה, — א געשיכטליך בעוועגענדע, א רעוואָלוציאָנערע קראַפט: „ווארום מאַרקס איז פריהער פון אַלץ געווען א רעוואָלוציאָנער. זיין אמת'ער לעבענסבערוף איז געווען מיטצוואווירקען, אויף איין אופן אָדער א צווייטען, אז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדנונג און איהרע שטאַאטס־איינריכטונגען זאָלען פאַלען; און אז דער מאָדערנער ארבייטער קלאַס, — וועמען מאַרקס האָט געגעבען דעם בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער לאַגע און בעדירפניסען און דעם בעוואוסטזיין פון די בעדינגונגען פון זיין בעפרייאונג, — זאָל ענדליך בעפרייט ווערען". זיין וויסען און איינבליק אין דער צוקונפט זיינען ביי מאַרקס'ן ניט געווען קיין ציעל פאַר זיך, זיי זיינען געווען נאָר מיטלען צום ציעל, — מיטלען אין קאַמפף פון די אַרבייטער פאַר זייער בעפרייאונג.

די גענויע בעקאַנטשאַפט מיט די געזעצען, וואָס בעשטימען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער געזעלשאַפט, האָט עס מעגליך געמאַכט פאַר מאַרקס'ן צו מאַכען אזעלכע פאָראויסזאָגונגען, וועלכע זיינען איינפאַך שטוינענד. אזוי, האָט ער אין 1847 יאָהר פאָראויסגעזאָגט די רעוואָלוציע פון יאָהר 1848. אויך מחמת דער זעלביגער אורזאַך איז ער אימשטאַנד געווען נאָך אין 1852 צו ערקלעהרען: „ווען דער קייזער מאַנטעל וועט ענדליך פאַלען אויף לואי באָנאַפּאַרט'ס אַקסלען, וועט די סטאַטוע פון נאַפּאָלעאָן ארונטערפאַלען פון דער וואַנדאָמער קאָלאָננע", — א נבואה, וועלכע איז ווערטערליך מקוים געוואָרען אין דער צייט פון דער פאַריזער קאָמונע אין יאָהר 1871.

דער קאָנזערוואַטיווער שריפטשטעלער רודאָלף מעיער בעמערקט וועגען דיזען אויסדרוק פון מאַרקס'ן: „מיין גאָט, עס פערכאַפּט דעם אָטעם, ווען מען לייענט, וואָס מאַרקס האָט געשריבען אין 1852 און וואָס איז ווערטערליך צו שטאַנדע געקומען אין 1871-1870! איך בין ניט קיין אָנהענגער פון העררן מאַרקס, אָבער איך בעוואונדער אויפריכטיג דעם זשעני, דעם פלייס און די טריהייט צו איבערצייגונגען, וועלכע גיבען אזוי זעלטען. זאָל גאָט געבען, אז די קאָנזערוואַטיווע פּאַרטיי זאָל האָבען אזעלכע מענער!"

אָבער נאָך מעהר האָט מאַרקס ארויסגעוויזען זיין היסטאָרישען בליק און שאַרפזין, ווען, אין מיטען ברען פון קריעג פון 1870, האָט ער פאָראויסגעזאָגט די פאָלגען פון דער דייטשער אַנעקסיע פון עלזאַס און לאָטרינגען.

מאַרקס האָט שוין דאַמאַלס געוואוסט, אז דער דייטש־פראַנצויזישער קריעג וועט אַריבערגעטראָגען קיין דייטשלאַנד דעם שווערפּונקט פון דער אַרבייטער בעוועגונג. ער האָט אָנגעוויזען אויף דער היסטאָריש־נויטווענדיגער פערבינדונג פון פראַנקרייך מיט רוסלאַנד, אז די אייביגע קריעגס־בערייטשאַפט אין גאַנץ אייראָפּאַ וועט זיין דער אונפערמיידליכער רעזולטאַט פון דער דייטשער אַנעקסירונג פון עלזאַס־לאָטרינגען.

דער אויסברוך פון דעם איצטיגען וועלט־קריעג, אין אויגוסט 1914, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער שטענדיגער קריעגס־פּאָרברייטונג אין גאַנץ אייראָפּאַ, וועלכע מאַרקס האָט בעצייכענט אַלס די נויטיגע פאָלגע פון די פּאַסירונגען אין 1870-71, האָט אם שטאַרקסטען בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון מאַרקס'עס בליק אויף דער ווייטערדיגער היסטאָרישער ענטוויקלונג.

5. קארל מארקס אין זיין פריוואט לעבען.

עס בלייבט אונז נאך איבער צו בעטראכטען קארל מארקס'ן און זיין שיקזאל, אלס מענש אין פריוואט לעבען. ביז אהער האבען מיר איהם בעטראכט אלס וויסענשאפטס־מאן און רעוואלוציאנערען ארגאניזירער פון דעם ארבייטער קלאס.

די געגנער און פריינד פון דיזען ווירקליך גרויסען מאן האבען זיך פיעל געסטארעט פארצושטעלען מארקס'ן, אלס א פערביסענעם, קריגערישען כאראקטער, פול מיט האס צו אלץ און אלעמען. אבער דאס איז דורכאוים פאלש. מארקס איז געווען דער ליעבענסווירדיגסטער מענש אין פערקעהר מיט אנדערע. און בלויז, וואו עמיצער האט געזוכט צו שעדיגען זיין לעבענס־ווערק און די אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאס, ווען ער האט גערינגט אונערמיעדליך, איז מארקס געווען דער אומברחמנות'דיגער פיינד. זיין גיפטיגער שארפזין האט ניט געשאנעוועט דעם, וואס האט זיך פערמאסטען, מיט א בייזער כונה, אויף דער ארבייטער בעוועגונג.

זאנסט איז מארקס געווען וואס מען רופט א „דזשענטעלמאן“, אינ'ם בעסטען זינען פון ווארט. זיין פאמיליען־לעבען איז געווען גליקליך. אין זיין פרוי האט ער געהאט א טרייען חבר און מיטארבייטער אין אלע זיינע טעטיגקייטען, און אין זיינע קינדער האט ער זיין נשמה געפיהלט. א טרייער פריינד צו זיינע פריינד איז ער געווען, אונאייגענוציג ביז צום אפפערן זיך. אזוי האט ער צעהנדליגע יאהרען לאנג, טראץ זיין ארעמקייט, מקריב געווען אלץ וואס ער און זיין פרוי האבען געהאט צו צאהלען חובות, אין וועלכע ס'איז אריין די „נייע רהיינישע צייטונג“, בעת זי האט אנגעפיהרט איהרע קעמפפע, הגם מארקס האט אין דעם פרט ניט געהאט קיין גרעסערע פערפליכטונג איידער ווער אנדערש.

אבער טראץ דעם אלעם האבען די פערלוימדונגען פון שונאים געהאט זייער ווירקונג, און פאר פיעלע מענשען בלייבט מארקס פאלש פארגעשטעלט. די אגענטען און אדוואקאטען פון דער קאפיטאליסטישער וועלט ווייסען, וואס פאר א מעכטיגען שונא זיי האבען אין מארקס'ן, און זיי האבען געטהאן „זייער בעסטעס“ איהם צו דיסקרעדיטירען, — פערזענליך, ווען ס'איז ניט מעגליך געווען געזעלשאפטליך.

נאך 1848, דעם אנפאנג פון די פופציגער יאהרען האבען די דייטשע צייטונגען, אויך אין ניו יארק און אין די פעראייניגטע שטאאטען פערשפרייט די וויסטע פערלוימדונג, פון וועלכער ס'איז נאך ניט פריי געווען קיין איינער פון די בעזונדער אקטיווע קעמפפער פאר'ן ארבייטער קלאס, אז ער לעבט פון ארבייטער־גראשען!

און דאס האט פאסירט גראד דאן, ווען מארקס און זיין פאמיליע האבען געלעבט אין לאנדאן אין דער טיעפסטער ארעמקייט און נויט. ווי גרויס עס איז געווען זייער נויט און ווי ביטער די ארימקייט, איז צו זעהן פונ'ם טאגעבוך, וואס איז פערבליבען פון דער פרוי מארקס, די איידעלע פרוי וואס איז געקומען פון דער העכערער געזעלשאפט און האט דערפאר דאפפעלט שארף געפיהלט די נויט און עלענד.

מיר לייענען אין דעם טאגעבוך פון פרוי מארקס: „אום אסטערן (קריסטליכען פסח) פון דעם יאהר (1852) איז קראנק געווארען אויף שווערען בראנקיט אונזער קליינע פראנציסקא. דריי טאג האט זיך דאס קליין ברעקעל געראנגעלט מיט'ן טויט. זי האט אזוי שרעקליך געליטען. איהר קליינער, אטעמלאזער קערפערל האט גערוהט אין ענגען הינטער קאמער. מיר אלע האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין פאדערצימער, און ווען ס'איז געקומען די נאכט האבען מיר זיך אויסגעבעט אויף דער פאדלאגע. די דריי לעבעדיגע קינדער זיינען געלעגען מיט אונז, און מיר האבען אלע

בעווייגט דעם קליינעם מלאך'ל, וואס האָט גערוהט קאַלט און בלאַס אין נעקסטען קאַמער. דער טויט פון אונזער ליעבען קינד איז געקומען אין צייט פון אונזער ביטערסטער נויט. ס'איז ניט געווען קיין געלד פאַר בעערדיגונג. איך בין דאַן אוועק צו א פראַנצויזישען אימיגראַנט, וואס האָט געוואוינט ניט ווייט פון אונז און האָט אונז ניט לאַנג צוריק בעזוכט. ער האָט מיר גלייך געגעבען, אויפ'ן פריינדליכסטען אופן, צוויי פונט סטערלינג (ענגלישע געלד). דערמיט האָבען מיר בעצאָהלט פאַר די קליינע טרונע, וואו ס'רוהט איצט אין פריעדען מיין אָרעם קינד. עס האָט קיין וויגעלע ניט געהאַט, ווען ס'איז געקומען אויף דער וועלט, און ס'איז איהר ניט בעשערט געווען קיין אייגען ווינקעל פאַר דער לעצטער רוה".

שפּעטער דעם זעלבען יאָהר, דעם 8טען סעפּטעמבער 1852, האָט מאַרקס געשריבען צו פריעדריך ענגעלס'ען, וועלכער איז שטענדיג בערייט געווען איהם צו העלפען:

„מיין פרוי איז קראַנק. לענכען איז קראַנק. לענכען האָט אַ מין נערווען־פיבער. דעם דאָקטאָר האָב איך ניט געקאָנט און קאָן ניט רופען: ניטאָ קיין געלד אויף רפואות. זינט די לעצטע אַכט־צעהן טעג שפּייז איך די פאַמיליע מיט קאַרטאָפּעל, און ס'איז צוויפעלהאַפט, צי עס וועט נאָך סטייען פאַר היינט. נאַטירליך איז די נאַהרונג ניט זעהר צופריעדענשטעלענד ביי איצטיגען קלימאַט.

„דעם אַרטיקעל פאַר דאַנאַ („ניו יארק טריביון") שרייב איך ניט: איך האָב ניט געהאַט די פּעני צו געהן לייענען צייטונגען."



דער בית עולם, וואו מאַרקס איז בעערדיגט.

אזוי האָט עס געלעבט זיך אינ'ם הויז פון דעם מאַן, וועמען זיינע שונאים האָבען אויפגעוואָרפען, אז ער לעבט פון ארבייטער גראָשענס. אונטער אַזעלכע אומשטענ־

דען האָט עס געלעבט דער מאַן, וועמען ביסמאַרק האָט שפּעטער פאַרגעלייגט ער זאָל קאָרעספּאָנדירען פאַר זיין „נאָרד־דייטשער אַלגעמיינער ציייטונג", און אז ער מעג פערלאַנגען וויפיעל ער וויל: געלד שפּיעלט קיין ראָלע ניט, — א פאַרשלאַג, וועלכען מאַרקס האָט גאַנץ נאַטירליך שאַרף צוריקגעוויזען.

די נויט האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגענומען אין מאַרקס'עס הויז. ערעמקייט האָט פון איהם ניט אָבגעטראָטען די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געאַרבייט איבער זיין גרויסען ווערק „דאָס קאַפּיטאַל". און ווען זאָרג פלעגט איהם אויף א ווייל אָב־לאָזען, פלעגען קומען קראַנקהייטען און שמערצען און אזוי איהם שווער מאַכען זיין אַרבייט, דאָס א געוועהנליכער מענש וואָלט לאַנג געזונקען אונטער דער לאַסט.

פון אָנפאַנג די 50־ער יאָהרען ביז צום אַמעריקאַנער בירגער־קריעג האָט מאַרקס קאָרעספּאָנדירט פאַר דער ניו יאָרק „טריביון", און די פערדיענסטען פון די קאָ־רעספּאָנדענצען האָבען אויסגעמאַכט דעם הויפּט־קוואַל פון זיין פאַמיליען־אויסהאַלט. ווען קראַנקהייט, אָדער מאַנגעל אין צייט, אָדער וויסענשאַפטליכע אַרבייט פלעגט מאַכען אונמעגליך פאַר איהם די קאָרעספּאָנדענץ־אַרבייט, פלעגט זי ענגעלס טהאָן, און פיעלע פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען ערשיענען אין דער „טריביון" אונטער מאַרקס'עס נאָמען, זיינען אין דער אמת'ן געשריעבען געוועזען פון זיין אָפּפערוויליגען פריינד. ווען ניט ענגעלס'עס שטענדיגע הילף וואָלט די פאַמיליע מאַרקס זיכער צו גרונד געגאַנגען.

מאַרקס האָט אָבגעשאַצט די קרבנות, וואָס ענגעלס האָט פאַר איהם געבראַכט, אין זיין שרייבען: „עס ליעגט מיר אַלע מאָל ווי אן אַלפּ (א באַרג) אויפ'ן געוויסען, וואָס דו פאַרצעהרסט און פערשווענדעסט פון מיינעטוועגען דיינע זעלטענע פעהיגקייטען."

ווען מאַרקס איז ענדליך פאַרטיג געוואָרען מיט'ן ערשטען באַנד פון זיין „קאַפּי־טאַל", אין 1867, נאָכדעם ווי ער האָט געלעזען די לעצטע קאָרעקטור, שרייבט ער זיין אונבעשרענקטען דאַנק צו זיין פריינד. אין דעם בריעף לייענען מיר:

„2 אוהר ביינאַכט, 16 אויגוסט, 1867.

„טייערער פרעד!

„פאַרטיג געוואָרען מיט'ן לעצטען בויגען פון דער קאָרעקטור (49). דער אָנפאַנג — די פאָרמע פון ווערטה — קליינגעדרוקט, פאַרנעהמט 1¼ בויגען.

„אויך אָבגעשיקט נעכטען די קאָריגירטע פאָררעדע. דער באַנד איז, אַלזאָ, פאַרטיג. בלויז ד י ר האָב איך צו פערדאַנקען, וואָס דאָס איז מעגליך געווען! אָהן דיין אויפאָפּפערונג פאַר מיר וואָלט איך ניט געקאָנט אונטערנעהמען די אונ־געהויערע אַרבייט אין דריי בענדער. איך דריק דיך צום האַרצען, פול מיט דאַנק!

„ביילייגענד צוויי בויגען קאָרעקטור.

„די 15 פונט סטערלינג ערהאַלטען מיט בעסטען דאַנק.

„זיי געגריסט, מיין ליעבער, טייערער פריינד!

„דיין ק. מאַרקס."

דאָס זיינען געווען די גליקליכסטע טעג אין זיין לעבען, ווען מאַרקס האָט ענד־ליך דערלעבט צו זעהן זיין ווערק פערענדיגט. זיין דאַמאָלסדיגע שטימונג האָט ער אויסגעדריקט אין א בריעף צו אן אַנדער פריינד זיינעם. דאָרט לייענען מיר, אונטער אַנדערען:

„פאַר וואָס האָב איך אייך ניט געענטפערט? ווייל איך האָב געהאַלטען ביים

ברענג קבר. איך האָב אַלזאָ געמוזט אויסניצען יעדען ארבייטספעהיגען מאָמענט אום פאַרטצוזעצען מיין אַרבייט, פאַר וועלכע איך האָב מקריב געווען מיין געזונד, לעבענס־גליק און פאַמיליע. איך האָף, אַז די ערקלעהרונג פאָדערט ניט קיין ווייטערע ווער־טער. איך לאַך פון די זאָגענאַנטע פּראַקטישע מענשען און זייער שכל. ווען מען וויל זיין אַן אָקס, קאָן מען נאַטירליך אומקעהרען זיך מיט׳ן רוקען צו מענשליכע ליי־דען און זאָרגען פאַר דער אייגענער פעל. איך וואָלט זיך אָבער געהאַלטען פאַר ווירק־ליך ניט־פּראַקטיש, ווען איך זאָל שטאַרבען, ניט האָבענדיג פערענדיגט מיין בוך, אַם ווענינסטען אין מאַנוסקריפּט.״

„דאָס קאַפּיטאַל״, זיין ווערק, פון וועלכען מאַרקס רעדט דאָ, איז ניט נאָר אַן אונשטערבליכער דענקמאָל פון וויסענשאַפט, נאָר אויך אַ דענקמאָל פון ניט־איבער־טראָפענעם מענשליכען העלדענמוט.

* * *

אַזוי איז געווען מאַרקס דער מענש, מאַרקס דער וויסענשאַפטסמאַן, און מאַרקס דער רעוואָלוציאָנער פון אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט!

ווען ס׳וועט מעהר קיין זכר ניט בלייבען פון די איצטיגע „גרויסע״ הערשער פון דער וועלט, ווען קיינער וועט זיך מעהר ניט דערמאָנען אַן די „גרויסע״ מענשען, וואָס פיגורירען אין די געשיכטס־ביכער — וועט מען ערשט דאַן אָנרופען קאַרל מאַרקס׳עס נאָמען. זיין נאָמען וועט איבערלעבען יאָהרהונדערטע, אַלס איינער פון די גרויסע מענשען פון אַלע צייטען, אַלס איינער פון די גרעסטע מענער פון דער וויסענשאַפט, — אַלס איינער פון די ערפאָלגרייכסטע פרייהייטס־קעמפּפער.

פּאַראַגראַפען פון קאַרל מאַרקס

אַרבייטער האָבען ניט קיין פאָטערלאַנד.

אָהן געוואַלט און אָהן אייזערנער ריקזיכטסלאָזיגקייט ווערט קיין זאַך ניט דורכגעפיהרט אין דער געשיכטע.

די מאָדערנע מלוכה־מאַכט איז נאָר אַן עקזעקוטיווע, אַן אויספיהרונגס־אָרגאַן, צו פער־וואַלטען די אַלגעמיינע געשעפטען פון דעם גאַנצען בורזשואַזען קלאַס.

די בורזשואַזיע האָט ניט איבערגעלאָזען קיין אַנדער פערבינדונג צווישען מענשען און מענשען אויסער דעם נאַקעטען אינטערעס, דאָס געפיהללאָזע „באַרע מזומן״.

די בורזשואַזיע האָט פערוואַנדעלט דעם דאָקטאָר, דעם אַדוואָקאַט, דעם גייסטליכען, דעם דיכטער, און דעם וויסענשאַפטס־מאַן אין איהרע בעצאָהלטע לוין־אַרבייטער.

די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג איז די בעוועגונג פון דער אונגעהויערער מעהרהייט אין די אינטערעסען פון דער אונגעהויערער מעהרהייט.

נאָר אין אַזאַ אָרדנונג, וואו עס גיבען ניט קיין קלאַסען און קיינע קלאַסען־געגענזאַצען, וועט מעגליך זיין געזעלשאַפטליכע ע נ ט וו י ק ל ו נ ג (עוואָלוציאָן) און ס׳וועלען אויפ־הערען פּ אָ ל י ט י ש ע ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ן.

קאַרל רענער:

35 יאָהר מאַרקסיזם

5 מערץ 1883 — 5 מערץ 1918.

35 יאָהר, אַ גאַנצער מענשליכער דור טיילט אונז אָב פון דעם טאָג ווען קאַרל מאַרקס איז געשטאָרבען. דער אונ׳ברוחמנות׳דיגער טויט האָט זינט דאַן אַרונטערגעשניטען פון לעבענספעלד אַ גרויסע צאָהל טוער פון פּראָלעטאַריאַט. זעהר וועניגע זיינען נאָך היינט פאַראַן צווישען די לעבעדיגע פון די, וואָס זיינען שוין געוועזן ערוואַקסענע מענשען, בעת מאַרקס איז געשטאָרבען, און האָבען דאַן געפיהלט דעם שווערען פערלוסט. פאַר דער צייט האָט די וועלט געביטען איהר פּנים, און די בירגער פון דער וועלט — זייער גייסטיגען אָנבליק. וואָרום אין קיין אַנדער צייט האָט זיך ניט געדרעהט אַזוי געשווינט דאָס ראָד פון דער געשיכטע, ווי אין דער צייט פון קאַפּיטאַליזם. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־פיהרונג בעווייזט צו בעגראָבען אין געצעהלטע חדשים און אַפילו טעג מלוכות און טראָנען וואָס זיינען געשטאַנען פעסט אין משך פון יאָהרהונדערטען; אין וואָסערע צעהנדליגע יאָהרען פערכאַפּט זי אין איהר שטראָמיגען גאַנג גאַנצע טיילען פון דעם ערד־קוגעל, און וואָס עס איז נאָך נעכטען ערשט געוועזן אַ טרוים איז שוין היינט אַ געשעהענער פאַקט. אויף דער פלעכע פון אָט דעם רוישיגען שטראָם — קאַפּיטאַליזם — ערשיינען און פערשווינדען שנעל איינצעלנע נעמען און גאַנצע וויסענשאַפטליכע סיסטעמען. דער שטויב פון דעם דענקער קאַרל מאַרקס ליעגט שוין אַ דור לאַנג אונטער דעם מצבה־שטיין און ניט ווילענדיג שטעלט זיך די פראַגע: **וואָס** איז נאָך פערבליעבען פון זיין פערזענליכקייט, וואָס לעבט נאָך פון זיינע ווערק, וואָס פון זיין לעהרע איז נאָך אויך היינט אמת און ווערטפול?

* * *

וויפיעל מאָל האָבען זיי איהם פערניכטעט, אַ הספּד געמאַכט און פייערליך בעגראָבען — אָט די אַלע דיפּלאָמירטע פּראָפעסאָרען און ליטעראַטען אָהן דיפּלאָמען, וואָס האָבען זיך אַ פּראָפעסיע געמאַכט און אָפּט אַ ספּאָרט, פון כסדר און סיסטעמאַטיש בעגראָבען דעם ריעזען־גייסט! וואו זיינען זיי, אָט די פערשוועכער און בעשמירער פון מאַרקס׳ען, די נישטיגע פליגען, וועמען די שרייאיגע בורזשואַזע פּרעסע ראָט פאַר העלדען געמאַכט, פאַר בעריהמטהייטען אויף אַ שטונדע. ביז ס׳וועט קומען אַ צווייטער שאַרלאַטאַן, אַ נייער בוך־וואָרים, וואָס וועט זיי פערבייטען, פערנעהמען זייער מיזעראַבעלען פּלאַץ, — וואו זיינען זיי אַלע? די גרעסטע צאָהל פון זיי איז פערגעסען. **און מאַרקס לעבט און ווירקט, און זיין לעהרע איז פריש און ערקוויקענד ווי דעם ערשטען טאָג.**

געוויס, פיעלעס דערפון, וואָס מאַרקס האָט ענטדעקט, איז איצטער געוואָרען אַלגעמיינער אייגענטום און איז אריין אין דעם געמיינזאַמען שאַץ־קאַסטען פון אַלע פעלקער. פיעלעס דערפון, וואָס האָט געקלונגען, אַלס אַ געוואַגטע ניי־איינפיהרונג, ווען מאַרקס האָט עס צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט, ווערט היינט בעטראַכט, אַלס זעלבסטפערשטענדליך. פיעלע פון זיינע שאַרף־געשמידטע געדאַנקען זיינען פערוואַנדעלטע געוואָרען אין גאַנגבאַרען קליין־געלד, און דער בורזשואַזער שרייבער פערשווענדט עס איצטער ניט פערטראַכטענדיג זיך אַפילו אויף אַ רגע. פיעלע פון די

מאַרקסיסטישע גרונדלאַגען, וואס האָבען ביי זייער ענטשטעהונג געמאַכט א גאַנצע איבערקעהעהרניש אין דער וויסענשאַפט, זיינען איצטער אריין אין דער טאָג־טעגליכער פּראַקטיקע פון דעם פּראָלעטאַריאַט; זיי זיינען איצטער געוואָרען דער יסוד פון אַזעלכע מאַסען־אַקציאָנען, וועגען וועלכע מען האָט דאַמאָלס קוים געטרוימט. אויך דאַרף מען ניט פערגעסען, אז די גרעסטע צאָהל פון מאַרקס'עס געדאַנקען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען, בעת די קולטור פון דעם 19טען יאָהרהונדערט איז נאָך געווען אין קינדער־ווינדעלעך, ווען דער אייזערנער צודעק פון דעם רעאַקציאָנערען „היילינען פערבאַנד" (פון פינף קיסרים: רוסלאַנד, עסטרייך, פּרייסען, פראַנקרייך און ענגלאַנד) האָט גע־האַלטען צונויפגעשמידט די גאַנצע מענשהייט, ווען גאַנץ אייראָפּא איז בס"ה געווען א וועלט פון פּויערשע דערפלעך, צעכאָווע שטעדט, און א לאָקאָמאָטיוו איז געווען א זעלטענהייט. מען דאַרף זיך דערמאָנען דייטשלאַנד פון 1844 יאָהר, 13 יאָהר נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבען העגעל, — דייטשלאַנד אָהן אייזענבאַהנען, טעלע־גראַפען און פאַבריקען, דייטשלאַנד פון פּאָטשט־קאַרעטען און צעכאָווע מייסטערס, פון גאָטספורכט, פרומקייט און קליינבירגערליכער זעלבסטצופריעדענהייט, — אום צו אָבשאַצען ריכטיג די דרייסטע ווערטער פון מאַרקס'ען אין די דייטש־פראַנצויזישע „יאָהר־ביכער", — פּראָפעטישע ווערטער, וואָס האָבען אויף א גאַנצען יאָהר־הונדערט אַריבערגעזאָגט זייער צייט:

„פּונקט ווי די פילאָזאָפיע געפינט איהר מאַטעריעלען געוועהר אין דעם אר־בייטער קלאַס, אַזוי געפינט דער ארבייטער קלאַס זיין גייסטיגען געוועהר אין דער פילאָזאָפיע. און אַזוי שנעל ווי דער בליץ פון געדאַנק וועט ווי ס'געהער צו זיין טרעפען אין אָט דעם נאָך ניט בעריהרטען פאָלקס־באָדען, וועט געשעהען די בע־פרייאונג פון די דייטשען אין מענשען... די פילאָזאָפיע איז דער קאָפּ פון דער בעפרייאונג, דער פּראָלעטאַריאַט — איז איהר האַרץ."

דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין דער צייט, ווען דערמאָנען דעם וואָרט פּראָלע־טאַריאַט אין דייטשלאַנד איז געווען העכסט געוואַגט, ווען ניין־צעהנטעל פון די דייטשע ארבייטער און בעל מלאכה געזעלען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט געדאַנקען פון מיטעלאַלטער! און בעת די העגעליאַנישע מעטאַפיזישע פילאָזאָפיע האָט נאָך בע־הערשט אַלע וויסענשאַפטען און צווישען דער טעאָריע און פּראַקטיק איז געשטאַנען א טיעפער אָבגרונד, האָט מאַרקס, אין 1845 יאָהר, געזאָגט, ריידענדיג וועגען לודוויג פייערבאַך'ן:

„די פילאָזאָפען האָבען נאָר פערשיעדען אויסגעטייטשט די וועלט; וויכטיג איז, אז מען זאָל די וועלט ענדערען".

מאַרקס האָט דאָ מיט גאַנצע צוואַנציג יאָהר פאָראויסגעכאַפּט דעם דרייסטען אויסדרוק פון פערדינאַנד לאַסאַל וועגען „דעם צווילינג — די וויסענשאַפט און דאָס פאָלק", און מיט א האַלבען יאָהרהונדערט פאָראויס האָט ער אָנגעצייכענט דעם וועג, אויף וועלכען ס'האָט זיך ענדליך געשטעלט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע: די רעוואָ־לוציאָנערע טאַקטיק געבויט אויף דער וויסענשאַפט! די גוואַלדיגע מעהרהייט געלערנטע פון יענער צייט, דער יאָהרצעהנדליג וואָס פאַר דער מערץ רעוואָלוציע, האָט אפילו ניט בעמערקט די ערשטע שפּראָצונגען פון אָט דער ענטוויקלונג. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכען מאַרקס האָט שוין דאַמאָלס פאָראויסגעזעהן, צעהלט איצ־טער צעהנדליגע מיליאָנען: ער געהט מיט דעם וועג, וואָס מאַרקס האָט אָנגעצייכענט, ער האָט נאָך אָבער ניט דערגרייכט אפילו די העלפט פון דעם וועג.

און, באמת'ן, צי איז עס ניט געווען עכט פּראָמעטעישע דרייסטיגקייט דאָס וואַרפען אין פּנים אַריין דער בורזשואַזער, — נאָך אויף העלפט פּריציש־פּעדעראַלער — וועלט דעם אמת וועגען קלאַסען־קאַמפּף! די ווערטער פון „קאָמוניסטישען מאַני־פעסט": „די געשיכטע פון דער ביז־איצט עקזיסטירענדער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפּף", זיינען געשריבען געוואָרען אין 1847, ווען ס'האָט ערשט אָנגעהויבען אויפצובליהען די צייט פון דער בורזשואַזיע, נאָך איידער די בורזשואַזיע האָט אין די אייראָפּעאישע לענדער, — אויסער ענגלאַנד, — ערוואָר־בען איהר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פרייהייט; נאָך פאַר דער מערץ רעוואָלוציע פון 1848, ווען דער אַרבייטער קלאַס איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער בורזשואַ־זיע און ער האָט אפילו ניט חושד געווען, אַז זיינע פּראָלעטאַרישע אינטערעסען זיי־נען דער היפּוך דערפון צו וואָס עס שטרעבט די בורזשואַזיע. דאָס איז געווען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט ערשט געזוכט א סוף צו מאַכען פון שטאַנד־פּרי־ווילעגיעס און אויסנאַהם־רעכטען פון די פירסטען, די מאַכט פון דער אַריסטאָקראַ־טיע און דער קירך.

עס איז געווען ממש גיגאַנטיש, ריעזיג־גרויס די מאַכט, מיט וועלכער מאַרקס האָט פאָראויסגעזעהן די געזעצען פון ענטוויקלונג פון א פולשטענדיגער נייער געזעל־שאַפט, די שנעלקייט און די גרענעצען פון דער ענטוויקלונג. אין 1847, אין דער „אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע", ערקלעהרט ער:

„א אונטערדריקטער קלאַס — דאָס איז דער אונפערמיידליכער תנאי פון קיום פון יעדער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם געגענזאַץ פון קלאַסען. די בעפרייאונג פון דעם אונטערדריקטען קלאַס — דאָס בעדייטעט פאָלגליך, אונפערמיידליך די אויסבילדונג פון א נייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג."

דאָס איז געזאָגט געוואָרען נאָך איידער די בורזשואַזיע אליין האָט געהאַט בע־פעסטיגט איהר מאַכט דורך רעוואָלוציאָנערע אקציאָן, און דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך דאַמאָלס געגאַנגען געשלאָסען אייניג מיט דער בורזשואַזיע. די גרענעצען און די בעשטימטע תנאים פון דעם זיעג פון פּראָלעטאַריאַט זיינען נאָך ביז היינט ניט דער־גרייכט, אָבער מאַרקס האָט זיי פאָראויסגעזעהן און פאָראויסגעזאָגט מיט א יאָהרהונ־דערט פאַר דער צייט פון זייער פערווירקליכונג:

„כדי א אונטערדריקטער קלאַס זאָל האָבען די מעגליכקייט צו בעפרייען זיך, איז נויטיג, אַז די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דער געזעל־שאַפט, פון איין זייט, און די עקזיסטירענדע פערהעלטניסען צווישען די טיילען פון דער געזעלשאַפט, פון דער צווייטער זייט, זאָלען אזוי אויסוואַקסען און ענט־וויקלען זיך, דאָס זיי זאָלען מעהר ניט קענען בשלום אויסקומען זייט ביי זייט. (ד. ה. אַז די עקזיסטירענדע בעציהונגען פון די געזעלשאַפטליכע קלאַסען אינ'ם אינדוסטריעלען פּראָצעס זאָלען אויפהערען צו שטימען מיט די אויסגעוואַקסענע פּראָדוקציאָנס־כחות פון דער געזעלשאַפט.) דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס איז דער פּראָדוקטיווסטער פון אַלע קלאַסען, וואָס בעטייליגען זיך אין דעם פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס. די אָרגאַניזירונג פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען אין א קלאַס איז ערשט מעגליך ווען אַלע פּראָדוקטיווע כחות, וועלכע קאָנען זיך ענטוויקלען אין דער אַלטער פאָרמע פון געזעלשאַפטליכען לעבען, האָבען זיך שוין ענטוויקעלט," — און דאָס מיינט, אַז ס'איז ניט מעגליך קיין פריהצייטיגע פערווירקליכונג פון די רעוואָלוציאָנערע ציעלען פון דעם אַרבייטער קלאַס. ער

מוז דורכמאַכען די ענטוויקלונג פון צוטיילטע „רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען" ביז צו א „רעוואָלוציאָנערען קלאַס", איידער ער קאָן ווערען פאָלשטענדיג פריי.

איצטער ריידען אַלע וועגען געזעלשאַפטליכע קלאַסען און קלאַסען־קאַמפף. דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" איז ביי אַלעמען אין מויל. אבער אין 1847 זיינען קיין אָרגאַניזאַציעס ניט געווען, ס'איז נאָך ניט געווען אין דער ווירקליכקייט קיין ממשות'דיגער באָדען פאר די אויסדרוקען. אויפ'ן לאַנד־טייל פון אייראָפּא, — אויסער די אינזלען פון ענגלאַנד, — זיינען נאָר געווען אָנדייטונגען אויף קלאַסען־קאַמפף, און די וועלט פון דענקער און פּאָליטיקער איז פאַרבייגעגאַנגען די ערשיינונג, אפילו ניט פערדאַכטענדיג, אַז זי עקזיסטירט. אַלע קלאַסען פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט האָבען זיך געפיהלט אַלס אַן איינהייטליך פאָלק וואָס שטעהט פיינדליך געגען איבער די פריצישע שיכטען. מאַרקס האָט דאַמאַלס אַרויסגעשטעלט די גרונד־געדאַנקען פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג, גראָד אין דעם זעלבען יאָהרצעהנדליג, ווען דער ענגלישער קאַרלייל האָט געשריעבען זיין פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע: „וועגען העלדען, העלדישקייט און העלדישעס אין דער געשיכטע". מאַרקס, דאָס קינד פון עקאָנאָמיש־אָבגעשטאַנענעם דייטשלאַנד, האָט פערפאַסט די טעאָריע פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג, בעת קאַרלייל, וואָס האָט געלעבט אין דעם אינדוסטריעל ענטוויקעלטען ענגלאַנד, אינ'ם סאַמע ברען פון דעם קאַמפף פון די ענגלישע פּראָפּעסיאָנעלע פעריינען און אין מיטען פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפף פון די פאָלקסמאַסען אונטער די „טשאַרטיסטען", האָט זיך געפּלאָנטערט אין די פוסטע ווילדערנישען פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע. און די בורזשואזע וויסענשאַפט האָט נאָך א האַלבען יאָהרהונדערט געהאַלטען זיך ביי דער פילאָזאָפיע.

איצטער ווייס יעדער איינער, אָדער לכל הפחות גיבען אַלע צו, אַז די הויפּט בעוועגענדע קראַפט אין דער געשיכטע איז וואָס מאַרקס האָט אין 1859 יאָהר אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער אין דער „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע": „די מיטלען פון פּראָדוצירען דאָס מאַטעריעלע לעבען בעשטימען (עם הענגט אָפּ פון זיי) דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון בכלל סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען". די שאַרלאַטאַנען און די פּראָפעסיאָנעלע מאַרקס־בעקעמפפער האָבען אומעטום און אַזוי לאַנג געשריען, אַז מאַרקס'עס געדאַנקען זיינען פאַלש, ביז איבעראַל, אַפילו אין די בורזשואזע קרייזען, זיינען די געדאַנקען פון מאַרקס'ען געוואָרען דער גרונדשטיין פון אונזער גאַנצען וויסענשאַפטליכען דענקען. דערמיט ווערט ניט געזוכט צו בעהויפּטען, אַז די בורזשואזע וויסענשאַפט האָט אַנערקענט פאַר ריכטיג אויף דעם פאָרשונגס־מעטאָד פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם.

דער אידעען־קאַמפף צווישען דער לעהרע פון מאַרקס און זיינע געגנער האָט זיך געענדיגט מיט דעם דורכפאַל פון זיינע געגנער. דאָס שטענדיגע בעקלאָגען זיך פון די געשלאָגענע ענדערט ניט דעם פאַקט.

אין די יאָהרען 1845 און 1847 האָט נאָך מעטערניך רעגיערט איבער דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק און ער האָט געדריקט די בורזשואזיע. איז עס געווען אַן אונערהערטע געוואַגטקייט צו כאַראַקטעריזירען און אויסצוטייטשען די מאָדערנע געשיכטע אַלס אַ קלאַסען־קאַמפף צווישען דער בורזשואזיע און פּראָלעטאַריאַט. ערשט אין אונזערע טעג האָט זיך דער קאַמפף ענטוויקעלט און געוואָרען אַן אַלגעמיין בעגרייפליכער פאַקט. איצטער קאָן נאָר אַ בלינדער פערגינען זיך ניט צו זעהן, אַז אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד און, אין עטוואָס אַ קלענערער מאָס, אויך אין אַלע אַנדערע קול־

טורעלע לענדער שטעהט די אָרגאַניזאציע פון אונטערדריקטע קאַמפּפס־פּערטיג געגען דעם אָרגאַניזירטען קלאַס פון אונטערדריקער, הגם ניט אַלעמאָל געהט אָן דער קאַמפּף צווישען זיי. „די אונדוסטריע שטעלט אַרויס איינס געגען דאָס אַנדערע צוויי מחנות. אָבער אין יעדען לאַגער בעזונדער קומט פאָר אַ קאַמפּף צווישען די איינצעלנע רעגימענטען“. אַזוי שילדערט מאַרקס די לאַגע אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, אין זיין „לוין־אַרבייט און קאַפּיטאַל“, ערשינען אין 1849. וואס עס פּאַסירט די לעצטע יאָהרען (נאָך פאַר'ן קריעג) בעשטעטיגט פולשטענדיג די אַנזיכטען פון מאַרקס'ען. די אונגעהויערע בעוועגונג פון די אַרבייטער אין ענגלאַנד געגען אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל ווערט גלייכצייטיג בעגלייט פון א ביטערען קאַמפּף מצד די בורזשאַזע ראַדיקאלען געגען די לאַנד־בעזיצער; אין דייטשלאַנד קעמפּפט מעכטיג דער אַרבייטער קלאַס, פּאָליטיש — דורך די וואַהל־קעמפּפע, מיט דער בורזשואַזיע, וועלכע פון איהר זייט לאָזט זיך ניט בעהערשען פון דעם יונקער־קלאַס; אין עסטרייך־אונגאַרן קעמפּפט דער אַרבייטער קלאַס געגען דער בורזשואַזיע פאַר דאָס וואהל־רעכט, און גלייכצייטיג קעמפּפען די אַרבייטער געגען דער רויבערשער פּאָליטיק פון די אַגראַריער־לאַנד־געזעצען, און ער ווערט דערין פיעל ווענינ געשטיצט פון די אינדוסטריעלע קלאַסען און פון דער אינטעליגענץ. די אַלע פּאַקטען, וועלכע מיר האָבען נאָר וואס בייגעוואוינט, בעווייזען אין דער פּראַקטיק, וואס מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט, נאָך אין 1886, אין „קאַפּיטאַל“:

„די וואָס בעזיצען ניט מעהר ווי זייער אַרבייטס־קראַפט, די וואָס בעזיצען קאַפּיטאַל, און די לאַנד־בעזיצער, וואס זייער איינקונפט איז ענטשפּרעכענד: לוין, פּראָפיט און ערד־רענטע, אָדער, אין אַנדערע ווערטער: די געדונגענע אַרבייטער, די קאַפּיטאַליסטען און די ערד־אייגענטימער, — זיי בילדען די דריי גרויסע קלאַסען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואס האַלט זיך אויף דער קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־וויידזע“.

איצטער וועט קיינער ניט לייקענען דעם רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער איבערקעהרעניש, נאָכדעם, ווי פאַר אונזערע אויגען איז דורך, און האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצען פערענדיגט, דער שטורעם פון גרויסע בעוואפענטע רעוואָלוציעס און רעוואָלוציאָנערע מלחמות אין אַלע פינף טיילען פון דער וועלט. אָט די קאַפּיטאַליסטישע איבערקעהרעניש וואָלט געטראַגען דעם כאַראַקטער פון איינפאַכער ענטוויקלונג, פון עוואָלוציע און ניט רעוואָלוציע, ווען זי זאָל ניט זיין געווען פאָרגעקומען אין דער אומגעבונג פון קלאַסען־קאַמפּף און וואָלט ניט געהאַט בעשאַפען אַלץ נייע און אַלעמאָל שאַרפערע געגענזאַצען און ווידערשפּרוכען. ווי מאַרקס האָט שוין בעמערקט אין דער „אָרעמקייט פון דער פילאָסאָפיע“ (אין 1847), איז עס „נאָר אין דער אומגעבונג און זאַכלאַגע, ווען ס'איז ניטאָ קיין קלאַסען און קיין קלאַסען ווידערשפּרוך, ווען געזעלשאַפטליכע עוואָלוציע הערט אויף צו זיין אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע“. אַז אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע, אין לענדער מיט אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, מוז ניט דוקא בעגלייט זיין פון קלאַסען־קאַמפּף און באַריקאַדען, בעווייזען די צוויי נצחונות, וואס די ענגלישע ליבעראַלען און די אַרבייטער פּאַרטיי האָט אָבגעהאַלטען איבער די קאָנסערוואַטיווען. אָט דער זיעג האָט אינגאַנצען אומגעענדערט דעם אינהאַלט פון דער פּאָליטיק און געזעצגעבונג אין לאַנד און האָט אַריבערגעשטעלט דעם שווערפּונקט פון די קלאַסען־פערהעלטניסען אין ענגלאַנד, הגם דאָס איז נאָך עד היום ניט אָבגעשאַצט געוואָרען אין

דער פּולער מאָס. פאר די אַלטע דעמאָקראַטישע לענדער פון מעריב אייראָפּא בלייבט, פאַרשטעהט זיך, אין קראַפט דער בעריהמטער שפּרוך פון ענגעלס'ן אין דער פאָר־רעדע צו מארקס'עס „קלאַסען־קאַמפּף אין פראַנקרייך“ (1895), אַז, די צייט פון פּלעצליכע איבערקעהרענישען, וואָס ווערען געמאַכט פון קליינע בעוואוסטזיניגע מינדער־הייטען אָן דער שפּיץ פון גרויסע אונבעוואוסטזיניגע מאַסען, איז פאַריבער“. די ווערטער פון ענגעלס'ן האָבען פערלאָרען זייער זין נאָך בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד, און שפּעטער בעת די רעוואָלוציעס פון פּאָרטוגאַל, טערקיי, פּערזיען, כינא און א. וו.

די צוטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף צוויי גרויסע פיינדליכע לאַגערען — די בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט — איז נאָך פיעל שיינבארער אין דעם ריין עקאָנאָמישען קאַמפּף, איידער אין פּאָליטישען. אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעהמער, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען איצטער אָרגאַניזירט נאָך איין מוסטער. די פערבאַנדען פון אונטערנעהמער זיינען דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסען־אַוואַנגאַרד געגען איבער די צענטראַלע און צענטראַליזירטע פערבאַנדען פון די פּראָפעסיאָנעלע ארבייטער פעראיינען (יוניאָנס). עס ווערען געפלאַנעוועט אינטערנאַציאָנאַלע צו־זאַמענפאָהרען פון נאַציאָנאַלע און צענטראַלע אונטערנעהמער פעראיינען. מיר זעהען ריזיגע צוזאַמענשטויסען פון ארבייט און קאַפּיטאַל, וועלכע רודערען אויף ביז'ן סאַמע גרונד דעם עקאָנאָמישען און, דערמיט, דעם גייסטיגען לעבען פון די פעלקער. אַזוי איז געוועזען דער פאַל מיט דעם קוילען־גרעבער סטרייק אין ענגלאַנד, אין 1912. מאַנכעס מאָל ווערען אין דעם קאַמפּף אָנגעווענדעט באַרבארישע מיטלען, וואָס זיי־נען ניט ווענינגער גרויזאַם, ווי די מיטלען מיט וועלכע מען פלעגט זיך בענוצען אין די מלחמות פון די אַלטע צייטען. געמיינהייטען, שפּיאָנאַזש, כאַבאַר, קאָרופּציאָן און פּראָוואָקאַציע, — אַזעלכע און אַנדערע שענדליכע מיטלען ווערען אויסגענוצט אין אָט דעם סאָציאַלען קאַמפּף צווישען די קלאַסען, ווי דאָס האָבען געטאָן איינצעלנע קאַפּיטאַליסטישע גרופּען אין אַמעריקא כדי צו צוברעכען די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. ס'איז גענוג צו דערמאָנען וועגען אַלערליי נגישות, וואָס ווערען אָנגעטאָן צו די אונטערנעהמער, וועלכע ווילען ניט אונטערוואַרפען זיך צו זייער בעטרעפענדען אונטערנעהמער פעריין און לעבען גוט מיט דער אַרבייטער־יוניאָן; וועגען אונטערשטיצונג פון פעררעטערישע סקעב־יוניאַנס, קלעפּ פון הינטער'ן ווינקעל וואָס מען וואַרפט אָהן מיטלייד און איינזעהן אויף די קעמפּפענדע אַרבייטער; וועגען רעגולערע בעלאַגערונג פון סטרייקער דורך הונגער און דאַכלאָזיגקייט, לאָקאַוטען — פון איין זייט, און באָיקאָטען און סטרייקס — פון צווייטען זייט, — ס'איז גענוג אָט דאָס אַלעס דורכצוזיפּען אין זכרון און בעטראַכטען ביז וואָס פאַר אַ שטופע די אַלע סאָציאַלע אויפרודערונגען זיינען ענטוויקעלט אין פערשיעדענע לענדער, און ס'וועט זיך קוים גלויבען, אַז די פאָלגענדע שורות האָט מארקס געשריבען אַזוי ווייט צוריק, ווי אין 1847 — אין דער „אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע“:

„די אַרבייטער־פעראיינען האָבען ניט אויפגעהערט אויף איין מינוט צו וואַק־סען און ענטוויקלען זיך צוזאַמען מיט דעם וואוקס און ענטוויקלונג פון דער מאָ־דערנער אינדוסטריע. אין היינטיגען טאָג איז דאָס אַזוי ווייט ריכטיג, אַז די שטופע פון דער ענטוויקלונג פון ארבייטער פעראיינען אין אַ געוויסען לאַנד בע־ווייזט פּינקטליך וואָס פאַר אַ פּלאַץ דאָס בעטרעפענדע לאַנד פאַרנעהמט אויף דעם אינדוסטריעלען וועלט־מאַרק.“

אָבער, דערצעהלט מען אונז, מאַרקס האָט דאָך געמאַכט טעות׳ן? דער קלאָהרער דענקער און ווייט־זיכטיגער פּאָליטיקער וואס ער איז געווען, האָט ער דאָך אַרויסגע־שטעלט די טעאָריע פון צוזאַמענברוך און פאַרעלענדונג? איז ער דאָך געווען ביז אַ געוויסער מאָס אַ בלאַנקיסט־בונטאַר און שטודירענדיג אין די דייטשע אוניווערסי־טעטען האָט ער פיעל געלאָזט זיך בעאיינפלוסען פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע? און אום צו האָבען אַ לויטערען, דורכאויס פעהלערלאָזען מאַרקס׳ען דאַרף מען אָרונ־טערנעהמען פון זיין גייסט די פערדריסליכע פלעקען פון דער מעטאַפיזישער דיאַלעק־טיק און בונטאַרסטווע?

מיר האָבען געזעהן, אַז צוויי דורות, פאַר און נאָכ׳ן טויט פון מאַרקס׳ען, האָבען ניט בעוויזען אין דער פולער מאָס אָבצושאַצען די קראַפט פון זיין געדאַנק: און פונקט אַזוי איז עס אונמעגליך צו אורטיילען וועגען זיין דענקען פונ׳ם שטאַנדפונקט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, וואס עקזיסטירט היינט, אָדער אפילו פון אַ גאַנצען יאָהר־צעהנדליג. דער אַרבייטער קלאַס פון דייטשלאַנד, צ. ב., האָט אין די צעהן יאָהר צווישען 1890 און 1900 אָהן ספק פערבעסערט זיין עקאָנאָמישע לאַגע, ווי אין פער־גלייך מיט די פאָריגע יאָהרען און אין פרט פון שכירות פערגרעסערונג, אַזוי אויך אבסאָלוט, ד. ה. דער דייטשער אַרבייטער האָט אויך בעסער געלעבט איידער פריהער, ער האָט געקאָנט מעהר גיטער זיך איינקויפען פאַר זיינע פערדיענסטען. און דאַמאלס האָט די טעאָריע פון „פערעלענדונג“, ד. ה., אַז די אַרבייטער מאַסען ווערען אַלעמאָל אָרעמער, אויסגעוויזען ווי אַן אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיע, ווי מען האָט, צ. ב., בע־טראַכט די רעוואָלוציע פון 1848, פאַר אַ ליטעראַרישען חלום, בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט זיך זינט דאַן מעהר ניט ווידערהאָלט. מען דאַרף האָבען אין זינען, אַז די צעהן יאָהר, וואס מיר בעטראַכטען, זיינען געווען די צייט פון ראַשיגער קאַפּיטאַליסטי־שער און קאָלאָניאַלער ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד, און די לאַגע פון די לוין־אַרבייטער איז געשטיגען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אויפבליהונג. די עהנלי־כע לאַגע אין ענגלאַנד האָט געמאַכט די ענגלישע אַרבייט צו שלאָפען פּאָליטיש גאַנצע פיער יאָהר־צעהנדליגען. זאָגט מאַרקס אין „לוין־אַרבייט און קאַפּיטאַל“:

> „אפילו די גינסטיגסטע לאַגע פאַר דעם אַרבייטער, — ווען דער קאַפּי־טאַל וואַקסט אַזוי שנעל ווי מעגליך, — ווי זי זאָל ניט פאַר־בעסערען דעם מאַטעריעלען לעבען פון דעם אַרבייטער, — שאַפט זי אַלץ ניט אָב דעם געגענזאַץ צווישען זיינע אינ־טערעסען און די אינטערעסען פון דעם קאַפּיטאַליסט. פּראָפיט און אַרבייטס־לוין בלייבען, ווי געווען, אין אומגעקעהרטער בעציהונג (ד. ה., וואס גרעסער די אַרבייטס־לוין פון דעם אַרבייטער, אַלץ אַ קלענערער פּראָפיט בלייבט פאַר דעם אַרבייטס־געבער). אויב דער קאַפּיטאַל וואַקסט זעהר שטאַרק, איז מעגליך, אַז דער אַרבייטס־לוין זאָל שטייגען, אָבער דער פּראָפיט פונ׳ם קאַפּיטאַליסט וואַקסט ניט צו פערגלייכען שנעלער. די מאַ־טעריעלע לאַגע פון דעם אַרבייטער איז געוואַקסען אויפ׳ן חשבון פון זיין געזעלשאַפטליכער לאַגע. דער געזעלשאַפט־ליכער אָבגרונד, וואָס טיילט אָב דעם קאַפּיטאַליסט פון דעם אַרבייטער איז טיעפער געוואָרען.“

אין אַנדערע ווערטער קאָן מען אַזוי אויסדריקען דעם זעלביגען געדאַנק: דער אַרבייטער רייזט איצטער אין דריטען קלאַס פון פּאַסאַזשיר־צוג מיט פיעל גרעסערע

בעקוועמליכקייטען, ווי צוואַנציג יאָהר צוריק, אָבער פיעל גרעסער איז דער חילוק צווי־שען דעם פּאַסאַזשיר פון 1טען קלאַס, היינט און מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. און דאָס מיינט, אַז דער אונטערשיעד צווישען דעם היינטיגען 1טען קלאַס און 3טען קלאַס פּאַסאַזשיר איז ניט צו פערגלייכען גרעסער, ווי דאָס איז געווען מיט 20 יאָהר צוריק, טראָץ דעם וואָס דער ארבייטער רייזט היינט, אין זיין קלאַס, מיט א סך מעהר בע־קוועמליכקייטען, ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק.

צום שלוס פון 19טען יאָהרהונדערט, ווי מיר האָבען עס פריהער געזעהען, איז בעדייטענד פערבעסערט געוואָרען די מאַטעריעלע לאַגע פון די ארבייטער. אָבער מיט דעם אָנקומען פון 20טען יאָהרהונדערט הייבט אָן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוק־ציאָנס מעטאָדע ווידער ארויסצואווייזען איהרע שרעקען. די רענטע פון ערד ווערט מעהר ניט רעגולירט מחמת צו פיעל פּריזע, ניט־בעאַרבייטעטע לאַנדרייען; דער פּראָ־פיט פון קאַפּיטאַל, א דאַנק די טראַסטען און מאָנאָפּאָליעס, וואַרפט אום די שוואַכע צאָהם פון קאָנקורענץ. ביידע, לאַנד־רענטע און קאַפּיטאַל־פּראָפיט שטייגען משונה׳־דיג הויך: עס וואַקסט דער יקרות אויף ערד און סחורות. דער ארבייטס־לוין שטייגט אויך, אָבער אויף א דרך ארץ׳דיגער שטרעקע פון דעם יקרות אויף לעבענסמיטלען, און אַט די שטרעקע ווערט אַלעמאַל גרעסער. די פערגרעסערטע שכירות פארבעסערען שוין מעהר ניט די לאַגע פון דעם ארבייטער. דער קאַפּיטאַליזם האָט איצטער געענדערט זיין טאַקטיק אין איין זעהר וויכטיגען פּרט: פריהער האָט ער דורך ב י ל י ג ע פּ ר י י־ז ע ן אטאַקירט די פעסטונג פון דער אַלטער פעאָדאַלער (פּריצישער) ווירטשאַפט־ליכער אָרדנונג, איצטער בויט ער פון ה ו י כ ע פּ ר י י ז ע ן דעם מויער, וואָס בעשיצט די הערשאַפט פון מאָנאָפּאָליזירטען קאַפּיטאַל געגען אַלע אָנגריפען פון די אַנ־דערע געזעלשאַפטליכע קלאַסען. אָבער הויכע, אויסער־קאָנקורענץ פּרייזען בעדייטען פאַר די ארבייטער א פערלענגערונג פון זייערע ווירקליכע שכירות, מעגען זיי איצטער, אין געלד, פערדיענען מעהר איידער פריהער, און קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגען וואָס די נעקסטע יאָהרען וועלען אין דעם פּרט ברייגגען. די בונטען פון די מאַסען אין איי־ראָפּאַ און אַמעריקא, צוליעב דעם יקרות אויף לעבענס־מיטעל, האָבען בעוויזען, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון די ארבייטער איז געוואָרען ערגער, ניט נאָר ר ע ל אַ ט י ו ו, אין פערגלייך מיט דעם, ווי אַנדערע קלאַסען, נאָר טאַקי אויך אַבסאָלוט: זיי איז היינט ערגער, ווי זיי איז אַמאָל געוועזען!

* * *

פון דער צווייטער זייט געהט מיט ריזיגע שריט די אָנזאַמלונג (קאָנצענטראַציע) פון קאַפּיטאַל.

דער אינדיווידועלער אונטערנעהמער, וואָס האָט ערשט נעכטען אַליין עקספּלואַ־טירט און געווען דער לייטער און אייגענטימער פון דער אונטערנעהמונג, וואָס האָט אַלע מאָל געהערט צו זיין פאַמיליע, ווערט איצטער פערוואַנדעלט — און דאָס קומט פאַר מיט אַלץ וואַקסענדער שנעלקייט, — אין אַן אַקציאָנער (שערהאָלדער). ער פער־לירט זיין עקאָנאָמישע בעדייטונג, און מיט דער הילף פון די בענק ווערט ער א לעדיג־געהער, א קופּאָן־שניידער. פריהער, אין די צייטען פון פרייע קאָנקורענץ, האָט מען גע־קאָנט זאָגען: איין קאַפּיטאַליסט שלאָגט דעם צווייטען, ער זעצט איהם ארויס פון מאַרק. איצטער איז עס אַנדערש: דער קאַפּיטאַל, ניט דער פערזענליכער קאַפּיטאַליסט, נאָר דער קאָנצענטרירטער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אין דער פאָרמע פון אַקציעס (שעהרס) און דורך די בענק, שטויסט ארויס די איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען און לאָזט זיי איבער

אַקציעס, וועלכע טראָגען זיך, ווי אָבגעפאַלענע בלעטער, פאַלען, פליהען ארויף און אראָב אין דעם שטורעם ווינד פון בירזשע־ספּעקולאַציעס.

אין מאַרקס'עס צייט זיינען די קרעדיט־איינריכטונגען, די בענק, געווען זעהר שוואַך ענטוויקעלט. זיי האָבען ערשט אָנגעהויבען אריינצודרינגען אין דער אינדוס־טריע און האָבען געשפּיעלט אַ בעשרענקטע ראָלע אין דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג. אָבער פאַר די עטליכע צעהנדליג יאָהר נאָך מאַרקס'עס טויט האָבען זיי דורכגעמאַכט אַ ריזיגע ענטוויקלונג, אין דער ריכטונג, ווי ער האָט עס פּראָוויסגעזאָגט. היינט זיינען זיי, ווי מאַרקס האָט זיי אָנגערופען: „דער קאָלאָסאַלער סאָציאַלער מעכאַניזם פון דער צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַלען" („קאַפּיטאַל", 1 באַנד, 1866). מיט העכער 50 יאָהר צוריק האָט מאַרקס געשריבען: „די קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל אין אַ געוויסער אינדוסטריע־צווייג וועט דערגרייכען די העכסטע מדרגה, אויב אַלע קאַפּיטאַלען וואָס זיינען אריינגעטאָן אין דער אינדוסטריע, וועלען צונויפגעשמאָלצען ווערען אין איינעם", — היינט ווערט דאָס פאַקטיש דורכגעפיהרט אין איין אינדוסטריע נאָך דער צווייטער מיט דער הילף פון טראָסטס און טראָסט־פאַר־איינינונגען!

אין דעם 3טען באַנד פון דעם „קאַפּיטאַל" האָט מאַרקס אָנגעדייטעט אויף דער לעצטער פאַזע פון קאַפּיטאַליזם. דאָרטען לייענען מיר די אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָס עס איז איצטער געוואָרען אַ פאַקט:

> „די קאַפּיטאַליסטישע אַרט פון פּראָדוקציאָן וועט בטל ווערען נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג גופא. דאָס קלינגט ווי אַ ווידער־שפּרוך און שיינט אויסצואווייזען, ווי אַן איבערגאַנגס־שטופע צו אַ נייער פאָר־מע פון פּראָדוקציאָן... אין געוויסע פאַלען פיהרט עס צו דער אויפבויאונג פון מאָנאָפּאָלען און פאָדערט דאָס אריינמישען זיך פון דער מלוכה־מאַכט. דיזע איבערגאַנגס־שטופע בעשאַפט אַ נייע פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע, אַ נייע פּאַראַזי־טישע פערשיעדענאַרטיגקייט אין דער פאָרמע פון אַלערליי פּראָיעקטען־מאַכער, „פּראָמאָוטערס", אַזוי גלאַט דירעקטאָרען, — אַ גאַנצע סיסטעם פון שווינדעל און אָבנאַרעריי ביי דעם גרינדען פון אַקציאָנס־קאָמפּאַניעס, אַרויסלאָזען און פערקויף פון אַקציעס. דאָס איז פּריוואַטע פּראָדוקציאָן — אָהן דעם קאָנ־טראָל פון פּריוואַט־איינענטום".

דאָס אַלץ איז מקוים געוואָרען. און אונזער דור טרעט אריין אין לעבען אין אַ צייט, ווען די וועלט טרעט אריין אין אַ נייער איבערגאַנגס־שטופע פון דער געשיכטע. דיזער איבערגאַנג קומט פאַר אונטער'ן גערויש פון קאַנאָנען, און אויפשטענדען און בונטען אין אַלע טיילען פון דער וועלט. דער סוף פון דער איבערגאַנגס־שטופע קאָן נאָר זיין איינער: די פּראָדוקציאָן, וואָס איז אָרגאַניזירט אין טראָסטען, וועט אריבער אין די הענד און קאָנטראָל פון דעם אָרגאַניזירטען ארבייטער קלאַס. אָט דיזער יונגער ארבייטער דור קאָן זיך נעהמען אַלס מאָטאָ די ווערטער פון מאַרקס'ען: „פון אַלע מיטלען פון דער פּראָדוקציאָן איז דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס די וויכטיגסטע פּראָדוק־טיווע מאַכט."

* * *

יע, מאַרקס לעבט! ער לעבט אין אונז און אַרום אונז. ער וועט לעבען אין די צוקונפטיגע דורות. ער וועט טראָגען פאַראויס די ליכט פאַר די דענקער, די פאָהן פאַר די קעמפּפער, און דער נייער יאָהרהונדערט וועט ערשט אָבשאַצען די גאַנצע גרויס פון זיין גייסט.

(„דער קאַמפּף", וויען 1913.)

היסטאָרישע און ביאָגראַפישע דאַטען

יאַנואַר

די וועלט איז מיין פאַטערלאַנד,
אַלע מענשען — מיינע לאַנדסלייט.

1 1863 — אָבגעשאַפען נעגער־שקלאַפעריי אין די פ. ש.; 1912 — די פ. ש. ברעכען אָפּ האַנדעלס־אָבמאַך מיט רוסלאַנד צוליעב דעם רעכט פון אַמעריקאַנער אידען צו קומען קיין רוסלאַנד.

2 1889 — געגרינדעט די עסטרייכישע ס.־ד. פּאַרטיי 1906.

3 1911 — אַנאַרכיסטען־קאַמפּף אין סטעפּנאו, לאָנדאָן.

4 1786 — געשטאָרבען דער דייטש־אידישער פילאָזאָף מאָזעס מענדעלסאָן; 1793 — צווייטע צוטיילונג פון פּוילען צווישען רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען.

5 1643 — געשטאָרבען אייזיק ניוטאָן.

6 1910 — געגרינדעט דער פעדעראַטיווער פערבאַנד פון די ס.־ד.־פּאַרטייען אין די באַלקאַן לענדער.

7 1842 — די „טשאַרטיסטען“־קאָנווענשאָן אין גלאַזגאָו, ענגלאַנד.

8 1883 — דער פּראָצעס פון קראָפּאָטקין און חברים אין ליאָנס, פראַנקרייך, פאַר אויפשטאַנד.

9 1905 — געשטאָרבען לואיז מישעל, די בעריהמטע פראַנצויזישע פרייהייטס־קעמפּפערין.

11 1829 — געשטאָרבען דער דייטשער דענקער פריעדריך שלעגעל.

12 1891 — געגרינדעט די ענגלישע „אונאַבהענגיגע ארבייטער פּאַרטיי“; 1912 — רייכסטאַג־וואַהלען אין דייטשלאַנד ברייגגען 4,250,000 שטימען פאַר דער ס.־ד.־פּאַרטיי.

13 1825 — אָבגעשאַפען שקלאַפעריי אין מעקסיקא; 1898 — עמיל זאָלאַ פערעפענטליכט זיין „איך בעשולדיג“ געגען דער רעגיערונג אין דעם דרייפוס־פּראָצעס.

14 1839 — פאָרגעבראַכט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט די ערשטע טשאַרטיסטישע פּעטיציע.

15 1809 — געבאָרען געווארען דזשאָזעף פּיערר פּרודאָן.

16 1885 — ערשיענען די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשורע אין אידיש — „יהי אור“, פון מ. ווינטשעווסקי; 1901 — געשטאָרבען בעקלין.

17 1793 — רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל פעראורטיילט צום טויט דעם פראַנצויזישען קעניג לואי דעם 16טען; — 1905 — גענעראַל באבריקאוו, גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פינלאַנד, דערשאָסען פון אַ פינישען סטודענט.

18 1875 — ערעפענט דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד.

19 1865 — געשטאָרבען דזשאָזעף פּיערר פּרודאָן.

20 1908 — ערשיענען דער „מאַניפעסט פון 100 גייסטליכע“ אין די פ. ש., וואָס האָבען זיך ערקלעהרט פאַר סאָציאַליזם.

21 1793 — הינגעריכטעט לואי דער 16טער, קעניג פון פראַנקרייך; 1870 — געשטאָרבען אַלעקסאַנדער הערצען, דער בעריהמטער רוסישער רעוואָלוציאָנער און שריפטשטעלער.

22 1729 — געבאָרען געוואָרען ג. ע. לעסינג; 1788 — געבאָרען געווארען לאָרד בייראָן; 1905 — דער „רויטער זונטאג“ אין פּעטראָגראַד (9טער יאַנואַר לויט'ן אַלטען סטיל); 1908 — די „אַרבייטער פּאַרטיי“ אין ענגלאַנד ערקלעהרט זיך פאַר'ן סאָציאַליזם.

23 1863 — דער אויפשטאַנד אין פּוילען; 1869 — געשטאָרבען ערנסט דזשאָנס, פיהרער פון די „טשאַרטיסטען“.

24 1911 — הינגעריכטעט 12 יאַפּאַנעזישע רעוואָלוציאָנערען (סאָציאַליסטען).

25 1871 — געשטאָרבען דער דייטשער אַרבייטער קאָמוניסט ווייטלינג.

26 1840 — געבאָרען עדואַרד וואַיאַן, דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער; 1912 — קאַרל ליעבקנעכט ערוועהלט אין רייכסטאָג פון קייזער ווילהעלם'ס דיסטריקט.

27 1910 — קוילען סטרייק פיהרער אין אויסטראַליען פעראורטיילט צו טורמע.

28 1878 — אָנגעפאַנגען ערשיינען אין נויאָרק די דייטשע סאָציאַליסטישע „פאָלקסצייטונג“.

29 1906 — די „אַרבייטער פּאַרטיי“ אין ענגלאַנד ערוועהלט 29 מיטגליעדער אין פּאַרלאַמענט.

30 1649 — ענגלישער קעניג טשאַרלס דער 1טער הינגעריכטעט.

31 1911 — געשטאָרבען דער דייטשער סאָציאַליסט פּאול זינגער.

פעברואַר

„ווען די יונגע וואָלטען געוואוסט, און די אַלטע — געקאָנט“, — דאָס איז די גאַנצע פילאָזאָפיע פון לעבען. — רובינשטיין.

---

1 1789—דזשאָרדזש וואַשינגטאָן צום ערשטען מאָל ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט פון די פ. ש.; 1908—דער קעניג און טראָהן־פאָלגער פון פּאָרטוגאַל דערשאָסען אין ליסאַבאָן.

2 1883 — געשטאָרבען וועגדעל פיליפּס, דער אַמעריקאַנער קעמפּפער געגען נעגער־שקלאַפעריי; 1904 — געשטאָרבען דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער אַנטאָניא לאַבריאָלא; 1908 — סופרים קאורט אין די פ. ש. ערקלעהרט דעם אָיקאָט פאַר אַ ניט־געזעצליכען קאַמפּפס־מיטעל.

3 1917 — איבערגעריסען דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען די פ. ש. און דייטשלאַנד; 1811 — געבאָרען געוואָרען האָראַס גרילי, דער בעקאַנטער אַמעריקאַנער ראַדיקאַל פון די 60ער יאָהרען.

4 1839 — ערעפענט די ערשטע קאָנווענשאָן פון די „טשאַרטיסטען“ אין ענגלאַנד.

5 1910—סופרים קאורט פעראורטיילט די העטער־אַרבייטער־יוניאָן צו בעצאָהלען אַריבער 220 טויזענד דאָלאַר שטראָף פאַר אָנווענדען א באָיקאָט געגען בעלי־בתים.

6 1649 — אָבגעשאַפען דאָס „הערען־הויז“ אין ענגלאַנד; 1878 — וויערא זאַסוליטש שיסט אין דעם גענעראַל טרעפּאָוו; 1910 — געשטאָרבען דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און געלעהרטער פעטער לאַווראָוו.

7 1649 — אָבגעשאַפען די מאָנאַרכיע אין ענגלאַנד.

8 1904 — אָנגעהויבען די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה.

9 1600 — פערברענט אויפ׳ן פייער דער איטאַליענישער פריידענקער דזשאָרדאָנא ברונאָ.

10 1842 — אָנגענומען דאָס געזעץ וועגען 10־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין ענגלאַנד.

11 1913 — עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַט פּראַנץ שוהמייער דערשאָסען פון אַ גריסטליך־סאָציאַלען (אַנטיסעמיט).

12 1809 — געבוירען אברהם לינקאָלן; 1804 — געשטאָרבען עמאַנועל קאַנט; 1809 — געבוירען טשאַרלז דאַרווין; 1837 — געשטאָרבען לודוויג בערנע.

13 1536 — היגגעריכטעט דזשאהן פאָן לעידען, דער פיהרער פון די אנאַבאַפּטיסטען.

14 1766 — געבוירען דער עקאָנאָמיסט ט. ר. מאַלטוס.

15 1781 — געשטאָרבען ג. ע. לעסינג; 1564 — געבוירען גאַלילעאָ גאַלילעי.

16 1903 — ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו שאַפט אָב די פינלענדישע קאָנסטיטוציע.

17 1856 — געשטאָרבען היינריך היינע; 1905 — קאַליאַעוו דער׳הרג׳ט דעם גרויספירסט סערגעי, גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווא.

18 1546 — געשטאָרבען מאַרטין לוטהער; 1910 — גענעראַל־סטרייק פון די סטריט־קאַר אַרבייטער אין פילאַדעלפיא, אַנדערע אַרבייטער אַרויס אין סימפּאַטיע־סטרייק.

19 1478 — געבוירען קופּערניקוס; 1907 — וואַהלען אין דער צווייטער רוסישער דומא, ערוועהלט 105 סאָציאַליסטען.

20 1914 — ראָזא לוקסעמבורג פעראורטיילט צו 1 יאָהר טורמע אין בערלין.

21 1677 — געשטאָרבען ברוך שפּינאָזאַ.

22 1732 — געבוירען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן; 1840 — געבוירען אויגוסט בעבעל.

23 1848 — די „פעברואַר“־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך; 1910 — גוסטאַוו הערווע פעראורטיילט אויף 4 יאָהר טורמע פאַר אַנטי־מיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ.

24 1848 — ערקלעהרט (די צווייטע) רעפּובליק אין פראַנקרייך.

25 1913 — דער גרויסער וועבער סטרייק אין פּעטערסאָן, נ. דזש.

26 1867 — בעבעל צום ערשטען מאָל ערוועהלט (אויך דער ערשטער סאָציאַליסט) אין נאָרד־דייטשען פּאַרלאַמענט; 1802 — געבוירען וויקטאָר הוגאָ.

27 1900 — געגרינדעט „די קאָמיטע פון ארבייטער פערטרעטונג“ אין ענגלאַנד (מיט 6 יאָהר שפּעטער — די „אַרבייטער פּאַרטיי“); 1901 — קאַרפּאָוויטש שיסט דעם מיניסטער באָגאָלעפּאָוו.

28 1912 — אָנפאַנג פון גרויסען מיינער סטרייק אין ענגלאַנד.

מערץ

„גלויבען — איז דער וואָרצעל פון טיראַניי,
וויסען — די איינציג זיבערע ערבות פון פרייהייט.“ — אַ. רוגע.

1 1895 — אויפשטאַנד אין קיובא.

2 1492 — אידען אַרויסגעטריבען פון שפּאַניען.

3 1861 — אָבגעשאַפט לייב־אייגענטום אין רוסלאַנד.

4 1849 — רעליגיאָנס־פרייהייט פּראָקלאַמירט אין עסטרייך.

5 1901 — רוסישער סינאָד „לייגט אַריין אין חרם“ לעוו טאָלסטאָי’ען.

6 1900 — גרינדונגס־צוזאמענפאָהר פון דער אַמעריקאנער ס.־ד.־פּ.

7 1842 — געבוירען מ. נ. היינדמאַן, פיהרער פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען אין ענגלאַנד; 1890 — ערשטע סאָציאַליסטישע וואָכענבלאַט אין ניו יאָרק — „די אַרבייטער צייטונג“.

8 1906 — אָנפאַנג פון די וואַהלען צו דער ערשטער דומא אין רוסלאַנד.

9 1907 — גענעראַל־סטרייק אין אישפאהר, פּערזיען.

10 1872 — געשטאָרבען דער איטאַליענער בירגערליכער רעוואָלוציאָנער מאַדזיני.

11 1912 — רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין כינא; 1917 — גרויסע און ערפאָלגרייכע רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד.

12 1902 — געשטאָרבען דזשאהן פּ. אַלטגעלד, דער גאָווערנאָר פון אילינאָי, וואָס האָט געוואגט צו דערצעהלען דעם אמת וועגען די „שיקאַגאָער אַנאַרכיסטען“ אין די הויי־מאַרקעט טראַגעדיע פון 1886; 1917 — די רוסישע דומא ענטזאַגט זיך צו פאָלגען דעם בעפעהל פון צאַר זיך אויפצולייזען, זי ווערט דער צענטר פון דער רעוואָלוציע.

13 1848 — רעוואָלוציאָן אין וויען; 1881 — אַלעקסאַנדער דער 2־טער הינגעריכטעט.

14 1883 —געשטאָרבען קאַרל מאַרקס.

15 1917 — ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו „דאַנקט אָב“ פון צאַרען־טראָן. עס ווערט צונויפגעשטעלט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פּראָוויזאָרישע רעגירונג מיט פירשט לוואָוו אַלס פּרע־מיער און פאול מיליוקאָוו אַלס מיניסטער פון אויסערען.

16 1902 — גרויסע סטודענטען אונרוהען אין רוסלאַנד; 1917 — די רעוואָלוציאָנערע רע־גירונג פּראָקלאַמירט אַלגעמיינע וואַהלרעכט, פרייהייט פון וואָרט און געוויסען.

17 1776 — די ענגלענדער פערלאָזען באָסטאָן; 1890 — געפאַלען דער דייטשער רייכס־קאַנצלער ביסמאַרק; 1906 — געשטאָרבען יאָהאַן מאָסט.

18 1848 — רעוואָלוציאָן אין בערלין; 1871 — פּראָקלאַמירט די פּאַריזער קאָמונע; 1908 — געשטאָרבען גריגאָרי גערשוני.

19 1906 — הינגעריכטעט לייטענאַנט שמידט, דער רעוואָלוציאָנערער אָנפיהרער פון די מאַטראָזען אין סעבאַסטאָפּאָל.

20 1852 —ערשיענען „אָנקעל סעם’ס קעבין“ פון ביטשער סטאָו, דאָס בוך, וואָס האָט פיעל מיטגעהאָלפען אין קאַמפף פאר דער נעגער־בעפרייאונג.

21 1871 — ערעפענט דער ערשטער רייכסטאָג פון פעראייניגטען דייטשלאַנד.

22 1832— געשטאָרבען יאָהאַן וואָלפגאַנג געהטע.

23 1801 — צאַר פאול דער 1טער דערהרגעט פון זיינע הויפליוט.

24 1907 — געשטאָרבען דער בעגאַבטעסטער רוסישער רעאַקציאָנער פּאָביעדאָנאָסצעוו.

25 1911 — דער „טרייענגעל“־אומגליק אין ניו יארק; אומגעקומען 146 אַרבייטער, מענער און פרויען.

26 1872 — בעבעל און ליעבקנעכט פערמשפט פאר „האָכ־פערראַט“ אין דייטשלאַנד.

27 1907 — שוואַרצע־מאהניקעס דערהרגען דעם ראַדיקאַלען דעפּוטאַט פון דער ערשטער דומא יאָללאָס.

28 1906 — פּנחס רוטענבערג דערהרגעט דעם גלח גאַפּאָן.

29 1912 — אין ענגלאַנד אָנגענומען דאָס נאַציאָנאַלע געזעץ וועגען א מינימאַל־לוין פאר מיינערס.

30 1909 — יאָהאַן פּורען, דער לעטישער רעוואָלוציאָנער, וועמען די רוסישע רעגירונג האָט געוואָלט אַרויסקריגען פון די פּ. ש., פּרייגעלאָזען.

31 1898 — געשטארבען עלעאָנאָר מאַרקס.

אַפּריל

„ניט גאָט אָדער די געטער האָבען בעשאַפען די וועלט,
נאָר דער מענש האָט בעשאַפען די געטער." — ג. פישער.

1 1789 — ערשטע רעפּרעזענטאַנטען־הויז אָרגאַניזירט אין ניו יארק סטייט.

2 1791 — געשטאָרבען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער מיראַבאָ.

